STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10811

MOTL PEYSI DEM KHAZNS

Sholem Aleichem

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-10811-1

D:\YIDDISH\TITLES\9780657108113T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

שאָלעם־אלייכעם

מאָטל פּייסי דעם כאזנס

צווייטער טייל

אין אמעריקע

אָגיז ★ מעלוכע־פארלאג „דער עמעס"
מאָסקווע ★ 1948

פאָרוואָרט

אינעם צווייטן טייל פון „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס" ווערט געשילדערט דער צושטאַנד פון ייִדן עמיגראַנטן, וואָס זײַנען פונעם אָפּגעשטאַנענעם צאַרישן רוסלאַנד מעגולגל געוואָרן אין דער דאַמאָלסט מער אַנטוויקלטער אַמעריקע.

אַוואַדע זײַנען אַ סאַך פון די עמיגראַנטן די ערשטע צײַט שטאַרק ניס־פּאָעל פונעם נײַעם לאַנד, וואָס „קאָן מאַכן פון קליין גרויס, פון נידעריק הויך" און וווּ אַלע „מאַכן אַ לעבן". אָבער גאָר גיך פאַרזוכן זיי דעם עמעסן טאַם פון דעם אַמעריקאַנער „שאַפּ" מיט זײַן גאַנצער שוויצ־ און עקספּלוטאַציע־סיסטעם, זיי דערפילן דעם גאַז פון די פּרעסלעך, וואָס „פאַרהאַקט אַזוי דעם קאָפּ, אַז די אַרבעטער אין שאַפּ פאַלן כאַלאָשעס". זיי האָבן אומגעהייערע צאָרעס פונעם „פאָרמאַן" — פונעם אויפזעער, וואָס איז אַמאָל אַליין געווען אַן אַרבעטער, נאָר „ער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט" און פײַניקט איצט זײַנע אַמאָליקע כאַווײרים נאָך ערגער ווי דער באַלעבאָס אַליין. „זיי קומען אַהיים פון שאַפּ"... „אויסגעמאַטערט און הונגעריק", און פון צײַט צו צײַט מוזן זיי שטרײַקן, זײַן אַרבעטסלאָז און האָבן געבראָטענע לייד פון די אַמעריקאַנער גענגסטער.

אַוואַדע זײַנען אייניקע עמיגראַנטן מיט זייערע קליינשטעטלדיקע האַסאָגעס נאָך לאַנג פאַרטשאַדעט פונעם אַמעריקאַנער רויך, גייען אַרום ווי אין הינערפּלעט און זעען ניט דעם עמעסן פּאַרצעף פון דער צווייפּנעמדיקער קאַפּיטאַליסטישער אַמעריקע מיט אירע גרויסע סטירעם און קאָנטראַסטן. איינער פון אַזעלכע פאַרטשאַדעטע איז עליעס באַוועך — פּיניע, וואָס האַלט ראַק אין טײַנען, אַז אין אַמעריקע איז אַלץ גוט און שיין, אַז אין אַמעריקע זײַנען אַלע גלײַך: „אַ בעטלער, אַ שלעפּער... אַ גראַף, אַ סראָרע", „אַז אַמעריקע האָט פײַנט בלאָף". די מער ניכטערע אָבער פאַרשטייען דאָס אַלץ אַ סאַך בעסער פון אים און גיבן אים אָפּ אַ רעכטן אָפּשניט. אָט זאָגט אים אַשטייגער אַ ייִד אַן עמיגראַנט: „אַז ס'איז יאָ אַזאַ גליקלעכע מעדינע, ווי איר זאָגט, וווּ אַלע זײַנען גלײַך, פונוואַנען נעמען זיך דאָרטן שלעפּערס און גראַפן און בעטלערס און סראָרעס?" אָדער אָט ענטפערט אים מאָטלס שוועגערן בראָכע: „אַזויפיל מאַקעס זאָלן זיך זעצן אונדזערע סאָנים אַף אַזאַ אָרט, וווּ איך וויים, און אַזויפיל גוטע יאָר זאָלן מיר אַלע האָבן, וויפל ליגנים עס ווערט אַרויסגערעדט אַ טאָג אין ניו־יאָרק אַליין..."

אינעם צווייטן טייל „מאָטל" פאַרנעמט אַ היפּש אָרט אויך דער האַס צו די שוואַרצע קויכעס פונעם צאַרישן „ריסנלאַנד", וואָס איבער זיי האָבן די פּערסאָנאַזשן פונעם ווערק געמוזט פאַרלאָזן זייער אַלטע היים,

דאָס פאָטערלאנד, אונ ווערנ עמיגראנטנ. דעמ דאָזיקנ צושטאנד האָט שאָלעמ־אלייכעמ זייער קרענקלעכ איבערגעלעבט. ער האָט דאָס באזונדערס אויסגעדריקט אינ איינעמ פונ זײַנע גלענצנדיקע אפאָריזמענ:

„עס איז ניטאָ קיינ ערגערס פאר א מענטשנ ווי ניט האָבנ קיינ פאָטערלאנד אונ וואנדערנ פונ איינ אָרט אפנ אנדערנ'' (אזוי זאָגט האָמער). אונ איכ זאָג: עס איז ניטאָ קיינ ערגערס פאר א מענטשנ ווי האָבנ א פאָטערלאנד אונ דאָכ זײַנ געצוווּנגענ צו וואנדערנ פונ איינ אָרט אפנ אנדערנ אינ פרעמדע לענדער.

דאָס „זײַנ געצוווּנגענ צו וואנדערנ'' אינ פרעמדע לענדער האָט שאָלעמ־אלייכעמענ נאָכ מער געערגערט מאכמעס דעמ, וואָס ער איז מיט טויזנטער פעדעמ געווענ געבונדנ צו זײַנ געבוירטסלאנד אונ צו דער קולטור פונעמ לאנד אונ איז אבסאָליוט געווענ זיכער, אז „די צוקונפט פונ אונדזער פאָלק איז דאפקע דאָ, אינ דעמ דאָזיקנ לאנד, ווו מיר לעבנ. די שווערע צײַט וועט פאריבער, די פינצטערע וואָלקנס וועלנ פאנאנדערגיינ, דער הימל וועט לויטער ווערנ, אונ די זונ וועט אונדז באווײַזנ אירע שטראלנ'' (פונ שאָלעמ־אלייכעמס א געשפרעכ אינ 1914. „דאָס לעבנ'', נומ. 103 — 1914). ער איז געווענ זיכער, אונדזער גרויסער פאָלקסשרײַבער, אז „ווענ מיר האָבנ דאָ די קאָנסטיטוציע, וואָס מיר מיינענ, באדארפנ מיר שוינ קיינ שומ אמעריקע נישט. דעמלט האָבנ מיר דאָ א בעסער אמעריקע ווי איר דאָרט''... („נישטאָ קיינ נײַעס'', 1907).

יאָ, שאָלעמ־אלייכעמ האָט געהאט א געזונטנ געשיכטלעכנ פארשטאנד: גראָד רוסלאנד, דאָס סאָוועטישע רוסלאנד, איז געוואָרנ דאָס אָרט, וווּהינ עס זײַנענ געווענדט די אויגנ פונ אלע געיאָגטע אונ געפּלאָגטע, אפילע פונ אמעריקע גופע; אונ דאפקע אמעריקע, דאָס קאפּיטאליסטישע דאָלערלאנד מיט זײַנ צווועסדיק־נידערטרעכטיקנ וואָל־סטריט, ווערט אלצ מער דער צענטער פונ אונ פאר אלע פינצטערלינגענ, וואָס שמידנ אונ ווענדנ זייער שוידערלעכ געווער קעגנ די ארבעטנדיקע פונ גאָר דער וועלט.

דער צווייטער טייל „מאָטל'' איז לײַדער געבליבנ ניט פארענדיקט. א סאכ פינצטערע זײַטנ פונעמ אמעריקאנער לעבנ אונ שטייגער האָט דער גרויסער הומאָריסט ניט באוויזנ צו אנטפלעקנ פאר אונדז. ער איז פריצײַטיק געשטאָרבנ. אָבער איכ די ניט־פארענדיקטע שילדערונג האָט פאר אונדז א גרויסנ דערקענטעניש־ווערט. אונ ניט נאָר א דערקענטעניש־ווערט. לייענענדיק דעמ צווייטנ טייל, קומענ מיר ווידער אינ קאָנטאקט מיט אונדזער געניאלנ מײַסטער, ווערנ נאָכאמאָל באצויבערט פונ זײַנ גוטמוטיקנ שמייכל אונ ווערנ פארכאפּט פונ זײַנ וווּנדערלעכנ אָפּטימיזמ אונ עכטער ליבע צומ פאָלק.

ע. פאלקאָוויטש

I

מאזלטאָוו, מיר זענען שוין אין אמעריקע!

א

אונדז קומט מאזלטאָוו — מיר זענען שוין אין אמעריקע. דאָס הייסט, מע זאָגט, אז מיר זענען אין אמעריקע. אמעריקע האָבן מיר נאָך ניט געזען, וואָרעם מיר זענען נאָך דערווייל אין „קעסטל-גארטל". דאָס הייסט, אמאָל האָט דאָס אזוי געהייסן. היינט הייסט עס שוין מער ניט „קעסטל-גארטל", נאָר „עליס איילאנד". פארוואָס עפּעס „עליס איילאנד"? „ווייל דאָס שטיקל לאנד האָט אמאָל גע-הערט צו איינעם עליע, איז ער געווען א נאר ביז דער סטעליע." אזוי זאָגט אונדזער כאווער פּיניע צום גראם, ווי זיין שטייגער איז. פּיניע איז אין קאעס אפן עליס איילאנד מיט סאקאָנעס. לעמיי מע פארהאלט די אָרעמע עמיגראנטן און די רייכע לאָזט מען אריין גלייך, ווי זיי קומען אָן מיטן שיף. דאָס פּאסט, זאָגט ער, נאָר פאר פּאָני-גאנעוו[1], ניט פאר אזא פרייע מעדינע, ווי אמעריקע. אלע דארפן דאָ זיין גלייך. נישטאָ קיין אָרעמ, נישטאָ קיין רייך. און ער הייבט אָן שיטן מיט נעמען: קאָלומבוס, שעקספּיר, באָקל, ציוויליזאציע... ער קלייבט זיך אָנשרייבן אפּ זיי א ליד און אוועקגעבן זיי א גאָב, אז דער שווארצער יאָר זאָל זיי נעמען! האָט ער ניט קיין טינט-און-פּעדער און קיין ברעקל פּאפּיר. זאָגט אים מיין ברודער עליע, אז אויב עס געפעלט אים ניט דאָס לאנד, האָט ער א ברייררע פאָרן צוריק. און דאָס געדענקט איר דאָך מיסטאמע פון אמאָל, אז די צוויי, פּיניע און עליע, זענען זעלטן שאָווע-בעשאָווע[2]. וואָס איינער זאָגט, דרינגט

---

1 געמיינט: דער קייסער מיט זיינע זשאנדארמען און פּאָליצי.

2 געמיינט: איינ דייע; איינשטימיק.

דער אַנדערער קאַפּויר. „דער זומער מיטן ווינטער״ — רופֿט זיי מײַן ברודער עליעס ווײַב, בראָכע, און כאַפּט אַ מיִעסן פּסאַק פֿון איר מאַן, פֿון עליען. ער רופֿט זי אָן „בעהיימע״ און „סאָטע ציג״, און נאָך אַזעלכע נעמען, וואָס ס'איז ניט קעדײַ איבערצוכאַזערן. מישט זיך אַרײַן די מאַמע און זאָגט צו איר שנור, אַז קעץ רײַסן זיך, טאָר אַ מענטש ניט זײַן אינמיטן, וואָרעם ער קאָן כאַפּן אַ דראַפּ...

ב

וואָס טוען מיר אין עליס אײַלאַנד? מיר וואַרטן, ביז מע וועט קומען פֿון שטאָט, באַקאַנטע און פֿרײַנט, און מע וועט אונדז אויסשרײַבן. כאָטש שרײַבן האָט מען אונדז אויסגעשריבן שוין וויפֿל מאָל. מע האָט אונדז געשריבן, פֿאַרשריבן און אויסגעשריבן פֿאַרן אַרופֿגיין אויפֿן שיף, און אויפֿן שיף גופֿא, און איצט, באַם אַראָפּגיין פֿון שיף. און אַלעמאָל די אייגענע כאָכמע: ווער זענען מיר? וווהין פֿאָרן מיר? און וועמען מיר האָבן אין אַמעריקע?

דערציילן מיר זיי, אַז ס'איז געווען אַ ייִד פּייסי דער כאַזן — איז ער געשטאָרבן. האָט ער איבערגעלאָזט אַן אַלמאָנע — דאָס איז די מאַמע. האָט זי אַ זון — הייסט ער עליע. האָט ער אַ ווײַב — הייסט זי בראָכע. האָט ער אַ כאַווער — הייסט ער פּיניע. האָט ער אַ ווײַב — הייסט זי טײַבל. און איך בין דער מיזיניק — הייס איך מאָטל. און דאָס איז מײַן כאַווער — הייסט ער מענדל. און ווײַל ער איז אַ גוריסער — האָט אים בראָכע אַ נאָמען געגעבן לאָשאַק.

וועמען האָבן מיר אין אַמעריקע? גאַנץ אַמעריקע איז אונדז באַקאַנט, און אַלע ייִדן זענען אונדזערע פֿרײַנט. רייִשיס-כאָכמע[1], מוישע דער אײַנבינדער און זײַן ווײַב פּעסיע די גראָבע — אונדזערע אַ שכיינע, מיט אַ גאַנצער כאַליאַסטרע קינדער. האָט זיך יעדער זײַן נאָמען מיט זײַן צונעמעניש. און מיר רעכענען זיי אויס אויף די פֿינגער: פּיניע קלעצל, ווע‌לוול קאָטער, מענדל טשערנאָהוז, כאַיִם בופֿלאַקס, פֿײַטל פּעטעלעלע און הערשל מיט דער גוליע אויפֿן שטערן, וואָס מע רופֿט אים „וואַשטי״...

שלאָגט מען אונדז איבער אינמיטן און מע זאָגט אונדז: „גענוג,

---

1 געמיינט: צום אַלעם ערשטן.

געגוג קליינוואַרג. עלטערע! גיט אהער עלטערע!״ גיבּן מיר זיי עלטערע און רעכענען זיי אויס די נעמען: יוינע דער בעקער, א ייִד א קײַסן. איז ניט איינס. זײַן ווײַב ריוועלע די בּעקערן, א ייִדענע מיט א רעטאָנדע. איז ניט צוויי. דאָס הייסט, זי האָט געהאַט א רעטאָנדע, האָט מען זי אָוועקגעגאַנוועט אַפּ דער גרענעץ. דער־הערט דאָס וואָרט „גרענעץ״, דערמאָנט זיך די מאַמע אָן „אונדזערע זאַכן, וואָס מע האָט אויך אַוועקגעגאַנוועט אַפּ דער גרענעץ. הייבּט זי אָן בּעטן, טאָמער איז מעגלעך, מע זאָל איר קריגן די זאַכן, — און הייבּט אָן צו וויינען. פאַלט אָן אַפּ איר עליע, לעמײַ זי וויינט. זאָגט זי, אַז איצט איז זי שוין אין אַמעריקע און האָט שוין קיין מוירע ניט פאַר די אויגן, מעג זי שוין, זאָגט זי, וויינען און וויינען.

ג

וויאַזוי מע האָט זי דורכגעלאָזט מיט די אויגן — איז טאַקע א נעס מין-האַשאָמאַיִם[1]. לעמײַ וויאַזוי זענען מיר לעבּן געבּליבּן פון דער נעסיִע אַפּן יאַם? איז עס דען ניט געווען קיין ניסים-וועניפלאָעס? וויפל מאָל האָבּן מיר געזען מיט אונדזערע אויגן דעם מאַלעך-האַמאָוועס, דעם טויט פאַר די אויגן? וויפל מאָל האָבּן מיר זיך שוין געהאַט אָפּגעזעגנט מיטן לעבּן?

טכילעס, אַז מיר זענען אַרופ אַפּן שיפ „פּרינץ אַלבּערט״, איז דאַפּקע געווען גוט און פײַן. איך און מײַן כאַווער מענדל האָבּן זיך געלאָזט אויסמעסטן דעם „פּרינץ אַלבּערט״ אין דער לענג און אין דער בּרייט. קיינעם איז ניט געווען אַזוי גוט, ווי אונדז. מיר האָבּן קיינמאָל ניט געהאַט אַזאַ קוואַרטיר, ווי איצט. א וואַסער-שטובּ. א דרײַגאָרנדיקע שטובּ אַפּן וואַסער. איך האָבּ אײַך זי געהאַט שוין אַמאָל אויסגעמאָלט מיט אַלע פּישטשעווקעס. שטעלט אײַך פאָר — איר זיצט, דאַכט זיך, אין שטובּ, אָדער איר שפּאַצירט אַרום, די הענט אין די קעשענעס, און — איר פאָרט! איר עסט און — איר פאָרט! איר טרינקט און — איר פאָרט! הײַנט די מענטשן, וואָס איר זעט זיך אָן. א וועלט מיט מענטשן. א גאַנצע שטאָט פאָרט מיט אײַך. און מאַכמעס אַלע פאָרן אַפּ איין שיפ און אַלע פאָרן אין איין אָרט

---

1 פון הימל. געמיינט: פון גאָט.

אריַין, קיין אמעריקע — באַקענט איר זיך מיט אַלעמען און אַלע באַקענען זיך מיט אײַך, און איר ווערט געוואָר אין איין טאָג אַזויפיל זאַכן, וואָס אין אַן אַנדער אָרט וואָלט איר עס ניט דערגאַנגען אין א יאָר.

ד

ווײ-ווײ, וויפל באַקאַנטע מײַן מאַמע און מײַן שוועגערן בראָכע מיט פּיניעס ווײַב טײַבל האָבן זיך געמאַכט צווישן די ווײַבער. נאָר דאָס איז געווען גאָרניט קעגן די באַקאַנטע, וואָס מײַן ברודער עליע און זײַן כאַווער פּיניע האָבן זיך געפונען צווישן די מאַנצבלען. וויפל מע האָט ניט גערעדט און גערעדט, האָט מען ניט געקאָנט זיך גענוג אָנרעדן. ווײַבער האָבן גערעדט מער פון היימישע זאַכן. פון זאַכן, וואָס זענען שײַעך צו דער קיך, צו דער שפּיזאַרנע, ווײַס גרעט, קויטיק גרעט, בעטגעוואַנט, זאָקן, ציכלעך, רעטאָנדעס. און די מאַנצבלען — די האָבן גערעדט פון אמעריקע, פאַרנאָסע, קאָלומבוס, גזיירעס, פּאָגראָמען.

אָן גזיירעס און אָן פּאָגראָמען קענען זיי זיך ניט באַגיין. און איך האָב אײַך שוין לאַנג געזאָגט, אַז איך האָב עס פײַנט. הייבט מען אָן רעדן פון גזיירעס אָדער פון פּאָגראָמען, גיי איך אַוועק. איך נעם מײַן כאַווער מענדל פאַר א האַנט, און מיר לאָזן זיך שפּאַצירן איבער די גאַסן פון „פּרינץ אַלבערט".

ה

„פּרינץ אַלבערט" איז גענוג גרויס. און שיין. שטיינערנע טרעפּ. מעשענע פּאַרענטשעס. שטאָל און אײַזן ווי מע טוט זיך א ריר. הײַנט „מענטשן". איך מיין די באַדינער. מע רופט זיי „סטיואַרדס". און „נוירסעס". הײַנט מאַטראָסן — אַזוי ווי די רוכעס. לויפן אַרום הין און הער. איך און מענדל זענען זיי מעקאַנע. מיר גיבן זיך דאָס וואָרט, אַז מיר וועלן אויסוואַקסן, ווערן גרויסע, זאָלן מיר זיך פאַרשרײַבן פאַר מאַטראָסן.

איין כיסאָרן האָט דער „פּרינץ אַלבערט". מע לאָזט אונדז ניט אומעטום זײַן. קוים ווילן מיר געבן א קוק אַרײַן א ביסל ווײַטער פון צווישנדעק, ווי מיר פאָרן, אַזוי טרײַבט מען אונדז דורך. טאַקע

די מאטראָסן גופע. גרויסע רעשאָים. און די פּאסאזשירן אַליין, פֿון יענע העכערע קלאסן, זענען אויך רעשאָים. וואָרעם זיי זאָלן ניט זײַן קיין רעשאָים, וואָלטן זיי פארזאָגט די מאטראָסן, מע זאָל אונדז ניט טרײַבן. וואָס וועלן מיר זיי טאָן? מיר וועלן זיי אָפּבײַסן? מײַן כאווער מענדל איז גלאט ניט צופרידן. ער פארשטייט ניט, צו וואָס דארף מען קלאסן? ער זאָגט, אז אין אמעריקע איז ניטאָ קיין קלאסן. טאָמער גלייב איך אים ניט, קאָן איך א פרעג טאָן בא מײַן ברודער עליע. האָט אָבער מײַן ברודער עליע פײַנט, אז מע פרעגט בא אים פוסטע זאכן. איך וועל שוין בעסער פרעגן בא אונדזער כאווער פּיניע.

אונדזער כאווער פּיניע האָט דאפקע ליב צו רעדן פון אזעלכע זאכן. ער קאָן אײַך אָפּשיטן מיט רייד. און האָט איר אים נאָר זאטשעפּעט מיט א וואָרט, איז ווי אן אָנגעדרייטער וועקזייגער. ער וועט ניט אנשוויגן ווערן, ביז דאָס רעדל וועט זיך אַליין ניט אָפּשטעלן.

ו

איך האָב געפּאקט פּיניען, בײַס ער איז געזעסן אפן דעק. ער האָט ארײַנגעטאָן זײַן שפּיץ נאָז אין א בוך. מאכמעס ער איז א קורצזיכטיקער, לייענט ער ניט מיט די אויגן, נאָר מיט דער שפּיץ נאָז. איך בין צוגעגאנגען צו אים נאָענט.

— רעב פּיניע, איך דארף אײַך עפּעס פרעגן.

פּיניע האָט צוגענומען די נאָז פון בוך.

— וואָס'טו זאָגן, קאָטוינטי? — קאָטוינטי הייסט בא אים קליינינטשקער. אזוי רופט מיך פּיניע, בײַס ער איז אופגעלייגט. און אופגעלייגט איז ער קימאט אלעמאָל. אפילע דעמלט, ווען ער קריגט זיך מיט מײַן ברודער עליע, און אפילע דעמלט, ווען זײַן טײַבל בלאָזט זיך. דערצייל איך אים אזוי און אזוי. צי ס'איז עמעס, וואָס מע זאָגט, אז אין אמעריקע איז ניטאָ קיין קלאסן?

האָט איר באדארפט אָנקוקן, ווי אָט דער פּיניע האָט זיך אָנגעצונדן און צעפלאקערט זיך און גענומען רעדן און קײַען און שפּײַען און שיטן מיט פײַערדיקע הויכע ווערטער: אז אמעריקע איז דאָס איינציקע לאנד, זאָגט ער, פון עמעסער פרײַהײַט און פון עמעסער גלײַכהײַט. אין אמעריקע, זאָגט ער, קאָנסטו זיצן אָט-אָ-דאָ-אָ און נעבן

דיר זאָל זיצנ דער „פרעזודענט", אונ ווײַטער א ביסל זאָל זיצנ א בעטלער, א שלעפּער, א ניקס שעבעניקס. אונ נאָכ א ביסל ווײַטער — א גראפ, א סראָרע, א מיליאָנשטשיק! ציוויליזאציע! פּראָגרעס! קאָלומבוס!.. אונ דאָ הייבט ערשט פיניע אָנ ארויסצושיטנ זײַנע שענסטע ווערטער. מישט זיכ ארײַנ א ייִד אנ עמיגראנט, א ווילדפרעמדער:

— אז ס'איז יאָ אזא גליקלעכע מעדינע, ווי איר זאָגט, ווו אלע זענענ גלײַכ, פונוואנענ זשע נעמענ זיכ דאָרטנ שלעפּערס אונ גראפנ אונ בעטלערס אונ סראָרעס? מימאָ-נעפשעכ...

נאָר מיר לאָזנ איבער פיניענ מיטנ ייִדנ מיט נאָכ ייִדנ, זיי זאָלנ זיכ רײַסנ — אבי מיר זענענ דערגאנגענ, וואָס מיר דארפנ, אז אינ אמעריקע זענענ קיינ קלאסנ נישט פאראנ. קומט אויס, אז מענדל איז גערעכט. ער זאָגט, אז קלאסנ דארפ מענ פײַנט האָבנ. דאָס הייסט, אז די פאסאזשירנ פונ די העכערע קלאסנ דארפ מענ פײַנט האָבנ. פארשטיי איכ ניט, פארוואָס? וואָס האָב איכ צו זיי? זאָגט מענדל: וואָס האָבנ זיי זיכ פארשלאָסנ בא זיכ אינ צווייטער אונ אינ ערשטער קלאס צווישנ די שפּיגלענ? וואָס שטייט זיי אזוי ניט אָנ, די גרויסע פּריצים, צו זיצנ מיט אונדז אָט דאָ, צווישנ דעק? מיר זענענ דענ קיינ מענטשנ ניט גלײַכ מיט זיי? אונדזער גאָט איז דענ ניט דער אייגענער, וואָס זייער גאָט? — דערפאר האָט ער דערלעבט אינ זיי א נעקאָמע. ס'איז געקומענ א נאכט, וואָס די מעיוכאָסימ פונ צווייטער אונ ערשטער קלאס האָבנ זיכ אראָפּגעלאָזט צו אונדז, אינ דריטע קלאס, אונ געוואָרנ גלײַכ מיט אונדז אלעמענ. דאָס איז געווענ אינ דער נאכט פונ יאָמקיפּער, צו קאָלנידרע.

ז

מאכמעס דער „פרינצ אלבערט" איז ארויסגעגאנגענ אסערעס-יעמייטשוווע[1], איז אונדז אויסגעקומענ צו פראווענ יאָמקיפּער אפנ שיפ. ערעוו יאָמקיפּער האָבנ מיר זיכ פארפאסט מיט געבראָטענע קארטאָפל — „פעטייטעס" רופט מענ עס דאָ. קיינ קאָשערע קיכ איז אפ „פרינצ אלבערט" נישט פאראנ, לעבנ מיר די גאנצע צײַט פונ

1 די טעג צווישנ ראָשעשאָנע אונ יאָמקיפּער.

...פונוואנען זשע נעמען זיך דאָרטן שלעפערס
און גראפן און בעטלערס און סראָרעס?

פּעטייטעס. און ברויט גיט מען אונדז לאָרויוו[1]. און טיי און צוקער אַלע טאָג. ס׳איז גאָרניט אַזוי שלעכט. מע וואָלט געקאָנט א גאנץ יאָר אַזוי לעבן. זאָגט אָבער בראָכע, מײַן ברודער עליעס ווײַב, אַז פון פּעטייטעס ווערט געשוואָלן דער בויך. נאָר וואָס זי קאָן זאָגן! ס׳איז דען פאַראַן א זאַך, וואָס זאָל איר געפעלן? אַפ אַלצדינג געפינט זי אײַך אַ כיסאָרן. לעמאָשל, איר געפעלט ניט דער „פּרינץ אַלבערט“, לעמײַ ער קריכט. ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, זאָגט זי, אַז א נעסיע זאָל געדויערן צען טעג? זאָגט מען איר, אַז שולדיק איז ניט דאָס שיף — שולדיק איז דער יאַם. און אונדזער כאַווער פּיניע נעמט זיך אונטער איר געבן צו פאַרשטיין, אַז דער יאַם באַטרעפט דרײַ מאָל אַזויפיל וויפל די יאַבאָשע, די טריקעניש. זאָגט מײַן ברודער עליע, אַז ניט דרײַ מאָל, נאָר צוויי מאָל אַזוי פיל. וואָס-וואָס — נאָר געאָגראַפיע ווייסט ער בעסער. אַפ דער וועלט איז פאַראַן, זאָגט ער, צוויי דריטל וואַסער, איין דריטל טריקעניש. קומט, זאָגט ער, אויס די רעכענונג, אַז יאַם איז צוויי מאָל אַזוי פיל, ווי יאַבאָשע. זאָגט פּיניע: ניין, דרײַ מאָל. זאָגט עליע: ניין, צוויי מאָל. „דרײַ מאָל!“ „צוויי מאָל!“ — צעקריגט מען זיך, נאָר מע בעט זיך גיך איבער.

ח

ווער וועט דאַווענען פאַרן אָמעד[2]? זאָגן קאָלנידרע? פאַרשטייט זיך, מײַן ברודער עליע. ער איז טאַקע קיין כאַזן קיינמאָל ניט געווען. איז אָבער זײַן טאַטע געווען א כאַזן, און א באַרימטער כאַזן. א קאָל-נעגינע האָט ער. איוורע קאָן ער. וואָס דאַרף מען נאָך? און דערצו האָט שוין אונדזער כאַווער פּיניע מיטגעהאָלפן, אַז מע זאָל מײַן ברודער אַפילע בעטן זאָגן קאָלנידרע. ער האָט אַרויסגעלאָזט א קלאַנג איבערן גאַנצן שיף, אײַנגערוימט יעדן באַזונדער א סאָד אַפן אויער, אַז אָט דער יונגערמאַן מיטן געלן בערדל (עליע) איז א מוירעדיקער באַלמענאַגן[3]. זײַן דאַווענען — פּס! און ווער שמועסט, אַז זײַן קליין ברודערל, אָט דער קאָטוינטי (דאָס מיינט מען מיך), זאָל

---

1 איבערגענוג.
2 דער שטענדער, ווו דער כאַזן שטייט באַם דאַווענען.
3 א זינגער.

איִם אונטערהעלפֿן אַף זײַן סאָפּראַנאָ, וועלן מיר האָבן א יאָמקיפּער, אַז גאָט און לײַט וועלן אונדז מעקאַנע זײַן.

וויפֿל עליע האָט זיך ניט געבעטן, מע זאָל איִם לאָזן צורו, וויפֿל ער האָט ניט געשוואָרן, אַז ער האָט זינט ער לעבט נאָך ניט געדאַוונט פֿאַרן אָמעד יאָמים-נויראָים. עס האָט ניט געהאָלפֿן קיין שמאַ-ייִסראָעל[1]. מע האָט איִם קימאַט מיט גוואַלד אַוועקגעשטעלט פֿאַרן אָמעד (אַ קײַלעכיק טישל, מיט אַ ווײַסן לײַלעך איבערגעדעקט), און מיך האָט פֿיניע גענומען פֿאַר איין אויער: „גיי, קאָטוינטי, צו דער אַרבעט!“ און מיר האָבן אַוועקגעלייגט פֿאַר די פּאַסאַזשירן אַ קאָלנידרע, וואָס זיי וועלן איִם האָבן צו געדענקען אַף דויר-דוירעס.

ט

ניט אַזוי דער קאָלנידרע, ווי די „ייַלעס“[2], און ניט אַזוי די „ייַלעס“, ווי דער געוויין פֿון די ווײַבער און פֿון די מאַנצבילן. פֿריִער האָט מען נאָר געקרעכצט, געזיפֿצט, געשנײַצט די נעזער. דערנאָך האָט מען גענומען ווישן די אויגן. דערנאָך — ווײנען שטילערהייט. דערנאָך — ווײנען העכער און העכער, שרײַען, קוויטשען און פֿאַלן כאַלאָשעס. זיי האָבן זיך דערמאָנט, אַז ערשט פֿאַראַיאָרן איז מען געווען איטלעכער בא זיך אין דער היים. יעדער אין זײַן שול. אַף זײַן פּלאַץ. בא זײַן שטענדער מיט זײַן מאַכזער. געהערט זײַן כאַזן. זײַנע זינגערלעך. איצט איז מען נאַ-ווענאַד, געיאָגט און געטריבן, ווי די שאָף, וואָס מע פֿירט צו דער שכיטע, צונויפֿגעפּאַקט קאָפּ אַף קאָפּ. מע קען דעם אָטעם ניט כאַפּן. איר קאָנט פֿאַרשטיין, אַז אַפֿילע די אויסגעפּוצטע פּאַסאַזשירן פֿון די העכערע קלאַסן מיט די הויכע גלאַנצנדיקע צילינדערס אַף די קעפּ האָבן זיך נישט געקאָנט אײַנהאַלטן און געווישט מיט זײַדענע טיכלעך קלוימערשט דעם שוויס. נאָר איך האָב גוט געזען טרערן בא זיי אַף די אויגן. דער טרויער איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַפֿילע די סטיואַרדס און די מאַטראָסן זענען מיט דרעכ-ערעץ געשטאַנען פֿונדערווײַטן און צוגעקוקט, ווי ייִדן האָבן זיך אײַנגעוויקלט אין ווײַסע טאַלייסים, שטייען

---

1 געמיינט: קיין זאַך האָט ניט געהאָלפֿן.
2 שפּילעס.

אין די זאָקן און שאָקלען זיך און וויינען און יאָמערן — אפּאָנעם, ס'איז זיי גוט ביטער אפן הארצן. און מײַן ברודער עליע האָט זיך צעזונגען. און איך העלף אים אונטער. און דאָרטן אין ווינקל, צווישן די ווײַבער, שטייט די מאמע אין דער יאָמטעוודיקער זײַדענער פּאַ־טשיילע, מיטן מאכזער אין די הענט, און באָדט זיך אין טרערן.

דער מאמע איז הײַנט גוט, ווי די וועלט. הײַנט איז איר טאָג!

י

אפ מאָרגן האָבן מיר זיך געפעדערט אופצושטיין א ביסל פריִער, מע זאָל זיך שטעלן זאָגן „אדוין־אוילאָם“ מיטן אלטן באקאנטן נוסעך. ס'איז אָבער דערפון גאָרנישט ארויסגעקומען. ס'איז געווען אומעגלעך ניט נאָר צו דאוונען — מע האָט נישט געקאָנט שטיין אָפ די פיס, ניט געקאָנט טרעפן צום אָמעד. עס איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן. מיר זעען ניט קימאט איינס דאָס אנדערע. עס איז נימעס דאָס לעבן. ס'איז שלעכט, שלעכט צום שטארבן. יאָ, מיר שטארבן.

וואָס האָט זיך געטראָפן? איצט בין איך מיד, לאָז איך עס איבער אפ מאָרגן.

II

קריִאס־יאם־סוף

א

איך האָב אײַך געהאט אָנגעהויבן צו דערציילן פון דעם פסאק, וואָס מיר האָבן געכאפּט יאָמקיפּער אינדערפרי אפן שיפ „פרינצ אל־בערט“. דאָס איז געווען א מיִעסער פסאק. מירן אים געדענקען דאָס גאנצע לעבן.

אָנגעהויבן האָט זיך עס פון א קליינִיקײַט. עפּעס א כמארעלע, א שווארצ, א געדיכט וואָלקנדל, האָט זיך נאָך פון באנאכט, באלד נאָך קאָלנידרע, באוויזן אפן עק הימל. פריִער פון אלעמען האָבן עס דערזען איך און מײַן כאווער מענדל. וואָרעם אז אלע יידן זענען נאָך געווען אונטן, געוויינט און געזאָגט טילים נאָך קאָלנידרע, האָבן

מיר, איך און מענדל, ארומגעשפּאַצירט איבערן „פּרינץ אַלבערט". דערנאָך האָבן מיר זיך פאַרקליבן אין א ווינקעלע, געזעסן און געשוויגן. עס איז געווען שטיל און וואַרעם און גוט אפן הארצן. נאָר א ביסל אומעטיקלעך. וואָס מענדל האָט געטראַכט — ווייס איך ניט. איך האָב געטראַכט פון גאָט, וואָס זיצט אָט דאָרט, אין הימל. ווי גרויס ער דאַרף זײַן, אז דאָס איז אַלצדינג זײַנס? און וואָס טראַכט ער זיך, אז ער הערט אַזויפיל יידן זאָגן טילים, לויבן אים און גיסן אויס פאַר אים דאָס הארץ? די מאַמע זאָגט, אז ער הערט און זעט אַלעמען. און אז ער ווייסט אַלצדינג. אפילע דאָס, וואָס איך טראַכט אין דער מינוט בא זיך אין הארצן. אויב אַזוי, איז ניט גוט. וואָרעם איך האָב נאָר-וואָס געטראַכט פון א גוטן עפּל, פון א זיסער באַר און כאָטש פון א טרונק וואַסער. קאַלט וואַסער. פון די פּעטייטעס ברענט אפן הארצן — און טרינקען טאָר מען נישט. יאָמקיפּער נאָך קאָלנידרע — ווער וועט דאָס טרינקען וואַסער? מײַן ברודער עליע וועט מיך הארגענען. ער וויל גאָר, איך זאָל פאַסטן ביז מאָרגן באַנאַכט נאָך יאָמקיפּער. זאָגט די מאַמע: „מירן זען". דערווײַל זוכט זי מיך אפן גאַנצן שיף און קאָן מיך ניט געפינען. ווײַזט איר אָן א מאַטראָס, אז דאָרט, באַם סאַמע שפּיץ, זיצן מיר, איך און מײַן כאַווער מענדל. שרײַט זי: „מאָטל! מאָטל?" — „וואָס איז, מאַמע?" — „וואָס הייסט וואָס איז?" שלאָפן גיי! מאָרגן דאַרף מען אופשטיין פרי, האָסט פאַרגעסן? ס'איז יאָמטעוו"... גלוסטן גלוסט זיך ניט. נאָר מע דאַרף גיין שלאָפן.

ב

אַפ מאָרגן, אז מיר האָבן זיך אופגעכאַפּט אינדערפרי, איז שוין דער גאַנצער הימל געווען באַלייגט. דער יאַם האָט זיך צעבייזערט מיט סאַקאָנעס. די כוואַליעס האָבן זיך אופגעהויבן העכער פונעם שיף, געוואָרפן דעם „פּרינץ אַלבערט", ווי עפּעס א שפּענדל, א שפּילעכל. די מאַטראָסן האָבן גענומען לויפן אהין און אהער, ווי די פאַרסאַמטע מײַז. די סטיוּאַרדס האָבן זיך צוגעהאַלטן בא די פּאַרענטשעס. די פּאַסאַזשירן זענען געגאַנגען האַרט בא די ווענט און געפאַלן קימאַט אַפ יעדן טריט. מיטאַמאָל האָט געגעבן א גאָס א שלאַקס-רעגן. דונערן האָבן זיך געטראָגן איינס נאָך דאָס אַנדערע. גאָט פאָרט אַפ זײַן רײַטוואָגן. אום יאָמקיפּער גאָר!.. איין בליץ נאָכן אַנדערן באַלײַכט

אפ א רעגע דעמ שווארצנ געדיכטנ הימל. דער „פּרינצ אלבערט“ קרעכצט, שאָקלט זיכ אהינ אונ אהער, ארופ אונ אראָפּ. אונ דער רעגנ שמײַסט. וואָס איז דאָס? א מאבל אפ דער וועלט? האָט דאָכ גאָט געשווירנ, אז קיינ מאבל וועט ער שוינ מער ניט ברענגענ קיינמאָל אפ דער ערד...

— קריִאס-יאמ-סופ, — זאָגט מײַנ ברודער עליע, אונ אונדזער כאווער פּיניע באַמקעט צו: „יאָ, ס'איז קריִאס-יאמ-סופ“... דאָס ערשטע מאָל, וואָס די צוויי זאָגנ בײדע אײנ זאכ. דאָס וואָרט „קריִאס-יאמ-סופ“ האָט אויסגענומענ. אלעמאָל הייבט זיכ אופּ אנ אנדער פּאושוינ, טוט א קוק אינ דרויסנ ארויס אונ גיט צו, אז ס'איז קריִאס-יאמ-סופ. דערנאָכ לויפט ער עפּעס מאָדנע אוועק אינ א זײַט ארײַנ. דאָרט גיט ער אָפּ דער מאמעס מילכ, אונ מער זעט מענ אימ שוינ נישט... ווער מיר דאַוונענ? וואָס מיר יאָמקיפּער? מע האָט שוינ גאָר פארגעסנ אפילע, ווו מע איז אינ דער וועלט.

ג

פונ אונדזער מישפּאָכע האָט דעמ ערשטנ פּעטשאטעק געמאכט בראָכע. זי האָט אָנגעהויבנ שרײַענ, אז אָט שטארבט זי! דערנאָכ האָט זי געגומענ שעלטנ מײַנ ברודער עליע. לעמײַ ער האָט זי אײַנגערעדט צו פאָרנ קיינ אמעריקע. זי האָט געוווסט פריִער, אז אמעריקע איז סיביר. ערגער פונ סיביר. סיביר איז גאָלד קעגנ אמעריקע!.. האָט זיכ די מאמע געוואָלט אָנעמענ די קריוודע פונ איר זונ. זי האָט איר גענומענ זאָגנ א ביסל מוסער, אז א מענטש באדארפ אלצדינג קאָנענ איבערטראָגנ, וואָרעמ ס'איז א גאָטס-זאכ. א סימענ, סע שטייט אינ טײַטש-כומעש געשריבנ... האָט זי אָבער נישט געקאָנט ארויסרעדנ, וואָס אינ טײַטש-כומעש שטייט געשריבנ, וואָרעמ ס'איז איר מיטאמאָל געוואָרנ נישט גוט אפ צו כאלעשנ. אפ איר קוקנדיק, האָט גענומענ כאלעשנ אונדזער כאווער פּיניעס ווײַב, טײַבל. איז פּיניע ארויס מיט לאָשנ: „מיט די ווײַבער איז דיר נאָר א באשרײַבונג, א קאָמעדיע!“ — ער האָט ארײַנגעלייגט בײדע הענט אינ די הויזנ-קעשענעס אונ פארוקט דאָס קאפּעליושל אפ א זײַט. ער האָט געזאָגט: „שויטימ! נאראָנימ! דאכט זיכ, וואָס קאָנ עס מיכ ארנ, אז דער יאמ שטורעמט אונ די שיפ קאטשעט זיכ? א מענטש, א באודאס, גיט זיכ אנ אייצע. בייס

דאָס שיף טוט זיך א בייג אהער, בייג איך זיך אויס אהין. און אז דאָס שיף בייגט זיך אהין, טו איך זיך א בייג אהער. ווערט עס אָנגערופן באַלאַנץ"...

און בייגנדיק זיך אהין און אהער, האָט פיניע אונדז באוויזן א „באַלאַנץ", אז ס'איז ניט גוט געוואָרן אויך מײַן ברודער עליע, און ביידע האָבן זיי גענומען און אוועקגעגעבן, וואָס זיי האָבן אמאָל געהאט... דאָס אייגענע האָבן געטאָן אויך די איבעריקע פּאַסאַזשירן. מע האָט זיך קוים פאַרשלעפּט איטלעכער צו זײַן געלעגער און מע איז אנידערגעפאַלן, ווי די סנאָפּעס, און ערשט דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דער רעכטער גענעם פון קריִאַס־יאַם־סוף...

ד

איך און מײַן כאַווער מענדל האָבן זיך געהאַלטן לענגער פון אַלעמען. מענדל האָט געהאַט א סגולע פון אַן עמיגראַנט, וואָס איז געפאָרן מיט אונדז אינאיינעם און האָט אונדז קעסיידער געגעבן אייצעס. דער דאָזיקער עמיגראַנט איז א „געדרייכערטע ליולקע". אזוי זאָגט ער אַליין אף זיך. ער איז שוין דרײַ מאָל געפאָרן אפן יאַם קיין אַמעריקע הין און צוריק. ווייסט ער א סגולע צום יאַם. די סגולע באַשטייט אין דעם, מע זאָל זיצן אין דרויסן אף דער פּאַלובע, קוקן אין דער ברייט פונעם יאַם, ניט אין דער לענג, און ניט אין זינען האָבן, אז איך פאָר רײַטנדיק אף א פערד, נאָר אז איך שליטל זיך מיט א שליטן אפן שניי. דער סאָף איז געווען, אז דער עמיגראַנט, די „געדרייכערטע ליולקע", איז געלעגן א טויטער אף זײַן געלעגער, און איך און מײַן כאַווער מענדל זענען מיר פונעם רעגן געוואָרן פּיטש־נאַס, כאָטש אויסצודרייען. צו אונדזערע געלעגערס האָבן מיר שוין אַליין נישט געקאָנט טרעפן. מע האָט אונדז גענומען מעכילע אונטער די הענט און אָפּגעפירט אין אונדזער רו אַרײַן.

ה

וויפל צײַט דאָס קריִאַס־יאַם־סוף האָט גענומען? א טאָג, צוויי און עפּשער אַלע דרײַ — דאָס ווייס איך ניט. איך האָב שוין פאַרגעסן. איך ווייס נאָר איין זאַך, אז מיר האָבן זיך אופגעכאַפּט, איז געווען א פרייד צו לעבן אף דער וועלט. דער הימל איז געוואָרן ריין,

ווי גינגאָלד. דאָס וואסער — ווי א גלאָז. דער „פרינצ אלבערט" איז געלאָפנ אנ אויסגעצוואָגענער, אנ אויסגעפוצטער, געשניטנ מיט די רעדער דאָס וואסער, געפינעט, געברויזט אונ געשפריצט אפ אלע זייַטנ. די פאסאזשירנ האָבנ אופגעלעבט. מע איז ארויס אינ דרויסנ אלע, גרויס אונ קליינ, אפ דער ווארעמער זונ, אפ דער שיינער, ליכטיקער וועלט. עמעצער האָט ארויסגעלאָזט א קלאנג, אז אָט באלד וועט מענ קאָנענ זענ דאָס לאנד. איכ אונ מייַנ כאווער מענדל זענענ געווענ די ערשטע, וואָס האָבנ אָנגעזאָגט אלעמענ די גוטע בסורע, אז מע זעט שוינ דאָס לאנד. פונדערווייַטנ האָט עס אויסגעזענ ווי א פלעק, א געלע, גרויסע פליאמע. די פליאמע ווערט אלעמאָל גרעסער אונ ברייטער. מע זעט שוינ שיפנ פונדערווייַטנ. אָנ א שיר שיפנ מיט הויכע, דינע זעגל-ביימער. גיכ זענענ פארגעסנ געוואָרנ אלע צאָרעס. די פאסאזשירנ האָבנ זיכ אלע אָנגעטאָנ יאָמטעוודיק. די ווייַבער האָבנ זיכ אויסגעפוצט. מייַנ ברודער עליע האָט צעקעמט די באָרד. בראָכע אונ טייַבל האָבנ זיכ אויסגעשלייערט. די מאמע האָט אָנגעטאָנ איר שאבעסדיקע זייַדענע פאטשיילע. איכ אונ מייַנ כאווער מענדל האָבנ נישט געהאט וואָס אָנצוטאָנ. אונ ס'איז טאקע קיינ צייַט אויכ ניט געווענ. מע האָט שוינ געהאלטנ אָט-אָט באם צופאָרנ צו דעמ ברעג פונ אמעריקע. עס איז געוואָרנ א ליכט אינ די אויגנ אונ גוט אפנ הארצנ. פונקט אזוי האָבנ זיכ באדארפט פילנ די יידנ נאָכ קריאס-יאמ-סופ. עס האָט זיכ געגלוסט זאָגנ שירע[1].

ו

„שאָלעמ-אליייכעמ דיר, קאָלומבוס! זייַ געגריסט, דו פרייַע מעדינע! דו גאָלדענע, גליקלעכע מעלוכע!"

אזוי האָט אונדזער כאווער פיניע באגריסט דאָס נייַע לאנד. ער האָט אוש אראָפגעכאפט דאָס קאפעליושל, זיכ אייַנגעבויגנ אונ זיכ פארנייגט. אונ אזוי ווי איר ווייסט, אז ער האָט א נידעריקע ריִע, האָט ער ניט באמערקט, אז עס לויפט פארבייַ א געזונטער, פארשוויצטער מאטראָס, מיט א רויט פארייכערט פאָנעמ, אונ האָט זיכ מיט אימ צעבוצקעט פאָנעמ-על-פאָנעמ. דאָס הייסט, אונדזער כאווער פיניעס

[1] א לויב-געזאנג צו גאָט.

די פּאסאזשירן פֿון דער ערשטער און צווייטער קלאס
האָט מען אַראָפּגעלאָזט... נו, און וואָס וועט זיין מיט אונדז?

שפּיץ נאָז איז אויסגעקומען דעם פאַרייכערטנ מאַטראָס אַקוראַט צווישנ די אויגנ. אַ גליק, וואָס דער מאַטראָס איז בעטעווע אַ גוטער גוי, ניט קיינ ראָשע. האָט ער באַטראַכט אונדזער פּיניע מיט דער צע־שלאָגענער נאָז, אַ שמייכל געטאָנ און אַ מורקע געגעבנ אונטער די וואָנצעס. אפּאָנעם, דאָס איז געווענ אַ קלאָלע אפּ אַמעריקאַנער לאָשנ.

ז

מיטאַמאָל איז געוואָרנ אַ בעהאָלע. דריטע־קלאַס־פּאַסאַזשירנ, בעט מענ, זאָלנ מויכל זײַנ אַראָפּ אונטנ אינ זייערע שטײַגעלעכ. צוריק פאַרנעמענ זייערע ערטער. פריִער מיט גוטנ. דערנאָכ מיט בייזנ. ווער עס אײַלט זיכ ניט צו גיינ, כאַפּט אַ סטוסאַק פונ הינטנ. אַלע זענענ דאָ, יונג און אַלט. ייִדנ און ווײַבער, און קינדער, גויִים, טערקנ, ציגײַנער. ס'איז אַ דערשטיקעניש. די טיר האָט מענ געשלאָסנ. אַ קייט האָט מענ אויפגעהאָנגענ אַנ אײַזערנע. מיר קאָנענ זענ נאָר דורכ די פענצטער, וואָס אינ דרויסנ טוט זיכ. קיינמאָל האָבנ מיר זיכ ניט געפילט אַזוי שלעכט, ווי אַצינד. מיר האָבנ אויסגעזענ באַ זיכ אינ די אויגנ, ווי געפאַנגענע. „פאַר וואָס? פאַר ווענ?‟ — אַזוי טײַנעט צו מיר מײַנ כאַווער מענדל, און די אויגנ זײַנע ברענענ, שיסנ מיט פײַער ...

ח

לאָזט זיכ אויס אַ מײַסע, אַז מיר זענענ שוינ געקומענ. געקומענ קיינ אַמעריקע. נאָר וואָס דענ? די פּאַסאַזשירנ פונ ערשטער און צווייטער קלאַס האָט מענ אַראָפּגעלאָזט דורכ אַ לאַנגנ לייטער מיט עפּשער הונדערט טרעפּ. נו, און וואָס וועט זײַנ מיט אונדז? מיר זענענ דאָכ שוינ אינ אַמעריקע!

— ניט פאַר אונדז געדאַכט! — רופט זיכ אָפּ אַ ייִד אַ שנײַדער פונ הײַסינ. דאַפּקע נישקאָשע פונ אַ מענטשל, נאָר אַ ביסל אַ נודניק. ער גייט אויסגעפּוצט, טראָגט שאַרפע ברילנ, האַלט פונ זיכ אַנ אוילעמ־אומלויע און האָט ליב רעדנ אפּ צולאָכעס. ער דאַרפ נאָר הערנ, וואָס איר זאָגט, זאָגט ער קאַפּויר. צווישנ אים און אונדזער כאַווער פּיניע זענענ שוינ פאָרגעקומענ עטלעכע סטיטשקעס. מײַנ ברודער עליע האָט זיי קוים צעגומענ. דער שנײַדער האָט זיכ געגעבנ דאָס וואָרט,

מער מיט פֿיניען קיין וואָרט ניט רעדן. דערפֿאר וואָס פֿיניע האָט אים באַליידיקט. ער האָט אים אָנגערופֿן מיט אַלע מיִעסע נעמען: „כײַעט", „שנײַדערוק" און „פֿאַלגוץ". און האָט אים א פֿרעג געגעבן: וויפֿל האָט ער אפֿ זײַן לעבן אָנגעגאנווּעט „ייִטער"?.. איצט, אז מע האָט אונדז פֿארשפֿארט, האָט זיך דער הײַסינער שנײַדער מיטאמאָל צערעדט. און דאפֿקע מיט לאָשן-קוידעש-ווערטער:

— מה אָנו, מה חיינו [1]? — וואָס זענען מיר? ווער זענען מיר? משול כחרס הנשבר [2] — מיר זענען געגליכן צו, לעהאוודל, סקאָט. סקאָט, אז מע פֿירט אַרײַן, דארף מען דאָס באַטראַכטן...

פֿאַלט אָן אפֿ אים אונדזער כאַווער פֿיניע. ער זאָגט, אז דער מאָשל איז ניט גלײַך צום נימשל. אז מע רעדט פֿון אמעריקע, באַדארף מען, זאָגט ער, פֿריִער די הענט וואשן. און ער הייבט אָן שיטן מיט זײַנע שיינע ווערטער, ווי פֿיניע קאָן. ער קאָן ניט הערן, אז מע רעדט אויס א שלעכט וואָרט אפֿ אמעריקע. פֿארענטפֿערט זיך דער הײַסינער שנײַדער. ער זאָגט, אז ער רעדט ניט פֿון אמעריקע ניט גוט, ניט שלעכט. ער זאָגט דאָס נאָר אקעגן דעם, וואָס ס'איז אַלצדינג גוט, און שיין, און פֿײַן, נאָר ניט פֿאר אונדז געדאכט... אונדז וועט מען אזוי גיך ניט אַראָפּלאָזן... פֿיניע גייט ארויס פֿון די קיילים. ער שרײַט:

— וואָס דען וועט מען מיט אונדז טאָן? מע וועט אונדז אײַנזאלצן? „מע וועט אונדז ניט אײַנזאלצן, — זאָגט דער הײַסינער שנײַדער מיט גאַל און האָט האנאָע, — נאָר מע וועט אונדז ברענגען אין אזא מין אָרט, וואָס מע רופֿט דאָס „עליס אײַלאַנד". דאָרט וועט מען אונדז פֿארשפֿארן ווי די קעלבלעך אין א שטאַל, ביז אונדזערע פֿרײַנט און באַקאַנטע וועלן זיך אמאָל דערמאָנען קומען אונדז אַראָפּנעמען"...

פֿיניע שפּרינגט אזש אונטער: „עס איז דיר אן אנטיק מיט דעם ייִדן! בראָש ווייסט אײַך דער דאָזיקער כײַעט פֿון אַלע שווערע הערצער! ניט אזוי אַלט, ווי געניט! אָט ווייסן מיר אויך, אז ס'איז דאָ א קעסל-גארדען, מײַן איך א „עליס אײַלאַנד", פֿונדעסטוועגן האָב איך ניט געהערט פֿון קיינעם, אז „עליס אײַלאַנד" איז געשטעלט געוואָרן דערופֿ, מע זאָל האַלטן מענטשן אזוי ווי קעלבלעך"... וואָס

---

1 מאָ אָנו, מע כאַיעינו — וואָס זענען מיר, וואָס איז אונדזער לעבן.

2 מאָשול קעכערעס האנישבאָר — געגליכן צו א צעבראָכן שערבל.

וויַטער היט זיכ אונדזער פּיניע אַלצ מערער. ער טרעט ארופּ אפּ דעם הייַסינער שנייַדער, גלייַכ ווי ער וואָלט אים וועלנ דוירעס זייַנ. דער הייַסינער שנייַדער שרעקט זיכ איבער אונ רוקט זיכ אָפּ. ער זאָגט:

— שאט! זעט נאָר! מע האָט אים געקוילעט די קאפּאָטע! גערעדט אפּ זייַנ אמעריקע! איז לוי פידאלטי! מירנ עלטער ווערנ מיט א פּאָר שאָ, וועלנ מיר קליגער ווערנ...

III

אינ געפענקעניש

א

ניט אומזיסט האָט אונדזער כאווער פּיניע געוואָרפנ אנ אומכיינ אפּ „עליס אייַלאנד“, גרייט געווענ מאכנ דערופּ א ליד אונ צעקריגט זיכ מיט מייַנ ברודער עליע. דעם קאעס האָט ער אָבער געהאלטנ אינ זיכ. פּיניע האָט ניט געוואָלט, אז דער הייַסינער שנייַדער זאָל וויסנ, אז ער, פּיניע, איז ניט צופרידנ מיט אמעריקע. האָט ער זיכ געמאכט הארצ. נאָר אינווייניק האָט עס אים געברענט מיט סאקאָנעס. „סטייַטש-סטייַטש, מע זאָל נעמענ מענטשנ אונ אייַנשפּארנ זיי, ווי סקאָט, ווי ארעסטאנטנ, ווי געפאנגענע!“ — אזוי האָט ער געטייַנעט שטילערהייט מיט עליענ נאָכ דעמ, ווי מע האָט אונדז געבראכט צו פירנ אפּ „עליס אייַלאנד“. קומט אויס, אז דער הייַסינער שנייַדער איז געווענ גערעכט. ער האָט פריער נעוויעס געזאָגט, אז ס'וועט אזוי זייַנ. נישט מער, ער האָט א ביסל איבערגעכאפּט די מאָס. ער האָט געזאָגט, אז מע וועט אונדז אייַנשפּארנ אינ א שטאל. צום סאָפּ האָט מענ אונדז ארייַנגעפירט אינ א גרויסער ליכטיקער שטוב אונ מע האָט אונדז געגעבנ עסנ אונ טרינקענ אונ אלצדינג אומזיסט, אָנ געלט. גוטע ליבע מענטשנ! נאָר וואָס דענ? איידער מיר האָבנ דערלעבט צו קומענ צו דער דאָזיקער שטוב — טאטע-פּאָטער! דורכ א לאנגער בריק מיט טירעלעכ בא די זייַטנ זענענ מיר דורכגעגאנגענ אייַנציק-ווייַז. אפּ יעדער טריט האָט אונדז אָפּגעשטעלט אנ אנדער זאָנ-שיקעניש מיט א קנעפּל, באקוקט, באטראכט, באזוכט, באטאפּט.

פריער פון אלצדינג האָט מען מיט א ווייס פאפירל אונדז איבערגעקערט די ברעמען אפ דער לינקער זייט, באטראכט די אויגן. דערנאָך די איבעריקע אייוורים. און יעדער באזונדער שטעלט אוועק אפ אייך א צייכן מיט עפעס א קריידל און טוט אייך א ווייז מיט דער האנט, וווהין איר זאָלט גיין — רעכטס אָדער לינקס. דערנאָך זענען מיר ערשט אריינגעקומען אין יענער גרויסער שטוב, וואָס איך זאָג אייך. און ערשט דאָרט האָבן מיר זיך אָפגעזוכט איינס דאָס אנדערע. ביז דעמלט זענען מיר געווען צעטומלט און נישט געקאָנט געפינען זיך. און צעשראָקן זענען מיר געווען, ווי די קעלבער, ווען מע פירט זיי צו דער שכיטע.

ב

וואָס האָבן מיר, מיינט איר, מוירע געהאט? די גאנצע מוירע אונדזערע איז געווען — דער מאמעס אויגן: וואָס וועט זיין מיט אירע רויטע פארווייינטע אויגן? לאָזט זיך אויס, אז איר האָט מען ווינציקער פון אלעמען געקוקט אין די אויגן אריין.

— דאָס האָט ער זיך געמיט, דער טאטע אייערער, א ליכטיקן גאניידן זאָל ער האָבן!.. — אזוי האָט געזאָגט די מאמע און האָט אונדז אלעמען ארומגענומען און צעוויינט זיך אזש פאר פרייד. זי האָט גאָר ניט געוווסט וואָס צו טאָן פאר ווילטאָג. און אויך מיין ברודער עליע איז געוואָרן גאָר אן אנדער מענטש. אזוי האָט ער א טעווע, אז ביים מע לויפט, מע פאָרט, מע איז צעטראָגן, לאָזט ער אויס זיין גאנצן ביטער הארץ צו מיר. עס פליען פעטש, ווי האָלץ. און בראָכע העלפט אים אונטער מיט א קלאָלע. איצט איז אפ אים א נייע הויט געוואָרן. ער האָט ארויסגעשלעפט פון קעשענע און געשענקט מיר אן אָראנדזש. דאָס הייסט, א מאראנץ. פארבליבן בא אים פונעם שיף. אפן „פרינצ אלבערט" האָט מען אונדז געטיילט אלע טאָג מאראנצן. אָראנדזשעס רופט מען עס דאָרט. ווער עס האָט געוואָלט, דער האָט געגעסן. ווער ניט — דער האָט זיין מאראנץ באהאלטן, אז קיינער זאָל ניט זען, ווייט אין קעשענע. איך האָב מיינע ניט באהאלטן. וויאזוי קאָן מען זען אזא פיירע און ניט אופעסן? — נאָר העכער פון אלע האָט אויסגעדריקט זיין גדולע אונדזער כאווער פיניע. ער האָט געזאָגט צו אונדז אלע:

— נו? ווער איז קלוג? איך צי איר? האָב איך ניט געזאָגט,

אז דאָס האָבן סאָנים אויסגעטראַכט אַף אמעריקע, אז מע לאָזט ניט אַרײַן אַ מענטשן, וואָס האָט פאַרווײנטע אויגן? מענטשן לײדיק־גײערס, ליגנערס, באַרײדערס, לאָשן־האָרעניקעס, בײזע צינגער, לײַ־דאַקעס, פאַרכעס! זײ וועלן שוין באַלד אויסטראַכטן אַף אמעריקע, אז מע טרײַבט צו דער שמאַד. ווי איז ערגעץ דער הײַסינער שנײַדער, אַ רועכ אין זײַן טאַטנס בײנער אַרײַן?..

האָט זיך, הײסט דאָס, אונדזער פּיניע ווידער איבערגעבעטן מיט אמעריקע.

ג

פון גרויס אימפּעט האָבן מיר זיך אין דער בעהאָלע גאָר ניט אַרומגעקוקט, אז פון אונדזער קאָמפּאַניע פעלט אײנער. דאָס איז געווען מײַן כאַווער מענדל. די ערשטע האָט זיך אַרומגעזען דאַפקע בראָכע. זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן און אַ פּליעסק געגעבן מיט די הענט: „ווײ איז מיר — ווו איז דער לאָשאַק?” „אַ דונער האָט מיך דערשלאָגן!” — זאָגט די מאַמע, און מיר האָבן זיך אַלע אַ וואָרף געגעבן זוכן מענדלען. און מענדל איז ניטאָ. פאַרפאַלן, ווי אין וואַסער אַרײַן.

שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אז שולדיק איז ער אַלײן. טאַקע מענדל, מײן איך. באַם פאַרהער האָט ער זיך שטאַרק פאַרפּלאָנטעט. קוידעם האָט ער זיך פאַרשטעלט, ווי דעמלט אין דײַטשלאַנד, פאַר אַ שטומען. דערנאָך האָט ער מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו רײדן מוירע־דיקע נאַרישקײַטן. אָט האָט ער געזאָגט, אז ער איז ערשט אַלט צען יאָר, און אָט איז אים אויסגעקומען צו זאָגן, אז ער איז שוין באַר־מיצווע און אז ער לײגט שוין טפילן. און צום סאָף האָט ער זיך מוידע געווען און אויסדערצײלט פאַר די קנעפּלעך דעם גאַנצן עמעס: אז ער איז אַ פאַרלוירענער. דאָס הײסט, אז באַם אַריבערכאַפּן זיך איבער דער גרענעץ האָבן טאַטע־מאַמע אים ערגעץ אין דײַטשלאַנד פאַרלוירן, און אז מיר האָבן אים פּרילאָנטשעט. און אז ער קאָן נישט אָנרופן דעם ריכטיקן אָרט און אַדרעס פון זײַנע עלטערן, ווײַל ער ווײסט אַלײן נישט. ער זאָל וויסן, זאָגט ער, ווו זײ זענען, דאַרף ער נישט קײנעמס לאַסקע. ער וואָלט אַלײן, זאָגט ער, צו זײ געטראָפן. האָט מען אים דעריבער אײַנגעשפּאַרט, מיט נאָך אַזעלכע ווי ער, אין אַ באַזונדער כײדער. מע וועט זײ שפּעטער אַלע אײנעם צוריקשיקן.

דערהערט אזא מײַסע, האָבן מיר זיך ארויסגעשטעלט אלע פאר דעם אומגליקלעכן מענדל. די מאמע האָט געמאכט א גוואלד. זי וועט דארפן אָפּגעבן דינ-וועכעשבנ פאר א לעבעדיקנ יאָסעם. טאָמער באַגעגנט זי זיך אמאָל דאָ מיט זײַנע טאטע-מאמע — וואָס וועט זי זיי זאָגן?

— ווארט אויס א קאפּעטשקעלע — איר זײַט נאָך מיט זיך אליינ אויך ניט פּארטיק... — אזוי זאָגט צו איר דער הײַסינער שנײַדער. „ויבוא המן[1] !“ — זאָגט פּיניע אונ קוקט בייז אפנ שנײַדער. ער איז גרייט אים אָנכאפּנ פארנ גאָרגל. דער שנײַדער מאכט זיך ניט וויסנדיק. ער טוט אונ דארשנט, גלײַך ווי עמעצער פרעגט בא אים. ער לייגט אונדז שטיינער אפנ הארצנ. ער רעכנט אויס א גאנצ צעטל פונ צאָרעס, יעסורימ אונ לייד, וואָס מיר האָבנ נאָך אויסצושטיינ. מע וועט בא אונדז, זאָגט ער, פריִער נעמענ די אדרייסימ פונ אונדזערע פרײַנט אָדער באקאנטע. דערנאָך וועט מענ בא אונדז נעמענ, זאָגט ער, געלט אפ צו קלאפּנ א דעפּעש צו אונדזערע באקאנטע אונ ווארטנ, ביז עמעצער וועט אמאָל קומענ. אונ ערשט דעמלט, זאָגט ער, ווענ יענער וועט זאָגנ, אז ער קענ אונדז אונ ווייסט אונדז אונ איז אָרעוו פאר אונדז, אז מיר וועלנ דאָ זײַנ גוט אונ פרומ צו גאָט אונ צו לײַטנ, וועט מענ אונדז, זאָגט ער, ארויסלאָזנ פונ געפענקעניש.

פארשטייט זיך, אז אונדזער כאווער פּיניע צינדט זיך אָנ, ווי א שוועבעלע. ער קוקט אפ מײַנ ברודער עליע אונ רעדט צומ שנײַדער. ער פרעגט בא אימ נאָר איינ זאך: פונוואנענ איז ער דאָס אזוי געניט אינ די זאקאָנעס פונ „עליס אײַלאנד“? ענטפערט אימ דער שנײַדער, אז ער האָט זיך באקענט דאָ אפנ שיפ מיט איינעמ אנ עמיגראנט, וועלכער איז שוינ געפאָרנ קיינ אמעריקע דרײַ מאָל הינ אונ צוריק. דאָס מיינט ער, אפּאָנעמ, די „גערייכערטע ליולקע“. פונ אימ איז ער דאָס געוווירר געוואָרנ אלע דינימ אונ מינהאָגימ. אונ ניט נאָר דאָס אליינ. ער האָט פונ דער „גערייכערטער ליולקע“ גענאשט נאָך א סאך, א סאך זאכנ, וואָס זענענ שייַעך צו אמעריקע. אזוי אז ער פאָרט אהינ שוינ א פארטיקער, אנ אמעריקאנער. ער ווייסט שוינ

---

1 וואיאָווי האָמאָנ — ס'איז געקומען האָמאָנ. געמיינט: קיינער האָט דיך ניט גערופן.

אפילע, וויאזוי צו ריידן אף אמעריקאנער לאָשן. צום בײַשפּיל: „טשיקענ״, „קיטשענ״, „שוגער״, „מיסטער״, „בּוטשער״, „בּריטש״. וואָס דאָס באַטײַט — וויל ער ניט זאָגן. אז מירן זײַן אפן אָרט, זאָגט ער, וועלן מיר שוין אליין געווירע ווערן, וואָס דאָס איז. פיניע טוט א מאַכ מיט דער האַנט און טרעט אָפּ אפן א זײַט, ווי איינער רעדט: „עלעהיי א הונט בּילט״...

ה

מיינט איר, אז עס איז ניט געווען אלצדינג אקוראט, ווי זיער הײַסינער שנײַדער האָט אונדז פירגעזאָגט? — נישט געמינערט א האָר! אז מיר זענען דורכגעגאנגען די שוואָ-מעדורע-געהענעם פון די דאָקטוירים, האָט מען אונדז א פרעג געגעבן, וועמען האָבּן מיר אין אמעריקע? שטעלט זיך ארויסעט פריער די מאמע: „פרעגט בּעסער, וועמען האָבּן מיר דאָ ניט?״ און זי איז גוּייט שוין אויסצורעכענען בּא די נעמען אלע אונדזערע פרײַנט און בּאקאנטע. א כּיעס א קוק צו טאָן אף מײַן מאמע אצינד נאָך דעם, וואָס מע האָט זי דורכגעלאָזט מיט אירע פארווײנטע אויגן. מײַן מאמע איז שוין ניט קיין יונגיטשקע, נאָר זי איז נאָך מאָלע-כּיין. איך האָבּ שוין לאנג ניט געזען, די מאמע זאָל אזוי שײַנען, ווי זי שײַנט אצינד. לאָזט זי אָבּער מײַן בּרודער עליע ניט רעדן. די אדרייסים זענען, זאָגט ער, בּא אים פארשריבּן אף א שטיקל פּאפּיר. ווייסט ער בּעסער. מישט זיך ארײַן פיניע און זאָגט, אז מע פרעגט נעמען, ניט קיין אדרייסים. האקט אים אָפּעט בּראָכע און זאָגט, אז בּעסאכאקל האָט ער, פיניע הייסט עס, קיינעם ניט אין אמעריקע. די אלע פרײַנט און בּאקאנטע זענען אונדזערע פרײַנט. ווערט פיניע אָנגעצונדן און פרעגט בּא איר א קאשע: „מיט וואָז, לעמאָשל, איז פעסיע די גראָבּע, אָדער איר מאן מוישע דער אײַנבּינדער, אונדז מער שמעלקע, ווי אים?״ ענטפערט אים בּראָכע, אז פעסיען האָט זי אין דער ערד. אז זי זאָגט קרויווים, מיינט זי דאָז איר טאטע יוינע דעם בּעקער. לאָזט זיך אויס, אז גערעכט איז עליע. זיי פרעגן נישט אף בּאקאנטע. זיי פרעגן אף אדרייסים. און עס הייבּט זיך אָן א כאטענע מיט אדרייסים.

ו

אפ אדרייסים לייענען איז, פארשטייט זיך, פיניע מער בעריע פונ אונדז אלעמען. נעמט ער צו בא עליען דאָס פאפירל, טראָגט דאָס צו צום שפיץ נאָז און לייענט די אדרייסים מיט דעם ניגן, ווי מע לייענט טנאָים אפ א קנאס-מאָל. פארשטייט מען אָבער ניט, וואָס ער זאָגט. עס קומט אויס בא אים יעדעס וואָרט קאפויר. רײַסט ארויס בא אים עליע דאָס פאפירל מיט די אדרייסים און גיט עס איבער דעם „קנעפל“. זאָגט דאָס „קנעפל“ צוויי ווערטער: „אָל-רײַט“. ווייסן מיר ניט, וואָס דאָס באטײַט. זאָגט אונדז דער הײַסינער שנײַדער, אז ער ווייסט. די ווערטער „אָל“ און „רײַט“ איז, זאָגט ער, אלציינס, ווי, לעמאָשל, בא אונדז די ווערטער: „מיילע בעקיצער“ אָדער „מאכטייסע“, אָדער „נו-נו“. דאָס הייסט, עס וועט שוין זײַן ווי געוווּנטשן.

דערנאָך האָט מען גענומען בא אונדז קליינגעלט און מע האָט אוועקגעקלאפט צוויי דעפעשן. איין דעפעש צו מוישע דעם אײַנבינדער מיט זײַן ווײַב פעסיע די גראָבע. די אנדערע — צו יוינע דעם בעקער. און אליין האָבן מיר זיך דערווײַל מעכאבעד געווען מיט א גוטן אָנבײַסן. דער אָנבײַסן איז געווען ניט אזוי פויגלדיק. דאָס ביסל טיי, וואָס מע האָט דערלאנגט, האָט בראָכע געזאָגט, אז מע קאָן עס שנײַדן מיט א מעסער. דערפאר האָט אונדז דער אָנבײַסן נישט גע-קאָסט גאָרנישט ניט. אפ „עליס אײַלאַנד“ באקומט מען, ווי איך האָב אײַך שוין געזאָגט, אלץ אומזיסט. איבערגעכאפט דעם הונגער, האָבן מיר גענומען ווארטן אפ אונדזערע פרײַנט און באקאַנטע.

ז

ניט אזוי גיך טוט זיך עס אָבער, ווי עס רעדט זיך. עס זענען אונדז גוט די אויגן ארויס, ביז מיר האָבן דערלעבט צו זען א בא-קאַנטן. די ערשטע איז געקומען אונדזער שכיינע פעסיע די גראָבע מיט איר מאַן מוישע דעם אײַנבינדער. דאָס הייסט, געזען האָבן מיר זיי ניט — מיר זיצן דאָך אײַנגעשפאַרט. נאָר מע האָט אונדז געלאָזט וויסן, אז ס'איז געקומען צו אונדז א דיקע פרוי מיט איר מאַן. האָבן מיר שוין פארשטאַנען, אז דאָס דארף זײַן פעסיע מיט איר מוישען.

מע לאָזט זיי ניט צו צו אונדז. מע האַלט זיי דאָרט אפנ פארהער. קרענקט דאָס אונדז זייער. גיט מענ אונדז אנ אייצע, מיר זאָלנ אונ-טערשמירנ די שאָמרימ, וואָס בא דער טיר, וועט מענ עפשער זיי יאָ צולאָזנ. לאָז זײַנ כאָטש פונדערווײַטנ. זאָגט אָבער אונדזער כאַווער פיניע, אז אמעריקע איז ניט „ריסנלאנד". אינ אמעריקע שמירט מענ ניט. זאָגט דער הײַסינער שנײַדער (אומעטומ איז ער דאָ), אז די גאנצע וועלט איז איינ שטאָט. „כסף וזהב מטהר ממזרים" [1]... פיניע בלײַבט אָנ לאָשנ.

ח

אוואדע איז דער הײַסינער שנײַדער געווענ גערעכט. עס האָט אונדז געקאָסט א קוואָדער (אזא מאטבייע פונ א פערטל טאָלער), אונ מיר האָבנ געזענ דורכ די גראטעס אונדזער שכיינע פעסיע. דאָס רויטע פאָנעמ אירס מיט דעמ פעטנ גוידער האָבנ געשוויצט. גע-שמייכלט צו אונדז פונדערווײַטנ. די מאמע האָט צו איר געשאָקלט מיטנ קאָפּ, אונ ביידע האָבנ געוויינט מיט טרערנ. הינטער אירע ברייטע פלייצעס האָט ארויסגעקוקט איר מאנ, מוישע דער אײַנבינדער. שוינ ניט אינ א קאשקעט, ווי אינ דער היימ, נאָר אינ א קאפעליוש גאָר. אינ א מינוט ארומ האָט זיכ באוויזנ אויכ יוינע דער בעקער מיט די בייזע אויגנ. יוינע האָט זיכ ווינציק-וואָס פארענדערט. נאָר די באָרד — אוי-וויי! די באָרד!.. זײַנ ווײַב פונ דער רעטאָנדע איז אויכ געקומענ. מע וויל זיכ אָפגעבנ שאָלעמ-אלייכעמ, מע וויל זיכ ארומנעמענ, האלדזנ זיכ, קושנ זיכ, מע וויל זיכ צעפרעגנ איינס בא דאָס אנדערע, וואָס מע מאכט? אונ וואָס הערט זיכ אפ דער וועלט? אונ וויאזוי לעבט זיכ עס אָט דאָ אינ אמעריקע? איכ, לעמאָשל, גיי אויס וויסנ, ווו איז וואשטי? וואָס טוט מײַנ שוועגערנס שוועסטערל אלטע (מע האָט זי מיר גערעדט אמאָל, אויב איר געדענקט, פאר א קאלע)? אונ די גאנצע כאליאסטרע וואָס מאכט? נאָר גיי שרײַ כײַ-וועקאיעמ, אז מע קאָנ ניט א ריר טאָנ זיכ. מע האלט אונדז פארשפארט. זענ — זעענ מיר זיכ דורכ די גראטעס, אזוי ווי ארעסטאנטנ, אזוי ווי געפאנגענע, אָדער אזוי ווי כײַעס...

---

[1] קעסעפ ועזאָהאָוו מעטאהייר מאמזיירים — גאָלד אונ זילבער מאכט קאָשער א מאמזער.

זענ — זעענ מיר זיכ דורכ די גראטעס, אזוי ווי ארעסטאנטנ...

ט

א ראַכמאָנעס נעבעכ אַפּ אונדזער כאַווער פּיניע. ער קאָנ אונדז ניט קוקנ גלײַכ אינ די אויגנ אַרײַנ. ס׳איז אימ אַ ביזאָיענ פאַר אַמעריקע. איר וואָלט געמעגט שווערנ, אַז ס׳איז זײַנ אַמעריקע, אונ ער דאַרפּ אָפּגעבנ דערפאַר דינ־וועכעשבנ. אָט פונ דעמלט אָנ האָט ער געוואָרפנ אַנ אומכיינ אַפּ „עלִיס אײַלאַנד“ אונ האָט צוגעטראַכט דעמ גראַמ, אַז „דאָס שטיקל לאַנד געהערט צו איינעמ עליע, וואָס איז אַ נאַר ביז דער סטעליע“... אונ דעריבער פאַרדריסט עס מײַנ ברודער עליע, מאַכמעס ער הייסט דאָכ אויכ עליע. צעאַמפּערט מענ זיכ אונ מע הייבט אָנ צו קריגנ זיכ. מישט זיכ אַרײַנ בראָכע, אונ דאַפקע פונ פּיניעס צאַד, אונ זאָגט מיט אַ מאָשל, ווי איר שטייגער איז, אַז „פאַר אַ געשלאָגענעמ הונט ווײַזט מענ ניט קיינ שטעקנ“... וואָס מיינט זי דערמיט?

IV

א יאַמ פונ טרערנ

א

טאָמער איז קאַרג די אייגענע צאָרעס, יעסורימ אונ פּײַנ, האָט אונדז גאָט באַשערט פרעמדע צאָרעס אַפּ עליס אײַלאַנד. טאָמער איז קאַרג געווענ די טרערנ, וואָס מײַנ מאַמע האָט פאַרגאָסנ, פונ זינט מײַנ טאַטע איז געשטאָרבנ אונ פונ זינט מיר שלעפּנ זיכ אַרומ איבער דער וועלט ביז צו הײַנטיקנ טאָג, באַדאַרפ זי איצטער וויינענ אונ טרערנ גיסנ אַפּ די אומגליקנ, וואָס מיר זעענ זיכ אָנ אָט־אָ־דאָ, אַפּ עליס אײַלאַנד. אַלע מינוט שיקט איר גאָט צו אַ נײַעמ כורבנ. די מאַמע נעמט זיכ יעדע זאַכ צומ האַרצנ. זי ברעכט די הענט. זי באַהאַלט דאָס פּאָנעמ אונ וויינט זיכ אויס שטילערהייט.

— דו זינדיקסט, מאַמע! — זאָגט צו איר מײַנ ברודער עליע, אונ מיר דאַכט זיכ, אַז ער איז גערעכט. וואָס האָט זי צו וויינענ? מיר שלעפּנ זיכ שוינ מער ניט איבער דער וועלט, ווי מיר האָבנ זיכ געשלעפּט ביז אַהער. די נעסיע אַפּנ יאַמ זענענ מיר, דאַנקענ גאָט, אויכ איבערגעקומענ. מיר זענענ שוינ קימאַט אינ אַמעריקע. נאָכ אַ

שאָ, נאָכ צוויי שאָ — און מיר זענען פרײַ. נאָר וויאַזוי זאָל מען ניט וויינען, אז מע זעט פאר זיכ אזויפיל אומגליקן? אזויפיל טרערן? א יאם פון טרערן?

איבערדערציילן אײַכ אלע אומגליקן, וואָס מיר האָבן זיכ אָנגעזען אפ עליס אײַלאנד, באדארפ איכ אוועקזיצן מיט אײַכ א טאָג מיט א נאכט און דערציילן, דערציילן און דערציילן.

ב

אשטייגער, וואָס וועט איר זאָגן אפ אזא מײַסע? טאטע-מאמע און פיר קינדער זענען פארהאלטן געוואָרן, ניט אהער, ניט אהין. וואָס איז די מײַסע? באם פארהער האָט זיכ ארויסגעוויזן, אז זייערס א קינד, א מיידל פון א יאָר צוועלפ, קאָן ניט ציילן אפ צוריק. מע פרעגט זי: „וויפל ביסטו אלט?“ זאָגט זי: „צוועלפ יאָר“. פרעגט מען זי ווידער: „וויפל ביסטו אלט געווען פאראיאָרן אין דער צײַט?“ ווייסט זי ניט. זאָגט מען איר: „צייל פון איינס ביז צוועלפ“. ציילט זי. זאָגט מען איר: „צייל פון צוועלפ צוריק ביז איינס“. קאָן זי ניט. ווען מע פרעגט בא מיר אזא זאכ: צייל, — צייל איכ דאָכ ווי א וואסער: צוועלפ, עלפ, צען, נײַן, אכט, זיבן, זעקס, פינפ, פיר, דרײַ, צוויי, איינס. א טײַערע מעציע! איז געבליבן, אז מע קאָן דאָס מיידל קיין אמעריקע ניט ארײַנלאָזן.

פרעגט זיכ: וואָס וועט זײַן מיט איר טאטע-מאמע און מיט די איבעריקע קינדער? — צוזען דעם צאר פון פאָטער און מוטער און דעם ראכמאָנעס פון דעם קינד — דארפ מען זײַן פון שטיין, מע זאָל ניט צעגאנגען ווערן. וויינט די מאמע אפ זיי קוקנדיק, און מײַן שווערגערן בראָכע און אונדזער פיניעס ווײַב טײַבל ווישן אויכ די אויגן.

ג

צי, אשטייגער, ווי געפעלט אײַכ אזא געשיכטע? מיט אונדז פאָרט א ידענע, הייסט זי ציוויע. איז זי אן אגונע. דער מאן האָט זי אוועקגעוואָרפן שוין לאנג. האָט זי צעשיקט בריוו איבער אלע עקן פון דער וועלט. איז איר אָנגעקומען א ידיע, אז איר מאן איז ערגעץ אין צינצינאטע, א שטאָט אזעלכע אין אמעריקע. פאָרט זי דאָס

אהינ אימ צו פּאקנ. האָט מענ איר געגעבנ אנ אייצע נאָכ אפנ שיפ, אז זי זאָל ארויסרופנ גלאט א יידנ פונ ניו-יאָרק, וואָס זאָל זאָגנ, אז ער איז דאָס איר מאנ, וועט מענ זי ארונטערנעמענ. די דאָזיקע אייצע שטאמט פונ דער „גערייכערטער ליולקע“, וואָס איכ האָב אייַכ שוינ דערציילט וועגנ אימ. דער הייַסינער שנייַדער האָט אויכ א סאכ מיטגעהאָלפנ. די „גערייכערטע ליולקע“ האָט זיכ אונטערגענומענ צו שיקנ איינעמ א נאָענטנ פרייַנט, אז ער זאָל זיכ ארויסגעבנ פאר איר מאנ... ס'איז געקומענ צומ שפּיצ, באמ פאַרהער, האָט זיכ ארויסבאוויזנ, אז די גאנצע מייַסע איז א שווינדל. דער ייִד איז א באווייַבטער אונ קערט זיכ אזוי אָנ מיט דער אגונע, ווי איר קערט מיר אָנ א פעטער. וויי-וויי, וואָס עס האָט זיכ אָפּגעטאָנ! גאנצ עליס אייַלאנד איז געגאנגענ כאָדעראָמ. אונדזער כאווער פּיניע האָט דערלעבט א נעקאָמע אינ דעמ הייַסינער שנייַדער. אונ כאָטש אינ הארצנ איז פּיניע גאזלענ אפ עליס אייַלאנד, לעמייַ מע האָט אונדז פארהאלטנ, נאָר ארויסגנאווייַזנ דאָס פארנ הייַסינער שנייַדער — א מאקע! אדעראבע, ער האָט זיכ נאָכ גערייצט מיט אימ:

— נו, פאני כייַעט? האָב איכ ניט געזאָגט פריִער, אז אמעריקע איז ניט ריסנלאנד? אינ אמעריקע גייט ניט אָנ קיינ שווינדל, קיינ כאָכמעס אונ קיינ דריידלעכ? קאָלומבוס, לעבנ זאָלסטו!

האָט ער אָבער געכאפּט א מיִעסנ פּסאק פונ מייַנ מאמע. אונ נאָכ מער — פונ מייַנ ברודער עליעס ווייַב בראָכע. אונ זייַנ אייגנ ווייַב טייַבל האָט אויכ צוגעלייגט א קנייטל. די ווייַבער האָבנ אימ שיר די אויגנ ניט אויסגעדראפּעט, לעמייַ ער לאכט אָפּ פונ מענטשנ, וואָס עס גיסט זיכ בלוט פונ זיי. אונ ווי אפ צולאָכעס, האָט די מאמע זיכ באפרייַנדעט מיט דער אגונע, געוואָרנ מיט איר ווי שוועסטער. איצט שיקט מענ די אגונע אָפּ צוריק, אונ דער ייִד, וואָס האָט זיכ ארויסגעשטעלט פאר איר מאנ, וועט אויכ קיינ האָניק ניט לעקנ. דערווייַל האָט מענ זיי ביידנ פארהאלטנ, אונ מייַנ מאמע איז דערפונ אויס מענטש.

ד

א יונג ווייַבל, בלוט אונ מילכ, פאָרט קיינ באָסטאָנ צו איר מאנ. האָט זי א קינד, א מיידעלע מיט געקרייַזלטע הערעלעכ, א בילד. הייסט עס קעצעלע. דער עמעסער נאָמענ אירער איז קיילע, נאָכ איר

באבע. נאָר מע האָט זי פארצויגן „קעצעלע". קעצעלע איז נאָך דרײַ יאָר ניט אלט. נאָר עס לויפט ארום און רעדט און זינגט און טאנצט. „פרינץ אלבערט" איז פול מיט דעם קינד. קעצעלען האָבן אלע ליב. מע האלדזט דאָס און מע קושט דאָס און מע נעמט דאָס איבער פון האנט צו האנט. קעצעלע! קעצעלע! מיט אונדז איז דאָס דאָזיקע ווײַבל געוואָרן גאָר נעפעש-אכאס [1]. זי איז ניט אָפּגעטראָטן פון דער מאמע אף א מינוט. זי האָט איר אויסדערציילט אינגאנצן איר הארץ. איבערגעלייענט אונדז אלע בריוולעך, וואָס איר מאן שרײַבט צו איר. העכער דרײַ יאָר, אז זיי האָבן זיך ניט געזען. ער קען אפילע ניט דאָס קינד. ער האָט דאָס נאָך קיינמאָל ניט געזען. ער כאָלעמט פון דעם טאָג ווי נאכט. ער קאָן זיך גאָר ניט פאָרשטעלן, וויאזוי ער וועט מיטאמאָל דערזען זײַן קינד, זײַן קעצעלע. דערבײַ גיסט זי שוין מיט טרערן, און מײַן מאמע ווישט די אויגן. לאך איך פון זיי ביידן — וואָס דארף מען וויינען? און איך נעם קעצעלען אף די הענט. און איך האָדעווע זי מיט שטיקלעך עפל און מיט אָראנדזשעס, מאראנצן הייסט עס, גלײַך אין מויל ארײַן. קעצעלע קוקט מיר אין די אויגן, לאכט צו מיר און גלעט מיך מיט איר קליין סאמעטן הענטל. און איך קוש איר די קליינע ווארעמע פינגערלעך. א שאָד, וואָס איך האָב ניט קיין קעסטעלע מיט פארב. איך וואָלט אויסגעמאָלט קעצעלען אף פאפיר מיט אירע געקרײַזלטע זײַדענע הערעלעך, מיט אירע בלויע שיינע אייגעלעך און מיט איר פענעמל פון א מאלעך. מײַן כאווער מענדל לאכט פון מיר, וואָס איך האָב צו טאָן מיט א קוקלע. בא אים איז זי א „קוקלע"!

איז זיך מעיאשעוו קעצעלע שוין נאָענט צו אמעריקע און ווערט קראנק און... עס גייט מיר איבער א פראָסט איבערן לײַב, אז איך דערמאָן זיך אין יענער צײַט. א שטיק פון מײַן לעבן האָט אוועקגענומען בא מיר אָט דאָס קינד. איך קאָן גאָר וועגן דעם ניט רעדן, ניט טראכטן אפילע. שלעפט מיך ניט פאר דער צונג, איך זאָל אײַך זאָגן, וואָס מע האָט געטאָן מיט קעצעלען... איך וועל אײַך נאָר דערציילן דעם ראכמאָנעס פון דער יונגער מוטער, בייס מיר זענען אָנגעקומען אף עליס אײַלאנד. זי האָט ניט געוויינט. אף אלעמען האָט זי געקוקט מיט גלעזערנע פארגליווערטע אויגן. וואָס מע האָט זי גע-

[1] אײַנ נעשאָמע.

פרעגט, האָט זי ניט געענטפערט. מע האָט מוירע, אז דאָס ווײַבל איז געוּירט... מע וועט זי צוריקשיקן. מײַן מאמע לייגט אײַן די וועלט. מײַן ברודער עליע איז אויסער זיך. ער קאָן שוין ניט אריבערטראָגן דער מאמעס טרערן. און פיניע באהאלט זיך עפּעס. מע זעט אים ניט...

ה

איר מיינט, אז נאָר ייִדן האָבן צאָרעס אף עליס אײַלאנד? גוייִם ווערן אויך ניט ווינציק אויסגעריסן. עס פאָרט מיט אונדז א גאנצע כאָפּטע איטאַליענער. אלע אין סאמעטענע הויזן און מיט הילצערנע שיך אף די פיס. אז זיי גייען, קלאפּן זיי, ווי די פערד מיט די קאָפּי־טעס. ווילדע גוייִם. אויסגעצייכנטע מענטשן. נאָך מיר זענען זיי גאָר די קאפּאָרע. זיי רופן מיך מיט א מאָדנעם נאָמען: „פּיקאָלאָ באמבינאָ". זיי זענען מיך מעכאבעד מיט ניסלעך און מיט ראָזינקעס פון די סאמעטענע הויזן־קעשענעס. און איך האָב דאָס דאפקע ניט פײַנט. רעדן קאָן איך ניט מיט זיי. מאכמעס זיי פארשטייען ניט מײַן לאָשן, איך פארשטיי ניט זייער לאָשן. נאָר מיר געפעלט, ווי זיי רעדן צווישן זיך. הארט קומט אויס בא זיי די רייש: „באָנא סערורא!", „מיאָ־קארוּאָ!", „פּררועגאָ סיניאָרדע!"...

דארף זיך טרעפן אן אומגליק. סאמע צום רעכטן שפּיץ, אז ס'איז געקומען צום פארהער, האָט זיך איינער פון דער כאָפּטע אַרויס־געכאפּט מיט א וואָרט. ער האָט דערציילט דעם עמעס, אז זיי האָט אַרויס־גערופן א פּאָדריאטשיק אף דער ארבעט פון לאָנדאָן דורך א קאָנ־טראקט בא עפּעס א בריק. און דאָס, זאָגט מען, טאָר מען ניט אין אמעריקע. ווײַל מען זיי אָפּשיקן צוריק. רעדן זיי אלע איינעם, מאכן מיט די הענט און קוועטשן די רייש: „סאקרראמענטאָ!"... העלפט אָבער נישט קיין זאך. דער ראכמאָנעס אף זיי איז זייער גרויס. בא עטלעכע פון זיי האָב איך געזען טרערן אף די אויגן.

ו

מאזלטאָוו! מיר האָבן א כאסענע אף עליס אײַלאנד. פונוואנען האָט זיך גענומען א כאסענע? וועט איר הערן. א מיידל פון טשוד־

נאָוו — א יעסוימע, לייע איז איר נאָמען. א שווארצכיינעוודיקע און א צוגעלאָזטע. דעם גאנצן וועג, וואָס מיר זענען אפן שיף, איז זי מיט אונדזערע ווייבער, מיט בראָכעס און מיט טייבלען, איין זעל, איין נעשאָמע. דורך זיי ווערן מיר געוווירע, אז לייע איז אן עלנטע, האָט קיינעם ניט אין לאנד. פון קלייניוויינז אוף ארבעט זי. זי האָט זיך צונויפגעשלאָגן א ביסל געלט און פאָרט עס קיין אמעריקע. זי קאָן ניט־זיין מער אין טשודנאָוו. מע האָט דאָרטן געהארגעט איר טאטן אין פּאָגראָם. איר מאמע איז פאר צאָרעס געשטאָרבן. זי איז געבליבן, ווי אפן וואסער. גוטע מענטשן האָבן זיך אפ איר דערבארעמט, אויס־געלערנט ארבעטן. זי נייט און שטעפט און שטיקט און פרעסט — „גאָלדענע הענט”, זאָגט אפ איר די מאמע. אלע זענען זיכער, אז אין אמעריקע וועט מען לייען אָפּגילטן פאר איר ארבעט. און א כאָסן וועט זי דאָרט קריגן — דעם בעסטן. לייע לאָזט אראָפּ די אויגן און ווערט רויט, ווי פייער... די צאָרע איז — זי האָט ניט קיינעם אין אמעריקע, ווער ס'זאָל זי ארונטערנעמען. האָט זיך געפונען אפ „פרינץ אלבערט” א באָכער. לייזער באך. ער איז א סטאָליער און פאָרט צו זיינעם א פעטער אין טשיקאגאָ. לייזער איז מעגושעם. ער איז א געלער און האָט גראָבע צווייענדיקע ליפּן, נאָר איך האָב אים ליב פאר זיינע לידער. ער זינגט אויסגעצייכנט יידישע לידער. איז גע־בליבן: אזוי ווי לייזער האָט ווער סע זאָל אים ארונטערנעמען און לייע האָט קיינעם ניט, זאָל ער, לייזער באך, זאָגן, אז לייע קער אים אָן א קאלע... פארשטייט זיך, אז דאָס שמאד־שטיק וואקסט פון יענעם יידן, וואָס מיר רופן די „גערייכערטע ליולקע”. און אזוי איז דאָס טאקע געוועזן. באם פארהער איז ער — דער כאָסן, זי — די קאלע. דאכט זיך, גוט? לאָזט זיך אויס, אז אפ עליס איילאנד גייען ניט אָן אזעלכע שטיקלעך. וויבאלד אז כאָסן־קאלע, באדארף זיין א כופּע. וויינט לייע מיט סאקאָנעס. רעדט מען איר אויס דאָס הארץ: „וואָס ארט דיר, נארעלע? וועסט קומען אין שטאָט, וועט ער דיר געבן געט, ביסטו צוריק די לייע ווי געוועזן”... האָט זי מוירע, טאָמער ניין?.. נאָר ווערן אָפּגעשיקט צוריק איז בעסער? בעקיצער, ס'איז א כופּע. א טרויעריקע כופּע. אָן קלעזמער. נאָר מיט א ראָוו, מיט א שאמעס און מיט טרערן, טרערן אָן א שיר. א יאם פון טרערן.

141—3

ז

גוט איז נאָר איין מענטשן. ווייסט איר, וועמען? — דעם הײַטיגער שנײַדער. ער האָט דערלעבט א נעקאָמע אין אונדזער כאַווער פּיניע. ווער איז צו אים גלײַך? זאָגן זאָגט ער גאָרנישט ניט. נאָר ער שפּאַנט אַרום פאַרבײַ אונדז, גלעט זיך דאָס בערדל, קוקט אף פּיניען דורך זײַנע שאַרפעברילן. פּיניע איז אָבער קליגער פון אים. ער האָט אַרײַנגעשטעקט זײַן שפּיץ נאָז עפּעס אין א ביכל, זעט קלוימערשט ניט דעם שנײַדער. ער האָט אים אין דער לינקער פּייע!

ח

א ביסל אייגענע צאָרעס, א ביסל פרעמדע יעסורים פאַרשטערן אונדז די סימכע, וואָס מיר זענען אין אמעריקע. מיר האָבן זיך אַזויפיל אָנגעזען דאָ אף דעם עליס אײַלאַנד און אָנגעהערט, אַז מיר זענען מיד געוואָרן און האָבן זיך צונויפגעשלאָגן אונדזער גאַנצע מישפּאָכע קאָפּ אף קאָפּ און געקוקט אַהין, אין דער גרויסער ראַשיקער שטאָט אַרײַן, וואָס ליגט נאָך ווײַט פון אונדז. ווייסט איר, וויאַזוי מיר האָבן אויסגעזען? מיר האָבן געכאַפּט דעם אָנבליק פון א סטאַדע שעפּעלעך, וואָס שטייען צונויפגעפּרעסט אין פעלד אין א הייסן זומער־טאָג, ניט ווײַט פון די רעלסן פון א באַן, און קוקן פאַרוווּנדערט, ווי די וואַגאָנעס לויפן מיט א ראַש פאַרבײַ און ווערן פאַרשוווּנדן. אַן אוויירע, וואָס איך האָב ניט קיין בלײַשטיפט און קיין שטיקל פּאַפּיר אף אָפּצומאָלן אונדזער צונויפגעפּרעסטע מישפּאָכע און אויך די אַלע איבעריקע אײַנגעשפּאַרטע עמיגראַנטן אף עליס אײַלאַנד, ווי זיי זיצן יעדער אף זײַן פּעקל. מע זיפצט און מע דערציילט זיך אויס איינס פאַר דאָס אַנדערע דאָס ביטערע האַרץ. אַנדערע שווײַגן שטיל. און אַנדערע וויינען, באָדן זיך אין טרערן. אין א יאַם פון טרערן.

V

מיט ביידע פיס אפ דער ערד

א

אויב איר זענט קיינמאָל ניט געפאָרנ אפנ יאמ, אויב איר זענט קיינמאָל ניט געווענ צענ טעג מיט צענ נעכט אפנ וואסער, אויב איר זענט קיינמאָל ניט געווענ געפאנגענ אפ „עליס אײַלאנד” אונ האָט ניט אָנגעזענ זיכ אונ ניט אָנגעהערט זיכ מיט צאָרעס, יעסורימ אונ פּײַנ, אונ ניט געבאָדנ זיכ אינעמ יאמ פונ טרערנ, אונ ניט ארויסגעקוקט, מע זאָל אײַכ קומענ אויסלייזנ, — אויב איר האָט דאָס אלצדינג אליינ נישט פארזוכט אפ אײַערע אייגענע פלייצעס, וועט איר ניט פילנ דעמ טאמ, וואָס הייסט שטיינ מיט ביידע פיס אפ דער ערד. ווענ איכ זאָל ניט מוירע האָבנ פאר מײַנ ברודער עליע אונ ניט שעמענ זיכ פאר לײַטנ, וואָלט איכ אנידערגעפאלנ אפ דער ערד אונ וואָלט זיכ איבערגעקוליעט דרײַ מאָל מיטנ קאָפ אראָפ אונ מיט די פיס ארופ. אזוי גוט אונ ליכטיק אונ פריילעכ אפנ הארצנ איז מיר געוואָרנ, אז איכ האָב דערפילט, אז איכ שטיי מיט ביידע פיס אפ דער טריקעניש. איר קאָנט פארשטיינ, אז אפילע אזא מאָרע-שכוירעניק, ווי מײַנ ברודער עליע, האָט שוינ אויכ באקומענ אנ אנדער פּאָנעמ. ער האָט געריבנ א האנט אָנ א האנט אונ א זאָג געגעבנ צו אונדז אלעמענ: „זענענ מיר, הייסט עס, אינ אמעריקע?” — „מיטנ אייבערשטנס הילפ, געלויבט זאָל זײַנ דער נאָמענ זײַנער!” — זאָגט דערופ די מאמע אונ טוט א קוק ארופ אפנ הימל. דערנאָכ לייגט זי צו מיט א טיפנ זיפצ: „ווער עס לעבט, דער קומט. קומענ קומט ניט נאָר דער, וואָס ליגט אינ דער ערד”...

דאָס מיינט זי שוינ דעמ טאטנ. קיינמאָל אונ ערגעצ ניט פארגעסט זי ניט דעמ טאטנ, איר זאָלט זאָגנ — אפ א מינוט.

ב

נאָר מער פון אַלץ און שטאַרקער פון אַלע באַווײַזט ארויס זײַן פרייד אונדזער כאַווער פיניע. דער איז — איך האָב מוירע צו זאָגן — גאָר מעשוגע געוואָרן, פּאָשעט אראָפּ פון זינען. ער האָט זיך אוועקגעשטעלט מיטן פּנים צום יאַם און, אויפגעהויבן די רעכטע האַנט אין א קולאַק, האָט ער אוועקגעלייגט א גאַנצן מײַנע-לאָשן:

— הערט צו, איר כאַמוירים, רעשאָים, שיקורים, כוליגאַנעס, פּאָגראָמשטשיקעס! דאָס האָבן מיר אײַך צו פּאַרדאַנקען, וואָס מיר געפינען זיך אַצינד אין אַזאַ פרײַער, גליקלעכער מעדינע! ווען ניט איר מיט אײַערע גזיירעס, רעדיפעס און פּאָגראָמען, וואָלטן מיר ניט געוווּסט פון קאָלומבוסן און קאָלומבוס וואָלט ניט געוווּסט פון אונדז! איר וועט דאָרטן לאַנג וואַרטן, ביז מיר וועלן קומען צו אײַך צוריק! אַזוי ווי איר זעט ניט אײַערע אויערן, אַזוי וועט איר שוין ניט זען אונדז, ווײַל איר וועט לעבן! איר וועט זיך אַמאָל ארומקוקן, אַז איר האָט געהאַט א פאָלק יִסראָעל און ניט געוווּסט, ווי צו שאַנעווען דאָס דאָזיקע פאָלק! איר וועט האָבן א וויסטן סאָף, אַזוי ווי שפּאַניע האָט געהאַט. איר וועט וויינען, ווי די קלויסטערהינט. איר וועט זיך אַמאָל פאַרבענקען נאָך אונדז! עס וועט זײַן בײַ אײַך א רענדל א יִיד. איר וועט אונדז רופן צוריק. נאָר א מאַקע וועלן מיר צו אײַך פאָרן!..

ווער ווייסט, ביז ווי לאַנג נאָך אונדזער פיניע וואָלט זיך אַזוי געקילט דאָס האַרץ, ווען יוינע דער בעקער זאָל ניט ארופלייגן די האַנט אַף זײַנע פּלייצעס און א זאָג געבן צו אים:

— פיניע! גאָט איז מיט דיר! צו וועמען רעדסטו? צו די שטיינער? קום! מיר וועלן פאַרשפּעטיקן די פּעררי! צי דו ווילסט דאָ בלײַבן נעכטיקן אַף עליס אײַלאַנד?

מיר נעמען זיך צו די פּעקלעך און לאָזן זיך גיין צו דער פּעררי.

ג

עס רעדט זיך אָבער נאָר אַזוי. ניט אַזוי גיך זעצן מיר זיך פאָרן. איר האָט פאַרגעסן, אַז מיר האָבן אַף זיך א פּעקל — מײַן כאַווער מענדל. מע לאָזט דאָך אים ניט ארויס. און אָן אים קאָנען מיר זיך

ניט רירנ. די מאמע זאָגט, אז זי וועט ניט קאָנענ דויִק זייַנ אינ אמעריקע, אויב כאָלילע מע שיקט דעם יאָסעמ אָפּ צוריק, גאָט ווייסט וווהינ. א גליק, וואָס מיר האָבנ זיכ אפּ עליס אייַלאנד דערשלאָגנ צו אזא כעוורע, וואָס הייסט „האכנאָסאס-אָרכימ". די כעוורע האָט אפּ עליס אייַלאנד אירנ א מענטשנ. זייער א גוטער מענטש אונ א צוגעלאָזטער. צו דעם דאָזיקנ מענטשנ האָט מענ אונדז אָנגעוויזנ. פאר אימ האָבנ מיר דערציילט דעם גאנצנ עמעס, וואָס מיט דעם באָכער איז געשענ. פארשטייט זיכ, אז גערעדט האָבנ אלע אינייִנעמ. האָט אונדז דער מענטש אָפּגעהאקט אינמיטנ אונ פאָרגעלייגט, אז מיר זאָלנ צווישנ זיכ אויסקלייַבנ איינעמ א רעדנער. נאָכ א היפּש שטיקל צייַט אינ שפּארעניש איז געבליבנ, אז רעדנ זאָל דאפקע בראָכע, מייַנ ברודער עליעס ווייַב. פארוואָס בראָכע? ווייַל די מאנצבלענ, עליע אונ פּיניע, קאָנענ ניט זענ איינער דעמ אנדערנ רעדנ אונ ניט אריַינפאָרנ אימ אינמיטנ. אונ די מאמע רעדט דאפקע גוט, נאָר א ביסל צופיל. דאָס הייסט, אז זי הייבט אָנ צו רעדנ, מוז זי אָנהייבנ פונ מא-טויווו[1]: וויִאזוי מיר האָבנ געהאט א טאטנ, האָט ער געהייסנ פּייסי. אונ אז ער איז געוועזנ א כאזנ. דערנאָכ, וויִאזוי ער איז, ניט דאָ געדאכט, קראנק געוואָרנ. אונ אזוי ווייַטער אונ ווייַטער. וויל יענער ניט אויסהערנ ביזנ סאָפּ. אונ מייַנ שוועגערנ בראָכע מאכט דאָס בעקיצער. א וואָרט אונ צוויי אונ א מאָהריטש, ווי מוישע דער אייַנבינדער זאָגט.

ערשט דעמלט, אז בראָכע האָט אינ קורצע ווערטער איבערגעגעבנ מענדלס געשיכטע, האָט דער מענטש פונ דער כעוורע „האכנאָסאס-אָרכימ" זיכ א נעמ געגעבנ צו דער ארבעט. ער איז ערגעצ אוועקגעלאָפנ, געקומענ צוריק אונ ווידער אוועקגעלאָפנ. קוימ מיט צאָרעס, מיט לייד — מע האָט געבראכט דעמ באָכער.

ד

אונ אז מע האָט געבראכט דעמ באָכער, מענדלענ הייסט עס, האָט דער מענטש פונ דער כעוורע „האכנאָסאס-אָרכימ" אימ אָנגענומענ פאר אנ אויער אונ האָט אימ אריַינגעזאָגט א גאנצע דראָשע: „געדענק,

---

1 געמיינט: פונ סאמע אָנהייב.

באָכערל, אז מיר זענענ אָרעוו פאר דיר, אז דו וועסט זיך גוט אופירנ. צוויי יאָר דורכאנאנד ביסטו אינ אונדזער רעשוס... מירנ אפ דיר אכטונג געבנ. טאָמער פירסטו זיך ניט אופ, ווי עס געהער צו זייַנ, שיקט מענ דיך ארויס צוריק, פונוואנענ דו ביסט געקומענ!"... דערנאָך האָט דער מענטש פארשריבנ זייַנ נאָמענ אונ אונדזערע אלע-מענס נעמענ אונ די נעמענ פונ אונדזערע פרייַנט אונ באקאנטע אונ זייערע אדרייסימ. אונ מיר זענענ פרייַ. מיר קאָנענ גיינ, וווהינ מיר ווילנ, אונ טאָנ, וואָס מיר ווילנ.

מיינט איר עפשער, אז מענדלענ האָט דאָס גערירט? עס הייבט זיך גאָר ניט אָנ. מייַנ כאווער מענדל איז אזא נעפעש, וואָס ווערט ניט ניספאָעל פונ קיינ זאך. אונ דערפאר האָב איך אימ ליב. דער-מאנ איך מיך אָנ מייַנ כאווער מענדל, וואָס ער איז געווענ אונ וואָס עס איז פונ אימ געוואָרנ שפעטער, העט-העט, אינ א צייַט ארומ — איז טאקע גאָטס ניסימ. נאָר אזא לאנד, ווי אמעריקע, קאָנ מאכנ פונ קליינ גרויס, פונ נידעריק הויך, קימאט פונ טויט לעבעדיק... נאָר מיר האלטנ נאָך דערווייַל פונ פאָרנט, בא דער פעררי.

ה

די פעררי — דאָס איז אזא מינ שיפ, אָדער א פאראָמ אזעלכער, וואָס מע קאָנ אריבערפאָרנ אפ אימ מיט פערד אונ וואָגנ אונ מיט האק אונ פאק. די פעררי איז גענוג ברייט אונ לאנג, אז איך אונ מייַנ כאווער מענדל זאָלנ קאָנענ זיך נעמענ פאר די הענט אונ שפאצירנ אינ דער לענג אונ אינ דער ברייט. די ערשטע מינוט איז די מאמע געווענ פארטראָגנ מיט אונדזערע מעכוטאָנימ אונ מיט אונדזערע בא-קאנטע. אלע האָבנ גערעדט, זיך אויסגעפועגט איינס בא דאָס אנדערע, וואָס סע הערט זיך. שפעטער א ביסל האָט זי זיך געכאפט, אז מיר זענענ ניטאָ — ניט איך, ניט מייַנ כאווער מענדל. אוואדע האָט זי גע-מאכט א גוואלד. זי האָט אנדערש ניט געוועכנט, נאָר אז מיר זענענ אריַינגעפאלנ אינ וואסער אריַינ אונ דערטרונקענ געוואָרנ. צומ סאָפ לאָזט זיך אויס, אז מיר האָבנ דערזענ טרעפ, זענענ מיר ארופ אפנ צווייטנ שטאָק פונ דער פעררי, אונ פונ דאָרטנ האָבנ מיר דערזענ א מוירעדיק הויכע גרויסע אייַזערנע פיגור פונ עפעס א נעקייווע, וואָס

זעט אויס ווי אנ אמ... מיר האָבנ קיינ צייַט ניט געהאט אפילע רעכט צו באקוקנ די דאָזיקע פיגור, האָבנ מיר דערהערט דער מאמעס קוילעס אונ דערזענ פאר זיכ עליענ. ער איז געווענ אפ אונדז מאָלע-גאזלענ פארנ דערשרעק, וואָס מיר האָבנ אָנגעוואָרפנ אפ זיי אלעמענ מיט אונדזער פארפאלנ ווערנ. מיר וואָלטנ זיכ ניט גענארט פונ אימ. מייַנ ברודער עליע וואָלט אונדז פאר אזא זאכ רעכט באצאָלט, האָט זיכ געטראָפנ א גליק — מייַנ שוועגערנ בראָכע האָט זיכ דערפילט ניט גוט אונ האָט ארויסגעלאָזט א קוויטש ניט מיט איר קאָל: „אוי, שוויגער, ס'איז מיר שלעכט!”... אונ זי וויל שוינ אָנהייבנ אירע שטיק, אזוי ווי אפנ יאמ. לאנג לעבנ זאָל דער הייַסינער שנייַדער (ער וויל גאָר פונ אונדז ניט אָפשטיינ אפ א ווייַלע!). ער פאלט אָנ אפ בראָכענ אונ זאָגט איר מוסער: „אזא אָסאָבע, ווי איר, קיינ אייַנהאָרע, זאָל ניט וויסנ דעמ כילעק פונ א יאמ ביז א קליינ טייַכל — פע, שעמענ מעגט איר זיכ!”...

פארענטפערט זיכ בראָכע. זי האָט ניט געוווסט, אז ס'איז א טייַכ. זי האָט געמיינט, אז מיר זענענ שוינ ווידער אפנ יאמ. וואָס קומט איר דערפאר?.. זאָגט פיניע, אז אימ דאכט זיכ, אז נאָכנ רייעכ אלייִנ קאָנ מענ דערקענענ, וועלכס איז יאמ אונ וועלכס איז א טייַכ. א יאמ, זאָגט ער, שמעקט מיט פיש, אונ אינ א טייַכ זענענ קיינ פיש ניטאָ. פרעגט אימ דער הייַסינער שנייַדער: פונוואנענ איז געדרונגענ? ענט-פערט אימ פיניע, אז ער רעדט גאָר ניט צו אימ, אונ אז ער האָט ביכלאל פייַנט ארייַנלאָזנ זיכ אינ וויקוכימ מיט א שנייַדער. מישט זיכ שוינ ארייַנ מוישע דער אייַנבינדער, פעסיעס מאנ. ער מאכט פיניענ אנ אויסרייד, אז ער איז איצט אינ אמעריקע, ניט אינ „ריסנ-לאנד”. אמעריקע, זאָגט ער, איז א לאנד פונ שנייַדערס. דאָ אינ אמעריקע, זאָגט ער, איז א שנייַדער אזא מעיוכעס, ווי בא אונדז דער שענסטער באלעבאָס, אונ עפשער נאָכ מער. אינ אמעריקע, זאָגט ער, האָבנ שנייַדער א „יוניע”. א „יוניע” איז קימאט דאָס, וואָס בא אונדז א „צעכ”. נאָר די היגע „יוניע”, זאָגט ער, איז גאָר נישט דאָס, וואָס אונדזער צעכ...

— אונ מיר, בעקערס, האָבנ זיכ אונדזער „יוניע”, — לייגט צו יוינע דער בעקער. — אונדזער בעקער-יוניע איז עפשער אזוי גרויס, ווי די שנייַדער-יוניע.

— זאָגט כאָטש לעהאוודל! — שלאָגט אימ איבער מוישע דער אייַנ-בינדער. אונ עס גייט אוועק א כאסענע, וועלכע „יוניע” איז גרעסער.

— נאָכ עטלעכע מינוט, אונ מיר זענענ אינ „נעוועיאָרק", — זאָגט פיניע צו עליענ, ביכדיי איבערצורייסנ דעם שמועס פונ די „יוניעס", וואָס האָט זיכ אונדז אלעמענ שוינ צוגעגעסנ... מיר קוקנ זיכ אײַנ אינ דער שטאָט, וואָס וואקסט פאר אונדזערע אויגנ אונ באווײַזט זיכ אלע ווײַלע נעענטער. אכ! וואָס פאר א שטאָט! אכ! וואָסערע הויכע הײַזער! קלויסטערס, ניט קיינ הײַזער! אונ פענצטער! טויזנט פענצטער!.. ווענ איכ האָב בא זיכ איצט א בלײַשטיפט מיט א בויגנ פאפיר!

ו

טררראכ-טאררדעראכ — טאכ - טאכ-טאכ! טאכ! דזינ-דזינ-דזינ-גלינ-גלאָנ! הו-הא! הו-הא! דו-דו-דו-דו-דו! פי-יו! אײַ-אײַ-אײַ-אײַ-אײַ-אײַ! אונ ווידעראמאָל — טראכ-טאררדעראכ-טאכ-טאכ-טאכ! אונ אינמיטנ הערט זיכ א הייזעריקער קוויטש פונ א פארטשעפעטנ כאזער: כרו! כרו! כרו!.. — אָט דאָס זענענ געווענ די קוילעס מיט די גוואלדנ, וואָס מיר האָבנ דערהערט אינ דער ערשטער מינוט, אז מיר זענענ אָנגעקומענ קיינ ניו-יאָרק. ביז אהער, קאָלזמאנ מיר זענענ געווענ אפנ וואסער, זענענ מיר געווענ רויק. נאָר דאָ, וויבאלד מיר האָבנ דערפילט, אז מיר שטייענ טאקע מיט בײדע פיס אפ דער ערד, אינ דעם רעכטנ אמעריקע, אזוי איז אפ אונדז אָנגעפאלנ א שרעק, א טומל מיט א בעהאָלע...

די ערשטע האָט זיכ פארלוירנ די מאמע. ווי א ספּאָלאָשעטע הונ א קוואָטשקע, וואָס ציטערט איבער אירע הינדעלעכ, צעשפרייט זי די פליגל, פיקט אונ קוואָקעט אונ הייבט אופ א געפילדער, פונקט אזוי האָט אויסגעזענ די מאמע מײַנע. זי האָט צענומענ בײדע הענט אונ געמאכט א גוואלד: „מאָטל! מענדל! עליע! בראָכע! פיניע! טײַבל! ווו זענט איר? אהער גייט!"...

— גאָט איז מיט אײַכ, שוויגער! וואָס שרײַט איר? — זאָגט צו איר בראָכע, אונ מײַנ ברודער עליע לייגט צו: „דער סאָפ וועט זײַנ, אז איבער דײַנ געשריי מיט דײַנ געפילדער וועט מענ אונדז ארויסשיקנ צוריק פונ אמעריקע!"...

— פורימ נאָכנ קאלטנ קוגל! — כאפט אימ אונטער אונדזער כאווער פיניע אונ לייגט ארײַנ בײדע הענט אינ די קעשענעס, אונ דאָס קאָ-

פּעליושל ארופּגערוקט ארופּ. — אזוי לאנג קרענקט פּאָני-גאנעוו, ווי לאנג מע וועט אונדז שויך פונדאנענ פּאָטער ווערן! דו האָסט פאר-געסן, אז אמעריקע איז באשאפן געוואָרן פון גאָט אפ שוץ און בא-העלטעניש פאר די אלע, וואָס ווערן געיאָגט און געפּלאָגט, געשטויסן און געטריבן פון אלע עקן פון דער וועלט?..

דער געדראנג פון מענטשן איז געווען זייער גרויס. אונדזער כאווער פּיניע האָט שיר ניט געכאפּט דעם זעלבן פּסאק, וואָס אנומלטן אין לאָנדאָן, בא אונדזער ארייַנפאָרן אין יענער שטאָט אריַין. דאָס הייסט, נאָך א מינוט און ער וואָלט געלעגן א צעקנייטשטער, א צע-טראָטענער אפּ דער גאס. איצטיקס מאָל איז ער אָפּגעקומען נאָר מיט א סטוסאק אין זיַיט אריַין. נאָר אזוי שטארק איז געווען דער קלאפּ, אז דאָס קאפּעליושל האָט זיך אראָפּגעגליטשט בא אים פון קאָפּ און, אונטערגעכאפּט פונעם ווינט, איז דאָס אוועקגעפלויגן א ביסעלע אָן א זיַיט. דאָס האָט צוגענומען בא אונדז אומזיסט עטלעכע מינוט איבע-ריקע ציַיט. מיר האָבן דעריבער פארשפּעטיקט די קאר. דאָס הייסט, דעם טראמוויַי. בא אונדז הייסט דאָס טראמוויַי, בא זיי — קאר. פּיניען איז דאָס וואָרט „קאר" בעסער געפעלן, ווי טראמוויַי. וואָרעם ס'איז קירצער. מיר האָבן אָבער לאנג נישט באדארפט ווארטן. עס איז באלד אָנגעקומען נאָך א קאר, און מיר אלע האָבן זיך ארופּגעקראצקעט מיט די פּעקלעך אפּ דער קאר, פארכאפּט אלע ליידיקע ערטער. און מיר פאָרן אין שטאָט אריַין.

— דאנקען האשעם-ייִסבאָרעך[1] — פּאָטער געוואָרן פון א פּרי-טשעפּע, פון דעם היַיסינער שניַידער! — פרייט זיך אונדזער כאוועד פּיניע, און מיַין ברודער עליע זאָגט צו אים: „ווארט אויס, פריי זיך נאָך ניט! אז מיר וועלן ווערט זיַין בא גאָט, וועלן מיר זיך מיט אים נאָך באגעגענען ניט איין מאָל אין ניו-יאָרק"...

---

1 געמיינט: גאָט.

VI

אינ ניו־יאָרק אפ דער סטריט

א

דער אריַינפאָר אינ שטאָט ניו-יאָרק איז שרעקלעכ. דאָס פאָרנ אליינ איז נאָכ ניט אזוי גוואלדיק, ווי דאָס איבערזעצנ זיכ פונ איינ וואגאָנ אינעמ אנדערנ. איר האָט זיכ נאָרוואָס אריַינגעזעצט — אהא! איר פליט שוינ, ווי די אָדלערס, אינ דער הייכ, איבער א לאַנגער שמאָלער בריק אפ צו דערהארגעט ווערנ. ווערט דאָס אָנגערופנ בא זיי „עליווייטער”. מיינט איר, אז איר זענט שוינ פארטיק? האָט צייַט א ביסל. איר קריכט ארויסעט פונעמ „עליווייטער”, אונ איר זעצט זיכ איבער אינ אנ אנדער וואגאָנ, אונ איר לאָזט זיכ אראָפ דורכ טויעפ, ווי אינ א קעלער אריַינ, אונ איר לויפט אונטער דער ערד מיט אזא אימפעט, אז עס שווינדלט אייַכ אינ די אויגנ. דאָס ווערט שוינ אָנ-גערופנ בא זיי „צאָבהיי”. פארוואָס הייסט דאָס „עליווייטער” אונ דאָס „צאָבהיי”? — זאָגט מייַנ ברודער עליע, אז „עליווייטער” נעמט זיכ פונעמ וואָרט „לייטער”. אונ „צאָבהיי” זאָגט מענ בא אונדז אויכ, אז מע טרייַבט אָנ א פאָר אָקסנ. לאכט פונ אימ אונדזער כאווער פיניע מיט סאקאָנעס. ער זאָגט: „ס'א מאָשל אקעגנ א טאָרבע פלעקער! אָקסנ, זאָגט ער, קוימ וואָס זיי קריכנ, אונ דאָס פליט!” ענטפערט אימ דערופ עליע: „דערופ איז דאָס אמעריקע, ס'זאָל פליִענ”... מישט זיכ אריַינ מייַנ שוועגערנ בראָכע אונ זאָגט, אז דאָס אייגענע אמעריקע וואָלט געווענ א סאכ בעסער, ווענ מע זאָל דאָ ניט אזוי פליִענ, ווי מע פליט. זי שווערט זיכ, אז מער פאָרט זי שוינ ניט, אנ עק! ניט מיטנ „עליווייטער” אונ ניט מיטנ „צאָבהיי” — זי זאָל וויסנ גליקלעכ ווערנ. זי וועט שוינ, זאָגט זי, בעסער גיינ צופוס, איידער אזוי מעשוגענערווייַז פליִענ הענדומ-פענדומ איבער דער כמארע, אָדער לויפנ אונטער דער ערד. דערבייַ האָט זי געזאָגט א ווערטל: „הייב מיכ ניט אונווארפ מיכ ניט”... א מאָדנע יידענע מייַנ שוועגערינ. בא מיר וואָלט איר, פארקערט, געפויעלט, איכ זאָל ארומפאָרנ מיטנ „עליווייטער” אונ מיטנ „צאָבהיי” א גאנצנ טאָג מיט א גאנצער נאכט. מייַנ כאווער מענדל אויכ דאָס אייגענע.

ב

דאכט זיך, מיר זענען שוין אויסגעווען א וועלט. דאכט זיך, מיר האָבן זיך שוין גענוג אָנגעזען מיט די טראמווייען אין לעמבערג, אין קראָקע, אין ווין, אין אנטווערפּען און אין לאָנדאָן. נאָר אזא ענגשאפט מיט אזא שטופּן זיך און אזא דערשטיקעניש, ווי אָט דאָ, אין דעם גענעם, האָבן מיר אין ערגעץ ניט געזען! קאָפּ אף קאָפּ. איינער ארויס, צוויי אריין. זיצן איז ניטאָ ווו. דארף מען שטיין. פאלט מען אום. מוז מען זיך אָנהאלטן באם רינג. הייסט עס דאָ „הענגען אפן סטראפּ". ווערט מען פארקליאקנעט. העלפט גאָט, עס ווערט ריינ אן אָרט, איז פאראן דערויף א סאך באלאָנים. קוים מיט צאָרעס פארכאפּט אן אָרט. איר קוקט זיך ארום, זיצט איר צווישן צוויי גוים.ביידע שווארצע. א ניגער מיט א ניגערטע. מעגושעמדיקע ברוים. מוירעדיק גראָבע ליפּן. גרויסע ווייסע ציין און ווייסע נעגל. זיי זיצן און קייען עפּעס, מאלעגיירען, אזוי ווי אָקסן. ערשט דערנאָכדעם בין איך געווירע געוואָרן, אז דאָס, וואָס זיי קייען, ווערט אָנגערופן בא זיי „טשאָינגאָם". דאָס איז אזא מין קאָנפעקט פון גומילאסטיק. מע האלט דאָס אין מויל און מע קייעט דאָס. ארונטערשלינגען טאָר מען דאָס ניט. יונגע באָיעס, דאָס הייסט קליינע יינגלעך, אלטע לייט און קאליקעס מאכן דערפון א לעבן. אונדזער כאווער פיניע, אויב איר געדענקט, איך האָב אייך אמאָל דערציילט, איז בעטעווע א גרויסער נאשער. ער האָט ליב זיסע זאכן. האָט ער זיך צוגעכאפּט צו די דאָזיקע קאָנפעקטלעך און האָט פּאוואָלינקע איינגעשלונגען א גאנץ שאכטל. דער סאָף איז געווען — ער האָט זיך אָנגעמאכט א כאסענע אין מאָגן, שיר ניט אָפּגעסאמט זיך. דאָקטוירים האָבן אויסגעפּאָמפּעט בא אים דורכן האלדז די טשאָינגאָם. מע האָט אים געראטעוועט דאָס לעבן. נאָר איך פארלויף אפ צו פריער. מיר קערן זיך אום צוריק צו אונדזער ערשטן אריינפאָר אין דער שטאָט ניו-יאָרק.

ג

דעם גאנצן וועג, וואָס מיר זענען געפאָרן אפן „עליווייטער" און אפן „צאָבוויי", האָבן אונדזערע לייט, די מאנצבלען מיט די ווייבער, געהאלטן אין איין רעדן. איך זאָג רעדן, אָבער ס'איז ניט עמעס. ווער

קאָנ דאָס רעדנ אפנ „עליווייטער"? אָדער אפנ „צאָבהיי"? אז ד'ער ראש, מיטנ געפילדער, מיטנ גראגערנ פונ די רעדער, מיטנ גריל'צנ פונ די רעלסנ, מיטנ קלינגענ פונ די פענצטער מאכנ איַיכ טויב. איר אלײנ הערט ניט איַיער קאָל. איר מוזט שרײַענ אײנס צום אנדערנ, ווי בײס איר רעדט צו א טויבנ. אונדזערע לײַט זענענ אזש הײזע-ריק געוואָרנ שרײַענדיק. די מאמע האָט עטלעכע מאָל געבעטנ זיכ בא פעסיענ:

— פעסיעניו, נעשאָמעניו, הארצעניו, ליובעניו! לאָזט דאָס איבער אפ שפעטער!..

מע ווערט אנשוויגנ אפ א מינוט און מע הײבט אָבער באלד אָנ ווידעראמאָל צו שרײַענ אפ קוילע-קוילעס. וואָרעמ מע איז דאָכ לעבע-דיקע מענטשנ, גוטע פרײַנט, געוועזענע שכײנים. וויאזוי קאָנ מענ זיכ אײַנהאלטנ און ניט אויסרעדנ זיכ די הערצער? מע האָט זיכ אזא צײַט ניט געזענ. און צו רעדנ איז דאָ אזוי פיל! אזוי פיל!

ד

אָנגערעדט זיכ און אָנגעשריענ זיכ וועגנ וויַטיקע זאכנ, איז מענ ארופ אפ א שמועס וועגנ ווהינ צו פארפאָרנ און בא וועמענ אָפצושטעלנ זיכ. נאָכ א סאכ וויקוכימ און שפארעמישנ איז געבליבנ, אז די מאמע און איכ און אונדזער כאווער פיניע מיט זײַנ טײַבלענ זאָלנ מיר זיכ אָפשטעלנ בא אונדזער שכײנע פעסיע די גראָבע. און עליע מיט זײַנ ווײַב בראָכע זאָלנ פארפאָרנ צו זײערע שווער-און-שוויגער, יוינע דעמ בעקער און ריוועלע די בעקערנ. נו, און מענדל? זאָגט פעסיע, אז מענדלענ נעמט זי צו זיכ. זאָגט ריוועלע די בעקערנ — נײנ. בא פעסיענ, זאָגט זי, זענענ קײנ אײַנהאָרע פאראנ אָנ אימ אויכ א היפש ביסל עסערס. פארדריסט דאָס פעסיענ. זי זאָגט, אז ס'איז ניטאָ קײנ איבעריקע צײנ אינ מויל און קײנ איבעריקע קינדער בא א מוטער.

— שאט! ווײסט איר וואָס? לאָמיר פרעגנ דעמ באלדאָוועט אלײנ. — אזוי זאָגט מוישע דער אײַנבינדער, פעסיעס מאנ, און ער טוט א פרעג בא מענדלענ: ווהינ וויל ער בעסער — צו אימ אָדער צומ בע-קער? ענטפערט אימ מענדל, אז ער וויל זײַנ דאָרטנ, ווו זײַנ כאווער מאָטל. איכ אלײנ האָב אויכ גאָר אנדערש ניט געטראכט, אז אזוי באדארפ מענדל זאָגנ.

ה

— אָט דאָ באלד, נאָך איין סטיישען, סטאפּען מיר! — רופט זיך אָן יוינע דער בעקער שוין אפ אמעריקאנער לאָשן. מיר פארשטייען ניט, וואָס הייסט „סטיישען" און וואָס הייסט „סטאפּען"? פארטײַטשט ער אונדז, אז סטיישען הייסט א סטאנציע און סטאפּען, מיינט מען, אָפּשטעלן זיך, ארויסקריכן.

— מעכוטן! פון ווען אָן האָט איר עס אָנגעהויבן רעדן אפן היגן לאָשן? — פרעגט אים די מאמע, און ריוועלע די בעקערן ענטפערט פאר איר מאן:

— איך בין אײַך אָרעוו, מעכוטענעסטע, אז אין א וואָך ארום וועט איר אויך אָנהייבן רעדן אפן היגן לאָשן. וואָרעם אז איר'ט ארויסקומען אין סטריט און פרעגן: ווו איז דאָ דער קאצעוו? וועט איר מעגן קאצעוון פון הײַנט ביז איבערמאָרגן, וועט אײַך קיינער ניט ענטפערן.

פרעגט זי די מאמע:

— וויאזוי זשע דען זאָל איך זאָגן?

ענטפערט שוין פעסיע די גראָבע:

— איר'ט מוזן זאָגן „דער בוטשער".

— אזוי לאנג קרענקען זיי! — מישט זיך ארײַן מײַן שוועגערן בראָכע. — זיי זאָלן אפילע אופלויפן, וועל איך זיי זאָגן קאצעוו, קאצעוו און קאצעוו!

ו

מיטאמאָל האָט מען זיך אָפּגעשטעלט. אונדזער מעכוטן יוינע דער בעקער האָט געכאפּט די מעכוטענעסטע ריוועלע די בעקערן מיט מײַן ברודער עליע מיט מײַן שוועגערן בראָכע און האָבן זיך געגעבן א לאָז צום ארויסגאנג. האָט זיך די מאמע אויך אופגעהויבן. זי האָט געוואָלט גיין באגלייטן אירע קינדער, זיך געזעגענען מיט זיי. אויך פּיניע פון זײַן זײַט האָט זיך אופגעהויבן, געגאנגען געזעגענען זיך מיט זײַן כאווער עליע און טאקע אין איינוועגס אָפּרעדן מיט אים, ווו און ווען מע זאָל זיך זען. נאָר ווער? וואָס? ווען? איידער מע קוקט זיך ארום, איז שוין יוינע דער בעקער מיט דער בעקערן מיט מײַן ברודער עליע און מיט זײַן ווײַב בראָכע אפ יענער זײַט.

דער קאָנדוקטאָר האָט שוינ פארהאקט די טיר. דער וואגאָנ האָט זיכ געגעבנ א ריס. אונדזער פיניע, ווי ער איז געשטאנענ פארטראכט אונ צעטומלט, אזוי האָט עס אימ געגעבנ א שלײַדער פונ די פיס. אײַנ א ווײַלע ארומ איז ער שוינ געלעגנ בא א שווארצער גויע (א ניגערטע) אפנ שויס. האָט אימ די ניגערטע געגעבנ א וואָרפ פונ זיכ מיט בײדע הענט אזוי, אז ער איז אוועקגעפלויגנ אפ דער צווייטער זײַט באנק אונ דאָס קאפעליושל צו דער טיר. אונ טאָמער איז קארג, איז נאָכ געוואָרנ א געלעכטער אויכ. דער גאנצער וואגאָנ האָט געלאכט. איכ אונ מײַנ כאווער מענדל האָבנ אויכ געלאכט. האָבנ מיר געכאפט א פסאק פונ דער מאמע אונ פונ פיניעס ווײַב טײַבל, לעמײַ מיר לאכנ. גייט זײַט א בעריע, אדעראבע, אונ לאכט ניט!

ז

אלצדינג אפ דער וועלט האָט אנ עק. געקומענ א סאָפ צו אונדזער ארײַנפאָר אינ ניו-יאָרק. מיר זענענ שוינ אפ דער גאס. דאָ הייסט עס „סטריט". ווענ איכ זאָל ניט וויסנ, אז מיר זענענ אינ אמעריקע, וואָלט איכ זיכער געמיינט, אז מיר זענענ אינ בראָד אָדער אינ לעמבערג. די אייגענע ייִדנ, די אייגענע ווײַבער, די אייגענע גוואלדנ, דאָס אייגענע מיסט, וואָס דאָרטנ. נישט מער, דער טומל מיטנ הארמידער איז דאָ א סאכ גרעסער. אונ דער ראש איז שטארקער, הילכיקער. אויכ די מויערנ זענענ העכער. א סאכ העכער. זעקס עטאזשנ איז א געלעכטער. פאראנ הײַזער פונ צוועלפ עטאזשנ. אונ פונ צוואנציק. אונ פונ דרײַסיק. אונ פונ פערציק. אונ נאָכ העכער. נאָר וועגנ דעמ שפעטער. דערווײַל זענענ מיר מיט אונדזערע פעקלעכ אפ דער סטריט. מיר האָבנ נאָכ א שטיק וועג צו גיינ צופוס. דאָ הייסט עס — „וואָקענ". אונ מיר וואָקענ. פריער וואָקט מוישע דער אײַנבינדער מיט זײַנע קורצע פיס. נאָכ אימ וואָקט זײַנ ווײַב פעסיע די גראָבע. קוימ וואָס די פיס טראָגנ זי. אזוי פעט אונ שווער איז זי. נאָכ פעסיענ וואָקענ פיניע מיט זײַנ טײַבל. פונ פיניעס וואָקענ קאָנ מענ בלײַבנ אָנ א בויכ לאכנדיק. פיניע, אז ער וואָקט, טאנצט ער אונטער מיט זײַנע דינע לאנגע פיס, וואָס פארטשעפענ זיכ איינער אינ דעמ אנדערנ. איינ הויז אראָפ, דער אנדערער ארופ. דאָס קאפעליושל ארופגערוקט. דאָס האלדזטיכל אינ פאָצנ-זײַט. א מאָדנע פיגור, בעט זיכ אפ פאפיר.

איכ אונ מײַנ כאַווער מענדל וואָקנ פונ הינטנ, שפּעטער פונ אַלע-
מענ. מיר שטעלנ זיכ אָפּ קימאַט באַ יעדנ פענצטער. אונדז איז גע-
פעלנ, וואָס די אויפשריפטנ זענענ אָפ ייִדיש אונ וואָס עס שטייענ
אַרויסגעשטעלט אַלע ייִדישע זאַכנ: סידורימ, טאַלעס-קאָטנס, יאַרמעל-
קעס, מעזוזעס, מאַצעס — אײַנמיטנ-דערינענ, סאַמע אינ אָנהייב ווינטער,
מאַצעס! מאַשמאָעס, א ייִדישע שטאָט. לאָזט מענ אונדז אָבער לאַנג
ניט שטיינ. די מאַמע רופט אונדז: „אהער גייט!“ — מוז מענ גיינ.

ח

ווער עס האָט ניט געזענ די ניו-יאָרקער סטריט — דער האָט גאָר
קיינ שיינס ניט געזענ. וואָס געפינט איר ניט אָפ דער סטריט? ייִדנ
האַנדלענ. ווײַבער זיצנ אונ שמועסנ. קינדער אינ די וועגעלעכ שלאָפנ.
„קערעדזשעס“ הייסנ דאָ די וועגעלעכ. אַלע קערעדזשעס האָבנ אײַנ
פּאָנעמ. דאָ, אָפ דער סטריט, האָדעוועט מענ די קליינע אייפעלעכ
מיט מילכ פונ קליינע פלעשעלעכ. גרעסערע קינדער שפּילנ זיכ. אונ
שפּילנ שפּילט מענ זיכ מיט טויזנטערליי שפּילערײַענ: מיט קנעפּלעכ,
מיט רעדעלעכ, אינ באָל, אינ וועגעלעכ, אינ שליטעלעכ אונ אינ
„סקייטס“. דאָס איז א מינ זאַכ אָפ פיר רעדלעכ, צוגעבונדנ צו די
פיס, אונ אָפ דעמ רעדלט מענ. מע קאָנ טויב ווערנ פונ דעמ גע-
פּילדער, וואָס די קינדער הייבנ אויפ אָפ דער סטריט. די סטריט גע-
הערט צו די קינדער. קיינער וועט ניט וואַגנ זיי פונדאַנענ צו פאַר-
טרײַבנ. אונ ביכלאַל איז אַמעריקע א לאַנד, וואָס איז באַשאַפנ גע-
וואָרנ פונ די קינדערס וועגנ. אונ דערפאַר האָב איכ ליב דאָס לאַנד.
אַנו, לאָז עמעצער פּרוּוונ אָנרירנ א קינד מיט א פינגער! מײַנ ברו-
דער עליע האָט עס פאַרזוכט אָפ זײַנ אייגענער הויט. ער וועט שוינ
פאַרזאָגנ א צענטנ. אַזוי איז געווענ די מײַסע:
איינמאָל בינ איכ מיט מענדלענ געווענ אָפ דער סטריט אונ גע-
שפּילט אינ „טשעקעס“. דאָס איז א שפּיל מיט קײַלעכיקע הילצערנע
קנעפּלעכ, וואָס מע שיסט מיט זיי. איז אָנגעקומענ סאַמע אינ רעכטנ
שפּיל מײַנ ברודער עליע. האָט ער מיכ, נאָכ דער אַלטער מאָדע, אָנ-
געכאַפּט באַמ אויער מיט איינ האַנט אונ מיט דער אַנדערער געוועג
גרייט מיר שענקענ א פּאָר פײַנע פּעטש. וואַקסט אויס א באָי, א
„ווערגעלעצ“, ווי פונ אונטער דער ערד. ער לויפט צו צו מײַנ ברו-

דער אונ רײַסט מיכ ארויס פונ זײַנע הענט. דערנאָכ פארקאטשעט ער די ארבל אונ זאָגט עפּעס צו עליענ אפ אמעריקאנער לאָשנ. נאָר אזוי ווי מײַנ ברודער פארשטייט ניט קיינ ענגליש, נעמט דער ווערגעלעצ אונ טראָגט אימ אונטער א צוגעמאכטנ קולאק גלײַכ אונטער דער נאָז. קלײַבט זיכ באלד צונויפּ א רעדל מיט מענטשנ. אונ מײַנ ברודער פארענטפערט זיכ פאר זיי אפ יִידיש, אז ער קער מיכ אָנ א ברודער, מעג ער דעריבער מיט מיר לערנענ דערעכ-ערעצ. זאָגנ אָבער די צונויפגעלאָפענע, אז אינ אמעריקע גייענ נישט אָנ די זאכנ. א ברודער, נישט א ברודער,—שלאָגנ א קלענערנ פונ זיכ טאָר מענ ניט...

נו, גייט האָט ניט ליב אזא לאנד!

ט

דערווײַל האָב איכ מיכ פארעדט אונ גאָר פארגעסנ, אז מיר זענענ שוינ געקומענ אהינצוצו, ווו מיר דארפנ זיכ אָפּשטעלנ. דאָס הייסט, בא אונדזער שכיינע פעסיע די גראָבע אונ בא איר מאנ מוישע דעמ איינבינדער. ארײַנגעקומענ צו זיי אינ שטוב, האָבנ מיר נישט געטראָפנ קיינעמ פונ דער כאליאסטרע. איכ קוק זיכ ארומ אפ אלע זײַטנ. איכ זוכ מיט די אויגנ מײַנ אמאָליקנ כאווער „וואשטי". ניטאָ ניט וואשטי, ניט קיינער. ווו זענענ זיי אהינגעקומענ אלע? וועט איר הערנ א שיינס.

VII

די כאליאסטרע אפ דער ארבעט

א

איכ האָב אײַכ געהאט דערציילט, אז מיר זענענ ארײַנגעקומענ צו אונדזער שכיינע פעסיע די גראָבע אונ צו איר מאנ מוישע דעמ איינבינדער אינ ניו-יאָרק, האָבנ מיר פונ זייער גאנצער כאליאסטרע קיינעמ ניט געטראָפנ אינ דער היימ; וואָס איז די מײַסע?—די כאליאסטרע איז אפ דער ארבעט. נאָר איידער איכ וועל אײַכ גיינ

דערציילן, וואָס פאַר אַן אַרבעט יעדער פון זיי האָט, באַדאַרף מען אײַך פריִער באַשרײַבן, וויאַזוי א ייִד אַן אײַנבינדער פאַרגינט זיך צו זיצן אין אַמעריקע. ערשטנס, די שטוב. בא אונדז אין שטעטל וואָלט פעסיע די גראָבע גאָר מוירע געהאַט אַרופצוקלעטערן אַזוי הויך. מע גייט און מע גייט עפּשער אַף הונדערט טרעפּ, ביז מע קומט אַרײַן אין אַ דירע מעלוכע. כאַדאָרים און כאַדאָרימלעך אָן אַ שיר. דאָ הייסט עס „רומס". אין יעדן רום — בעטלעך מיט קאָלדרעס, מיט פאָרהענגלעך אַף די פענצטער, און איין רום, וואָס מע רופט דאָס „קיטשען". בא אונדז הייסט עס קיך. נאָר קיין אויוון איז ניטאָ. אַן אײַזערנע פּליטע מיט לעכער אַף צו קאָכן, און וואַסער צאַפּט זיך דאָ פון דער וואַנט. קאַלט וואַסער און הייס וואַסער — וויפל איר ווילט! איר דאַרפט נאָר געבן אַ דריי מיטן קראַן — און פאַרטיק.

ב

שפּעטער, אַז מײַן ברודער עליע און זײַן ווײַב בראָכע זענען געקומען צו אונדז געוווירע ווערן, וואָס מיר מאַכן, האָט אים אונדזער כאַווער פיניע אָנגענומען פאַר אַ האַנט, אַרײַנגעפירט אין קיטשען, באַוויזן די צוויי קראַנען מיט וואַסער און איז אַרויס מיט לאָשן, ווי פיניע קאָן. ער האָט געזאָגט:

— וואָס זאָגסטו עפּעס, עליע, אַף קאָלומבוסן? מעג ניט זײַן פאָניע די קאַפּאָרע פאַר זײַן מינדסטן נאָגל, וואָס אַכוץ בראָנפן און אַכוץ פאָגראָמען ווייסט ער ניט, ווער עס האָט אים געשלייערט?..

וועט אים דען מײַן ברודער עליע אָפּשווײַגן? רופט ער זיך אָן צו אים, צו פיניען הייסט עס: „איצטער ביסטו שוין אינגאַנצן פאַר קאָלומבוסן. וואָס האָסטו דאָ אָבער געזאָגט פריִער אַ ביסל, אַף עליס אײַלאַנד?" פאַרענטפערט זיך פיניע און זאָגט, אַז עליס אײַלאַנד געהער ניט צו אַמעריקע. עליס אײַלאַנד, זאָגט ער, ליגט אַף דער גרענעץ צווישן אַמעריקע און צווישן אויסלאַנד. זאָגט אָבער מײַן ברודער עליע, אַז עס הייבט זיך גאָרניט אָן. צעקריגט מען זיך. ווי דער שטייגער איז בא די צוויי כאַווירים. ביז עס מישט זיך אַרײַן בראָכע און מאַכט צווישן זיי אַ שאָלעם. זי זאָגט, אַז זיי ווייסןביידע מער פון אַ טויטן, און אַז דעריבער איז זייער קריגן זיך ניט ווערט אַן אָפּגעריבענער גראָשן. נאָר איך האָב אײַך אָנגעהויבן צו דערציילן

פונ מוישע דעמ אײַנבינדערס שטוב אונ גיכ ארופ גאָר אפ אנדערע זאכנ. האָט קײנ פאריבל ניט — מיר קערנ זיכ אומ צוריק צו אונדזער שכײנע פעסיע די גראָבע אונ צו אירע קינדער, צו דער כאליאסטרע.

ג

אוואדע האָט זיכ אונדזער מוישענ אונ אונדזער פעסיענ קײנמאָל ניט געכאָלעמט אזא גוטס, אז זײ װעלנ זיצנ אינ אזא שטוב אונ האָבנ רומס. אפ אלצדינג א רומ. אפ צו שלאָפנ א רומ, הײסט עס „בעד-רומ”. אונ אפ צו עסנ האָבנ זײ א באזונדער רומ, װאָס מע רופט דאָס „דײנינג-רומ”. פארװאָס עפּעס דײנינג-רומ? ברעכנ זיכ עליע אונ פיניע די קעפ אונ קאָנענ ניט פארשטײנ. מײלע בעד-רומ — װײַל דאָרטנ שטײענ בעטנ. אָבער דײנינג-רומ — װאָס איז די טײַטש „דײנינג?” פארװאָס ניט „עס-רומ”? מישט זיכ ארײַנ מוישע דער אײַנבינדער אונ זאָגט צו זײ:

— צו װאָס זאָלט איר זיכ ברעכנ אומזיסט דעמ מויעכ? אבי איכ בינ א באלעבאָס אינ ניו-יאָרק, גאָט צו דאנקענ, אונ מײַנע קינדער ארבעטנ אלע מיט גאָטס הילפ, אונ מע מאכט א לעבנ אינ אמעריקע...

איכ באקוק אָט דעמ מוישע דעמ אײַנבינדער אונ טראכט מיר: ריבוינע-שעל-אוילעמ! װי א מענטש בײַט זיכ איבער! אינ דער הײמ האָט מענ אימ גאָר ניט געהערט רעדנ אפילע. אומעטומ אונ אלעמאָל איז געװענ פעסיע. ער האָט נאָר געװוּסט מאכנ פאפ אונ קלעפּנ ספאָרימ. אונ דאָ איז ער געװאָרנ מיט א קאָפּ העכער. א קלײניקײַט — א מענטש האָט ניט קײנ שומ דײַגעס! אלע קינדער ארבעטנ אונ ברענגענ געלט. איכ װעל אײַכ אויסרעכענענ איטלעכנ בא די נעמענ, װאָס פאר אנ ארבעט ער טוט אונ װיפל ער פארדינט. די מאמע איז מעקאַנע אונדזער שכײנע פעסיע, װאָס גאָט האָט איר געשענקט אזויפיל קינדער, קײנ אײַנהאָרע.

ד

דער עלטערער באָכער, קלעצל האָט ער געהײסנ אינ דער הײמ. דאָ הײסט ער סעמ. פארװאָס עפּעס סעמ? — װײס איכ ניט. איכ װײס נאָר, אז ער פארדינט שוינ געלט. ער איז אײַנגעשטעלט אינ א „פײפּער-באקס-פעקטאָרי”. איר װײסט דאָכ אָבער ניט, מיט װאָס מע עסט

דאָס, באַדארפ מענ אײַך פּארטײַטשנ. דאָס איז א פּאבריק, ווו מע מאכט שאכטלענ פונ קארטאָנ-פּאפּיר. מײנט ניט, אז דאָס איז אזא שווערער דזשאב (דזשאב הײסט א מעלאָכע). ער אלײנ בעסאכאקל מאכט נאָכ ניט קײנ שאכטלענ. ער צעטראָגט זײ גאָר. הײסט עס דאָ אפּ זײער לאָשנ: ער „דעליווערט" זײ. דאָס הײסט, ער נעמט אינ יעדער האנט א באָנדל שאכטלענ פונ א צענ טוצ אונ לויפט מיט זײ איבער די ענגע סטריטנ, צווישנ קארס אונ אווטאָמאָבילס. מע דארפ אכטונג געבנ, זײ זאָלנ כאָלילע ניט צעקוועטשט ווערנ. ער באקומט דערפאר דריטהאלבנ טאָלער א וואָכ אונ האָפט אפּ א „רעיז", דאָס הײסט אפּ א הויסאָפּע. ס'איז מעגלעכ, אז מיט דער צײַט זאָל ער נעמענ דרײַ טאָלער א וואָכ. דאָס איז דערוויַל. שפּעטער א ביסל זאָגט אימ צו דער באָס (א באלעבאָס הײסט דאָ „באָס"), אז ער וועט אימ אויסלערנענ די ארבעט, וויאַזוי צו מאכנ די שאכטלענ. ער זאָגט צו אימ: „דו זײַ נאָר א גוד באָי, וועסטו זײַנ אָלרײַט". אפּ אונדזער לאָשנ הײסט עס: „זײַ א מענטש, וועסטו עסנ אינ סוקע".

ה

דאָס צווײטע באָכערל, וואָס מע האָט אימ אמאָל גערופנ וועלוול קאָטער, אונ הײַנט הײסט ער שוינ ווילי, איז אויכ א דעליוועך-באָי, דאָס הײסט א ייִנגל, וואָס מע שיקט אימ. ער איז אינ א „גראָסערי-סטאָר". בא אונדז הײסט עס א „באקאלײנע קלײט". דאָס איז שוינ א ביסל א שווערערער דזשאב. מע דארפ זיכ פּעדערנ גאנצ פרי, אז גאָט אלײנ שלאָפט נאָכ. מע דארפ קוידעמ אויסאָרטירנ אונ אויספּאקנ אלע אָרדערס. דערנאָכ צעטראָגנ די באָנדלס צו די קוינים. דאָ הײסנ זײ „קאָסטאָמערס". אינ די באָנדלס געפינענ זיכ זעמעלעכ, פּוטער, קעז, אײער, צוקער, מילכ, קרימ — סמעטענע הײסט עס. מע דארפ זיכ מיט דעמ דראפּענ אפּ צווײ הונדערט טרעפּ אפּ דעמ „טאפּ-פלאָר", דאָס הײסט, גאנצ אויבנ אונטערנ דאכ. אונ דאָס באַדארפ אָפּגעטאָנ ווערנ גיכ, אינ אײנ אָטעמ, וואָרעמ ער דארפ נאָכ קומענ צוריק אינ סטאָר צוקערנ דאָס מיסט, אופּראמענ אונ טאָנ נאָכ עפּעס אנ ארבעט ביז האלבנ טאָג. נאָכ האלבנ טאָג איז ער פרײַ. באקומענ באקומט ער ניט קײנ סאכ. אינגאנצנ פופצנ סענט א טאָג, אכוצ פרײַטיק. פרײַ-טיק באקומט ער א גאנצנ קוואָדער מיט א כאלע אפּ שאבעס.

ו

דאָס, וואָס איך האָב אײַך דערציילט אויבן, קער זיך אָן מיט די גרעסערע באָכערים. די קלענערע לאָזט מען דאָ ניט ארבעטן אין־דערפֿרי. מאכמעס דאָ, אין אמעריקע, מוזן קלײנע קינדער לערנען, גײן אין סקול. דאָס הײסט, אין כײדער ארײַן. אניט — טוט זיך כוי־שעך. און לערנען לערנט מען אומזיסט. און מע גיט אײַך נאָך צו ביכער אויך. אונדזער כאווער פּיניע, אז ער האָט דאָס דערהערט, איז ער געוואָרן אויסער זיך. ער האָט זיך דערמאָנט, אז בא אונדז, אין דער הײם, לאָזט מען גאָר ייִדישע קינדער ניט ארײַן אין גימ־נאזיע. און דאָ, אין אמעריקע, שלעפּט מען אײַך מיט גוואלד. אניט — וועט איר צאָלן שטראָף. „צוליב דעם אלײן, זאָגט פּיניע, וואָלט זיך פּאָניע געמעגט באגראָבן א לעבעדיקער אין דער ערד ארײַן!”...

נאָך אזוי ווי אין סקול גײט מען נאָר א האלבן טאָג, קאָן מען דעם אנדערן האלבן טאָג עפּעס טאָן און פֿארדינען א פּאָר טאָלער. טוען זײ טאקע אזוי, פּעסיעס קלענערע קינדער. אײנער, אָט דער, וואָס מע רופֿט אים טשערנאָהוז, ארבעט אין אן אפּטײק. דאָ הײסט עס א „דראָג־סטאָר”. ער וואשט פֿלעשלעך, גײט אין פּאָסט־אָפֿיס נאָך מארקעס. דאָ הײסט עס „סטעמפּס” און עס פֿארקויפֿט זיך אין דער אפּטײק. ער באקומט פֿאר זײַן ארבעט, נאָר פֿאר א האלבן טאָג, א טאָלער מיט א קוואָדער א וואָך. „עס גײט ניט צופּוס” — זאָגט מוישע דער אײַנבינדער און נעמט צו בא אים דאָס געלט.

ז

פּײַטל פּעטעלעלע, דאָ הײסט ער שוין פּיליפּ, גײט אויך א האלבן טאָג אין סקול, און דעם אנדערן האלבן טאָג פּעדלט ער מיט ייִדישע גאזעטן. דאָ הײסט עס „פּײפּערס”. ער לויפֿט ארום אף איסט־בראָדוויי — אזא סטריט — און שרײַט: „פּײפּערס, פּײפּערס!” און רופֿט דערבײַ אויס דעם נאָמען פֿון יעדן פּײפּער. ער מאכט דערפֿון פֿון פֿערציק ביז פֿופֿציק סענט א טאָג, און אמאָל מער אויך. פֿארשטײט זיך, אז דאָס גײט אויך אוועק צום פֿאָטער אין טאָפּ ארײַן. אלע פֿארדינען, און דער אײַנבינדער האלט זײ אלעמען אויס.

ח

אלע פארדינענ. אפילע מײַנ כאווער הערשל, דער, וואָס מיט דער גולקע אונ וואָס מע רופט אימ דערפאר „וואשטי". דאָ הייסט ער שוינ ניט וואשטי אונ ניט הערשל, נאָר הערי, אונ לערנט אינ סקול. דעמ אנדערנ האלבנ טאָג נאָכ דער סקול שטייט ער בא א סטענד אינ ריווינגטאָנ-סטריט בא א באקאנטער יידענע, טאקע פונ אונדזער שטעטל, אונ העלפט איר פארקויפנ רײַז, גרויפּנ, הירזש, ארבעס, בעבלעכ, ניס, ראָזינקעס, מאנדלענ, פײַגנ, טייטלענ, באָקסערנ, אונ זויערע אוגערקעס אויכ. קיינ סאכ ארבעט דערבײַ האָט ער ניט. ער דארפ נאָר אכטונג געבנ מע זאָל ניט צעשלעפּנ. וואָרעמ א יידענע, אז זי גייט צו פרעגנ אפ גרויפּנ, כאפּט זי אורײַנ דעווײַל א ראָ-זינקע, אָדער א מאנדל, אָדער א טייטל אינ מויל ארײַנ. דערפאר כאפּט ער אָבער אליינ אָפּטלעכ ארײַנ פונ די זיסע זאכנ. וואשטי אָדער הערי ווערט מיר ניט פארלייקענענ. ער האָט זיכ מיר מוידע גע-וועננ, אז ער האָט זיכ איינמאָל אזוי צוגעכאפּט צו די ראָזינקעס, אז עס האָט אימ נאָכדעמ דרײַ טאָג ווײ געטאָנ דער בויכ. באקומענ באקומט ער פאר זײַנ ארבעט גאָרניט. בילטי נאָר דאָס, וואָס עס פאלט אימ ארײַנ פאר העלפנ אָפּטראָגנ א קאָסטאָמער. קריגט ער דערפאר א פעני אָדער צוויי. אונ אמאָל א ניקל — פינפ סענט. בא אונדז הייסט עס „נא טשײַ". דאָ הייסט עס א „טיפּ". דאָס ברענגט אימ ארײַנ ביז א טאָלער א וואָכ. אינ דער היימ האָט וואשטי קיינ קאָפּעקע קיינמאָל נישט געזענ אינ כאָלעמ אפילע. סײַדנ פורימ בא שאלעכ-מאָנעס פאנאנדערטראָגנ. איז אָבער פורימ נאָר איינ מאָל אינ יאָר. אונ דאָ איז בא אימ פורימ אלע טאָג. אלע טאָג פארדינט ער געלט.

— קאָלומבוס! ביסט ווערט, מע זאָל דיכ אָפּגילטנ! — האָט געזאָגט אונדזער כאווער פיניע, ווענ ער איז דורכגעגאנגענ פארבײַ ריווינג-טאָנ-סטריט אונ דערזענ וואשטינ באמ סטענד. ער האָט אימ געגעבנ צו לייזנ דרײַ סענט פאר באָקסערנ אונ איינ סענט וואשטינ „נא טשאיאָק", אָדער א „טיפּ", ווי עס הייסט דאָ, אינ אמעריקע.

ט

אונ מוישע דער אײַנבינדער אליינ זיצט אויכ ניט לײדיק. ער פארנעמט זיכ ניט מיט אײַנבינדערײַ, ווי אינ דער היימ. מאכמעס דאָ, אינ אמעריקע, זאָגט ער, דארפ מענ צו דער מעלאָכע האָבנ א מאטמענ מיט געלט אפ צו דינגענ א סטאָר, קויפנ אינסטרומענטנ אונ האָבנ באקאנטשאפט. אונ ווידער, זאָגט ער, זײַנ א „האנט" בא יענעמ, דאָס הייסט גיינ דינענ — איז שוינ ניט די יאָרנ. האָט מענ אימ געגעבנ אנ אייצע — צווישנ ייִדנ ווערט מענ ניט פארפאלנ, — אז ער זאָל זיכ אײַנפיקסנ א סטענד פונ ספאָרימ, ביכער אונ ביכלעכ אפ עסעקס-סטריט, וועט ער מאכנ א לעבנ. אונדזער כאווער פיניענ איז דאָס אזוי געפעלנ, אז ער זאָגט, ער וואָלט אויכ א באלנ געווענ האָבנ אזא פארנאָסע. אונ געפעלנ איז דאָס אימ, זאָגט ער, דערפאר, ווײַל ארומ דעמ, וואָס מע גייט, שמירט מענ זיכ. פיניע האָט ליב ספאָרימ אונ ביכער, ווי א פיש האָט ליב וואסער. ער, אז ער כאפט זיכ צו צו א בוכ אונ שטעקט ארײַנ דעמ שפּיצ נאָז, וועט איר אימ ניט אָפרײַסנ.

י

אונ אפילע אונדזער מעכוטנ, יוינע דער בעקער, פארנעמט זיכ אויכ ניט מיט זײַנ פריערדיקער מעלאָכע, דאָס הייסט, מיט בעקערײַ. פארוואָס? אלצ די אייגענע מײַסע. אפ צו עפענענ א בעקערײַ באדארפ מענ, זאָגט ער, דאָ האָבנ רויטשילדס פארמעגנ. אונ אויסער דעמ, באדארפ מענ, זאָגט ער, באלאנגענ צו דער „יוניע". אונ ער איז דערופ, זאָגט ער, שוינ צו אלט. אונ גיינ ארבעטנ בא יענעמ ניט אינ א „יוניע" האָט ער מוירע, אז טאָמער מאכט זיכ א סטרײַק — אונ דאָס איז אינ אמעריקע אלע טאָג, — קאָנ ער קריגנ א צעשפּאָל-טענעמ קאָפּ. וואָס זשע טוט מענ? איז דאָכ שלעכט. האָט מענ אימ געגעבנ אנ אייצע, אז קיינ ברויט אונ קיינ כאלע זאָל ער טאקע ניט באקנ. נאָר וואָס דענ? — קנישעס! היימישע קנישעס. מילכיקע מיט קעז, אָדער פארעווע מיט קרויט. אונ וואָס זאָלט איר קלערנ — אונדזער מעכוטנ מאכט ניט שלעכט! גאָר ניט שלעכט! זײַנע קנישעס האָבנ א שעמ אפ דער איסט-סייד. אז איר'ט גיינ אפ עסעקס-סטריט, וועט איר דערזענ אָנגעשריבנ אפ א פענצטער מיט גרויסע

אויסיעס אפ ייִדיש: בכאן[1] פארקויפט מען היימישע קני-
שעס — זאָלט איר וויסן, אז דאָס איז אונדזער מעכוטן, מײַן ברודער
עליעס שווער, יוינע דער בעקער. און טאָמער וועט איר זען טאקע
אפ דער אייגענער סטריט, אקוראט אקעגן, אויך א ייִדישן אופשריפט
און אויך מיט גרויסע אויסיעס: בכאן פארקויפט מען היימישע
קנישעס — זאָלט איר וויסן, אז דאָס איז שוין ניט אונדזער מע-
כוטן יוינע דער בעקער. דאָס האָט מען שוין געמאכט אים א קאָנ-
קורענציע. זאָלט איר אהינצו ניט גיין. גיין זאָלט איר בעסער צו
אונדזער מעכוטן, צו מײַן ברודער עליעס שווער. א סימען וועט
איר האָבן, אז איר וועט ארײַנקומען, וועט איר באלד דערקענען און-
דזער מעכוטן — ער איז א בייזער. און אויב איר וועט ניט דער-
קענען אים, וועט איר דערקענען זי, אונדזער מעכוטענעסטע, ריוועלע
די בעקערן. זי איז מיט א גוידער און טראָגט קארעלן. און מײַן
שווערגערן בראָכע וועט איר דאָך געוויס דערקענען. זי האָט גרויסע
פיס. און איר קליין שוועסטערל, א ראבעטיניע מיידל מיט א צעפל,
דרייט זיך דאָרט ארום. זי הייסט אלטע, און מע האָט זי מיר אמאָל
געהאט גערעדט פאר א קאלע. נאָר פון איר וועלן מיר שמועסן אן
אנדערש מאָל.

VIII

מיר זוכן א דושאב

א

מע קאָן ניט באקלאָגן זיך. מיר זענען זייער אָנגעלייגטע געסט
בא אונדזער שכיינע פעסיע די גראָבע און בא איר מאן מוישע דער
אײַנבינדער. און עס איז אונדז דאָרט גאָר ניט שלעכט. און פריילעך
איז אויך גענוג. ווער שמועסט זונטיק, דער טאָג, וואָס די כאליאסטרע
איז פרײַ, — דעמלט איז א לעבן. מיר נעמען זיך צונויפ אלע, גאנץ
קליינווארג — און מײַן כאָווער מענדל אויך מיט אונדז — און מיר גייען

---

1. בעקאן — דאָ.

אוועק אין טעאַטער אַרײַן. איך מיין דאָס די „מוווינג-פּיקטשורס״ [1], עס קאָסט אַ ניקל אַ פּאַרשוין, און איר זעט זיך אָן אַזעלכע וווּנ-דיירים, אַז דער קאָפּ דרייט זיך אַזש! איך וואָלט זײַן דעם קייסערס אַ זון, אָדער דזשייקאָפּ שיפס [2] אַן אייניקל, וואָלט איך גאַנצע טעג מיט גאַנצע נעכט געלעגן אין די מוווינג-פּיקטשורס. איך וואָלט גאָר קיינמאָל ניט אַרויסגעקראָכן פֿון דאָרטן. מײַן כאַווער מענדל אויך דאָס אייגענע. און וואַשטי, דער, וואָס הייסט שוין הײַנט הערי, אויך אַזוי. גייט זשע אָבער רעדט מיט מײַן ברודער עליע, זאָגט ער, אַז ס'איז אַ שטוסערײַ, ס'איז גאָרניט, זאָגט ער. ס'איז פֿאַר קינדער. פֿרעגט זיך אַ קאַשע: וויבאַלד אַז פֿאַר קינדער, פֿאַרוואָס זשע רײַסט זיך אַהין אונדזער כאַווער פּיניע? און זײַן ווײַב טײַבל? און מײַן שוועגערן בראָכע? האָט מײַן ברודער אָפּ אַלצדינג אַ טערעץ. די ווײַבער, זאָגט ער, האָבן אַזויפֿיל סייכל, וויפֿל די קינדער. און פּיניע, זאָגט ער, רײַסט זיך אַהין נאָר אים, עליען, אָפּ צולאָכעס. דער שפּיץ איז געווען, אַז עליע האָט אַזוי לאַנג גערעדט, ביז ער איז איינמאָל אין אַ זונטיק אויך מיטגעגאַנגען מיט אונדז. פֿון דעמלט אָן לאָזט ער ניט דורך קיין איין זונטיק און גייט אין די מוווינג-פּיקטשורס. מיר גייען אַלע. יונג און אַלט. קליין און גרויס. אַפֿילע פּעסיע און מוישע און אונדזערע מע-כוטאָנים — אַלע, אַלע. נאָר די מאַמע גייט ניט. „איר מאַן, זאָגט זי, וועט ליגן אין דער ערד, און זי וועט גיין אין טריאַטער — ניט דער-לעבן וועלן דאָס, זאָגט זי, אירע סאָנים!״...

ב

עס איז ניט שלעכט בײַ אונדזערע שכיינים. טאַקע גאָר-גאָר ניט שלעכט. עס איז אָבער ניט קיין טאַכלעס קעסיידער זײַן בײַ יענעם אַ גאַסט. מע באַדאַרף עפּעס זען אַ טועכץ, „טרײַען אַ דזשאַב״. אין אַמעריקע באַדאַרף יעדער „מאַכן אַ לעבן״. אַזוי זאָגט מײַן ברודער עליע. ער גייט אַרום פֿאַרזאָרגט מער פֿון אַלעמען. ער קומט אַלע טאָג צו אונדז פֿון זײַן שווער יוינע דעם בעקער און זעצט זיך אַוועק מיט דער מאַמע ריידן וועגן טאַכלעס. בראָכע זיצט אויך דערבײַ. און אונדזער

1 קינאָ.
2 אַן אַמעריקאַנער מיליאָנער אַ ייִד.

כאוועך פּיניע איז אויך דאָ. ער, פּיניע, האָט פּלאַנענ און פּראָיעקטנ אָנ א שיר. נאָר אלע זײַנע פּלאַנענ טויגנ אפ קאַפּאָרעס. דאָס הייסט, טויגנ טויגנ זיי, נאָר זיי געפעלנ ניט מײַנ ברודער עליע. און טאָמער געפעלט עס עליענ, געפעלט דאָס ניט בּראָכענ. לעמאָשל, פּיניענ איז געקומענ א געדאַנק, אז ער און עליע און בּראָכע און טײַבל זאָלנ אלע פיר גייג ארבעטנ אינ שאפּ און ווערנ שנײַדערס. דאָס הייסט, נייענ אפ דער מאשינ. דאָ רופט מענ דאָס „אָפּרייטערס”. זאָגט אָבער בּראָכע, אז ס'איז ניט קעדײַ געווענ צוליב דער שיינער מעלאָכע אוועקוואַרפנ די היימ, זיך אײַנשטעלנ דאָס לעבנ איבּערנ יאַמ און ווערנ שנײַדערס אפ דער עלטער. ענטפערט איר דערופ עליע, אז ער ווייסט ניט, וואָס איז שענער — פארקויפנ קנישעס אפ עסעקס-סטריט, אָדער ארבעטנ בּא דער מאשינ? ווערט בּראָכע אָנגעצונדנ, לעמײַ עליע ווארפט איר אויס קנישעס. זי גיט אימ אָנצוהערעניש, אז ווענ ניט איר טאַטנס קנישעס אפ עסעקס-סטריט, וואָלטנ זיי אלע געשוואָלנ פאר הונגער...

ג

אונדזער כאוועך פּיניענ האָב איך ליב נאָר פאר זײַנ רעדנ. ער, אז ער צעהיצט זיך, איז א כיעס צו הערנ. אויסגעהערט אלעמענס טײַנעס, כאַפּט ער זיך אוף, מאכט מיט ביידע הענט און לייגט אוועק א מײַנעלאָשנ. איך געדענק איטלעכס וואָרט. אָט וויאַזוי פּיניע האָט גערעדט:

— אָ! איר פינצטערע, ווילדע מענטשנ וואָס איר זענט! אינ אײַך ליגט טיפ אײַנגעוואָרצלט דער גאָלעס פונ יענעמ וויסטנ לאַנד פונ פּאָניע, ימאַך-שמוי-וועזיכרוי! אמעריקע איז אָבער ניט כאַזערלאַנד! אלע מיליאָנערנ און מיליארדערנ אינ אמעריקע האָבנ יונגערהייט געארבעט שווער און ביטער. ווער אינ א שאפּ, און ווער אפ דער סטריט. פרעגט בּא ראָקענפעלער, קארנעגי, מאָרגענ, וואנדערבילד [1], וואָס זענענ זיי געווענ אמאָל? צי האָבנ זיי ניט געקערט די סטריט? צי האָבנ זיי ניט ארומגעטראָגנ קיינ פּייפּערס אפ צו פארקויפנ? צי האָבנ זיי ניט געפּוצט פרעמדע שיך פאר א ניקל? צי נעמט, לעמאָשל, דעמ קעניג פונ אוטאָמאָבילנ, מיסטער פאָרד — פרעגט אימ, צי

---

1 אמעריקאנער מיליאָנערנ.

איז ער ניט געווען אמאָל א שאָפער, אַן אָנטרייַבער? אָדער נעמט גאָר די גרויסע מענטשן, אשטייגער, א וואשינגטאָן, א לינקאָלן, א רוזוועלט — זענען זיי דען געבוירן געוואָרן גרויסע מענטשן, פּרעזי-דענטן? צי אפילו איצטיקער פּרעזידענט ווילסאָן, זאָל ער מיר מויכל זייַן, איז ניט געווען קיין מעלאמעד?..

ד

דאָס קאָן שוין מייַן ברודער עליע ניט פארטראָגן. ער האקט איבער אונדזער כאַווער פּיניען סאמע אינמיטן:

— ע, פּיניע, דו רעדסט שוין על ה׳ ועל משיחו און אף „נגתקה"[1]! דו פארגעס נאָר נישט, אז דערווייַל איז ווילסאָן מייַלעך...

נאָר פּיניע, אז ער צעהיצט זיך, איז געפערלעך. ער לאכט זיך אויס פון מייַן ברודער עליע:

— כא-כא! מייַלעך? וואָס מיר מייַלעך? ווער מיר מייַלעך? ניטאָ קיין מייַלעך אין אמעריקע! א פרייַע מעדינע! א דעמאָקראטיטשעסקע!..

— בעקיצער, איז ניט קיין מייַלעך, איז ער פּרעזידענט, וואָס איז די נאפקעמינע? — פּרוווט זיך עליע. און פּיניע האקט אים אָפּ:

— ס׳א גרויסע נאפקעמינע! פון מייַלעך ביז פּרעזידענט איז אזא כילעק, ווי פון „יככה" ביז „יבבה"[2]! א מייַלעך איז א מייַלעך, און א פּרעזידענט איז א פּרעזידענט! א מייַלעך איז בעיערושע, און א פּרעזידענט קלייַבט מען אויס. ווילן מיר — איז ווילסאָן פּרעזידענט אף נאָך פיר יאָר, ווילן מיר ניט — איז ער צוריק א מעלאמעד. און דאָס ווייסטו, אז אין עטלעכע יאָר ארום קאָן איך אויך זייַן א פּרעזידענט?

— דו? א פּרעזידענט?..

— איך — א פּרעזידענט!..

ה

זינט איך קען מייַן ברודער עליע, האָב איך אים נאָך קיינמאָל ניט געזען אזוי לאכנדיק, ווי איצט. מייַן ברודער עליע, ווייסט איר דאָך, איז ביכלאל א מענטש א פארזאָרגטער, א מאָרע-שכוירעניק.

---

1 אל אדויגאָי וועאל מעשיכוי און אף „נענאטקאָ" — געמיינט: נאָך העכער ווי אף גאָט און מאָשיעכן.

2 פון „יאקעקע" ביז „יאבעבע".

זעלטנ ווענ איר זעט אימ, ער זאָל לאכנ. אונ אפילע אז ער לאכט, איז אויכ נאָר מיט א האלבנ מויל. איצטיקס מאָל איז עפּעס אָנגע־פּאלנ אפ אימ אזא געלעכטער, אז מײַנ מאמע האָט זיכ אזש איבער־געשראָקנ פאר אימ. עס איז אָבער טאקע געוועג פונ וואָס צו לאכנ. מע האָט באדארפט נאָר א קוק טאָנ אפ אונדזער כאווער פּיניענ, ווי־אזוי ער האלט די הענט אינ די קעשענעס פונ זײַנע שמאָלע הויזנ, וואָס קוימ זיי כאפּנ ארומ די נײַע גרויסע אמעריקאנער שיכ, אפּנ האלדזטיכל, וואָס טײַבל מאכט אימ אלעמאָל צורעכט, ס'זאָל ליגנ גלײַכ, אונ עס פאָלגט ניט, כאָטש גיב דעמ א קרענק, אונ אפ זײַנ הארט קליינ אמעריקאנער קאפּעליושל, וואָס וויל ניט זיצנ אפ איינ אָרט, אונ דער איקער — אפ זײַנע קורצזיכטיקע אויגנ מיט זײַנ שפּי־צעכיקער נאָז, וואָס קוקט אראָפּ אינ מויל ארײַנ.

— ריבוינע-שעל-אוילעמ! אָט דאָס וועט זײַנ אמאָל א פּרעזידענט?.. זײַט א בעריע אונ לאכט ניט!

ו

גוט אָנגעלאכט זיכ, רופט זיכ אָנ מײַנ ברודער עליע צו דער מאמע אזוי:

— מיילע, אונדז האָט שוינ אונדזער פּיניע באוואָרנט. מיר גייענ אלע אינ שאפּ אונ וועלנ נייענ קליידלעכ אפ דער מאשינ. אונ פּיניע אליינ איז דאָכ אוואדע שוינ א באוואָרנטער מענטש — ער וועט דאָכ זײַנ, אימ-יִרצע-האשעמ, א פּרעזידענט... וואָס טוט מענ אָבער מיט אונ־דזער קליינוואַרג?

דאָס מיינט ער מיכ אונ מײַנ כאווער מענדל. ער קאָנ ניט לײַדנ, וואָס מיר גייענ ארומ באָטל. ער איז אינ קאעס סאקאָנע, לעמײַ מיר דרייענ זיכ ארומ איבער דער סטריט אונ שפּילנ אינ „באָל" אָדער אינ „טשעקעס" (בא אונדז הייסט עס „מיאטש" אונ „קנעפּלעכ"). ער האָט זיכ א פּרווו געטאָנ מיכ אָנצונעמענ באמ אויער, געדענקט איר דאָכ, וואָס פאר א מיִעסנ פּסאק ער האָט געכאפּט פונ א „ווערגעלעצ", וואָס האָט אימ צוגעשטעלט א קולאק גלײַכ אינ נאָז ארײַנ — ער זאָל וויסנ, אז אינ אמעריקע קאָנ מענ זיכ „פײַטנ", דאָס הייסט שלאָגנ, נאָר מיט א גלײַכנ.

— וואָלט איר שוין געהאַט אזא דײַגע מיט זיך, ווי איר האָט א דײַגע מיט די קינדער!.. — רופט זיך אָן מוישע דער אײַנבינדער, און דערמיט גיט ער אונדז אָנצוהערעניש, אז מיר זענען טאקע זייער ווילדע געסט, נאָר ס'איז שוין צײַט, מיר זאָלן עפּעס טאָן, עפּעס אליין פארדינען אונדזער שטיקל ברויט...

ז

הײַנט אונדז, מיינט איר, איז דאָס אײַנגענעמען צו זיצן בא יענעם אפן לאסקאווע ברויט? מײַן מאמע העלפט אויס פּעסיען אין קיטשען. זי באַקט און קאָכט און וואשט און רוימט. אונדזער כאַווער פּיניעס ווײַב טײַבל פארבעט די בעטן און קערט אויס די רומס. פּיניע אליין העלפט מוישע דעם אײַנבינדער אפן סטענד בא די ספאָרים. כאָטש דעם עמעס זאָגן, איז פון פּיניעס הילף נישטאָ א סאך צו ווארטן. וואָרעם פּיניע, אז ער דערזעט ספאָרים, איז אים ניט אָפּצורײַסן. שטעקט ער ארײַן די נאָז אין א בוך — איז א גוטן טאָג! דאָס אליין וואָלט נאָך אויך ניט אויסגעמאכט. האָט ער א טעווע — ער דראקעט. גאָט האָט אים צוגעשיקט א פאָנטאַנ-פּען, וואָס די טינט גייט ניט אויס אייביק און אייביק. פּאפּיר איז דאָ וואָלוול, וועלוועלער מוז באָרשטש, — זיצט ער און דראקעט.

— דו לערנסט זיך שרײַבן? — פרעגט אים עליע. נאָר פּיניע ענטפערט אים ניט. ער לייגט צונויף דאָס אָנגעשריבענע און באהאלט עס ווײַט-ווײַט אין די זײַט-קעשענעס פון פּידזשאַק פון ביידע זײַטן, און ער זעט אויס ווי געשוואָלן.

ח

מיר, איך און מײַן כאַווער מענדל, זיצן אויך ניט ליידיק. ביז מיר וועלן אמאָל קריגן א דזשאָב, העלפן מיר אויס דער כאליאסטרע ווי ווײַט מעגלעך. איך העלף דעם עלטערן באָי קלעצל, וואָס מע רופט אים איצטער „סעם", באם צעטראָגן די פּעקלעך פון די פּייפּערבאקסעס. און מײַן כאַווער מענדל רײַבט זיך אמאָל ארום וועלוועלען, וואָס הײַנט הייסט ער „ווילי", אין דער באַקאַליינע סטאָר, און אמאָל ארום פּײַטלען, וואָס מע רופט אים הײַנט „פיליפּ", דער, וואָס פּעדלט

מיט יידישע „פייפערס". פאר אונדזער ארבעט באקומענ מיר פונ זיי ניט קיינ שומ געצאָלט, אכוצ נאָר, וואָס זיי נעמענ אונדז זונטיק אפ זייערע הויצאָעס אינ טעאטער, איכ מיינ, אינ די מווינג-פיקטשורס. אונ אז מיר גייענ ארויס פונ די מווינג-פיקטשורס, זענענ זיי אונדז מעכאבעד מיט „מאָראָזשענע". דאָ הייסט עס „אײַז-קרימ", אונ מע עסט דאָס אָדער מיט צוויי שטיקלעכ ביסקוויט, וואָס זעט אויס ווי א פורעמדיק פלעדל, אָדער מע טרינקט עס מיט סאָדע-וואסער. דערנאָכ „נעמענ מיר א וואָק", א שפאציר הייסט עס, אינ פארק. אונ פארקנ זענענ דאָ אינ ניו-יאָרק א סאכ, אונ אומעטומ לאָזט מענ אײַכ ארײַנ אומזיסט, אָנ געלט. אמעריקע איז שוינ איינ מאָל א לאנד! וווהינ איכ וויל — אהינ גיי איכ, אונ וואָס איכ וויל — דאָס טו איכ.

ט

האָב איכ צײַט, כאפ איכ זיכ ארויפ צו מײַנ אמאָליקנ כאווער וואשטי (הײַנט הייסט ער שוינ הערי). איז אָבער זײַנ באָסיכע (באלע-באָסטע) פונעמ סטענד ניט צופרידנ. זי האָט באמערקט, אז וואשטי רוקט מיר אונטער אמאָל א באָקסער אונ אמאָל א פאָר ראָזינקעס מיט מאנדלענ. „צוויי נאשערס, זאָגט זי, קאָנ איר סטענד ניט פארטראָגנ"... גיי איכ שוינ מער ניט צו וואשטינ, צו הערינ הייסט דאָס. איכווארט, ביז ער קומט אפדערנאכט אהיימ, ברענגט ער מיר אלעמאָל צו טראָגנ עפעס אינ קעשענע אפ צו נעמענ אינ מויל ארײַנ. דערזעט בראָכע, אז איכ קײַ, שטעלט זי מיר צו א בענקעלע פאר מײַנ ברודער עליע. פרעגט מיכ עליע, וואָס איכ קײַ. זאָג איכ: „טשאָינגאָמ". אָט דאָס, וואָס אלע קײַענ אינ אמעריקע. זאָגט בראָכע, אז עס קערט זיכ איר איבער די גאל פונ דעמ קײַענ, וואָס מע קײַט דאָ. זאָגט איר עליע: „עלעהיי, לאָז זיכ דיר דאכטנ, אז בעהיימעס מאלעגיירענ"... קאָנ דאָס פיניע ניט לײַדנ, לעמײַ עליע פארגלײַכט די אמעריקאנער צו בעהיי-מעס. ער זאָגט:

— דו נעמסט א פאָלק, דאָס ערשטע, דאָס גרעסטע, דאָס קליג-סטע אונ דאָס פרײַסטע פאָלק אינ דער וועלט, אונ פארגלײַכסט זיי צו, לעהאוודל, בעהיימעס?!.. איכ וואָלט א באלנ געוועג, זאָלסט מיר זאָגנ נאָר איינ זאכ — וואָס וואָלט פונ אונדז געווענ, ווענ קאָלומבוס זאָל כאָלילע ניט געווענ אנטדעקנ אמעריקע?

— וואָלט עס אנ אנדערער אנטדעקט! — ענטפערט אימ אָפּ מײַנ ברודער עליע גאָר פּראָסט אונ דאפּקע ניט לאנג געטראכט.

י

דאנקענ האשעמ-ייִסבאָרעכ, איכ קאָנ אײַכ אָנזאָגנ א בסורע — מיר האָבנ שוינ א דזשאב. מירנ שוינ ניט דארפנ מער ארומגיינ ליידיק. מירנ שוינ ניט דארפנ אָנקומענ צו לאסקאווע ברויט. מיר ארבעטנ שוינ אינ שאפּ. דאָס הייסט, ניט איכ אונ ניט מײַנ כאווער מענדל. אונדז נעמט מענ ניט. מיר זענענ נאָכ צו יונג. אינ שאפּ גייענ ארבעטנ דערווײַל צוויי פונ אונדזער מישפּאָכע: מײַנ ברודער עליע אונ אונדזער כאווער פּיניע. וואָס הייסט ארבעטנ אינ שאפּ, אונ וויִאזוי ארבעט מענ דאָרט? — דאָס גיי איכ אײַכ דערציילנ.

IX

מיר ארבעטנ אינ שאפּ

א

וויִאזוי מע ארבעט אינ שאפּ — קאָנ איכ אײַכ אקוראט ניט זאָגנ. וואָרעמ איכ וויים אליינ ניט. מע לאָזט מיכ נאָכ אהינצו ניט ארײַנ. וואָרעמ איכ בינ נאָכ ניט בארמיצווע. איכ וויים נאָר דאָס, וואָס איכ הער פונ מײַנ ברודער עליע אונ פונ אונדזער כאווער פּיניע. אלע אפּדערנאכט, אז זיי קומענ אהיימ פונ שאפּ, דערציילנ זיי אונדז כידושימ-וועניפלאָעס. זיי קומענ אלעמאָל אויסגעמאטערט אונ הונגעריק, אונ מיר זעצנ זיכ עסנ וועטשערע. דאָ הייסט עס „סאפּער". בראָכע האָט פײַנט אָט דאָס וואָרט, אזוי ווי אנ ערלעכער ייִד האָט פײַנט כאזער. נאָכ א וואָרט איז פאראנ, וואָס מײַנ שוועגערינ קאָנ ניט אריבערטראָגנ. דאָס איז א „וויִנדע". א ווינדע הייסט דאָ א פענצטער. זאָגט בראָכע דערופ: „ווינד אונ וויי זאָל זײַנ צו זיי"... הײַנט קאָנ זי ניט הערנ, אז מע זאָגט „סטאקינגס". איר וועט קיינמאָל ניט

פאלן דערופ, אז סטאקינגס זענען זאָקן. אָדער, אשטייגער, וואָס וועט איר זאָגן אפן וואָרט „דישעס"? דאכט זיך, אז „פּאָסודע", זאָגט בראָ-כע, איז א סאך שענער? אָדער וואָס קאָן זיין פּאָשעטער פון א „לעפל"? ניין. לויבט זיי ניט. בא זיי קומט אויס, אז א לעפל איז א „ספּון". ניט אומזיסט זאָגט בראָכע א ווערטל (זי האָט זיך אירע אייגענע ווערטלעך): „אמעריקע איז א לאנד, סטייק איז א מייכל, פּאָרק איז א גאָפּל און ענגליש איז א שפּראך"...

ב

מיין ברודער עליע און אונדזער כאווער פיניע ארבעטן אין צוויי באזונדערע שעפּער. איינער איז אן „אָפּרייטער". דאָס הייסט, מע-כילע, א שניידער. דער אנדערער איז א „פּרעסער". אן אָפּרייטער דארפ ניט נייען מיט די הענט. ער שטעפּט בא דער מאשין. דאָס דארפ מען אָבער אויך קאָנען. עס שטעפּט זיך ניט אליין. ווי זשע קומט דאָס צו מיין ברודער עליע, אז אונדזער טאטע, און אונדזער טאטנס טאטע, און אונדזער טאטנס טאטנס טאטע איז קיינמאָל קיין שניידער ניט געווען און א מאשין קיינמאָל אין די אויגן ניט גע-זען? מיר שטאמען, זאָגט די מאמע, פון לויטער כאזאָנים, ראבאָנים און שאמאָסים. איז דאָך שלעכט! איז דאָס אָבער אמעריקע. אין אמעריקע איז ניטאָ א זאך, וואָס א מענטש זאָל ניט קאָנען. אין אמעריקע לערנט מען זיך אויס. א סימען האָט איר — לעמיי א ראָוו? זיין א ראָוו דארפ מען דאָך אוואדע קאָנען. א ראָוו מוז כאָטש קאָנען פּאסקענען שיילעס. פונדעסטוועגן זענען פאראן אין אמעריקע רא-באָנים, דאָ הייסן זיי „רעווערענטן", וואָס אין דער היים זענען זיי געווען קאצאָווים. מיין ברודער עליע האָט זיך דאָ באקענט מיט א מויעל, מיט א רעווערענט, וואָס מע נעמט אים אפ בריסן. אין דער היים איז ער געווען א שניידער, און נאָך א דאמסקי דערצו!

פרעגט אים עליע „האיטאָכן[1] ?"...

ענטפערט ער אים: „אמעריקע!"...

---

1 ווי שיקט זיך עס? ווי איז דאָס רעכט?

ג

וויאַזוי האָט זיכ מײַנ ברודער עליע אויסגעלערנט שטעפּנ? — לעמײַ וויאַזוי איז דער דאמסקי שנײַדער געוואָרנ א מויעל? איז עליע נעבעכ טאקע גוט אויסגעריסנ געוואָרנ. מע האָט אימ געגעבנ איבערגעבליבענע שטיקלעכ, ער זאָל זיי איבערגיינ מיט דער מאשינ. איז ער דורכגעגאנגענ עטלעכע מאָל הינ אונ צוריק אונ איז געוואָרנ אָלרײַט. אפּ מאָרגנ האָט ער שוינ געשטעפּט. מאָלט אײַכ, אז אָכ אונ וויי איז געווענ צומ שטעפּנ. נאָר גוט איז דאָס. לעמײַ פּיניע האָט דאָס אויכ ניט געקאָנט באווײַזנ? ניט מאכמעס ער האָט זיכ געפּוילט ארבעטנ. כאס-וועכאָלילע! פּיניע וועט אײַכ גיינ ארבעטנ טאטשקע-ארבעט — אבי מאכנ א לעבנ אינ אמעריקע. איז די צאָרע, וואָס ער האָט א נידעריקע ריע אונ טוט אלצדינג כאפּנדיק. מע האָט אימ אויכ אוועקגעזעצט בא דער מאשינ, ווי מײַנ ברודער עליע. מע האָט אימ אויכ געגעבנ איבערגעבליבענע שטיקלעכ, ער זאָל זיי איבערגיינ הינ אונ צוריק מיט דער מאשינ. האָט זיכ געטראָפנ מיט אימ אנ אומגליק. דאָ ווערט דאָס אָנגערופנ: „אנ עקסידענצ”. אונדזער כאווער פּיניע האָט אינ אײַלעניש פארטשעפּעט דעמ פּידזשאק אונ האָט צוגעשטעפּט דעמ לינקנ ארבל צו דער מאשינ. א גליק כאָטש, וואָס ניט די האנט. וויי-וויי, וואָס מע האָט זיכ אָנגעלאכט פונ אימ! כעוורע שנײַדערס האָבנ אופגעהויבנ א הורדא! „גרינהאָרנ” האָבנ זיי אימ א נאָמענ געגעבנ. גרינהאָרנ איז די טײַטש א גרינער. אונ א גרינער הייסט אזעלכער, וואָס איז נאָרוואָס ארויפגעקומענ פונ דער היימ אונ ווייסט ניט, ווו א טיר עפנט זיכ. גרינהאָרנ איז א ביזאָיענ. ערגער פונ א גאנעוו... נאָר דאָס וואָלט נאָכ געווענ, ווי זאָגט בראָכע, א האלבע צאָרע. דארפ זיכ טרעפנ — אָט וועט איר הערנ וואָס.

ד

פונקט אינ דעמ שאפּ, ווו מײַנ ברודער עליע האָט געארבעט בא דער מאשינ, אונ אונדזער כאווער פּיניע איז אויכ געקומענ לערנענ די ארבעט, האָט זיכ געפונענ אונדזערער אנ אלטער באקאנטער אונ פּיניעס א סוינע — דער הײַסינער שנײַדער. אויב איר האלט קאָפּ, זענענ מיר מיטנ הײַסינער שנײַדער געפאָרנ אינאיינעמ אפ איינ שיפ,

אפנ „פּרינצ אלבערט“. איר דאַרפט געדענקענ מיסטאמע דאָס אויכ, אז מיט אונדזער כאַווער איז דער הײַסינער שנײַדער געווענ אפ מעסערשטעכ. באַדאַרפ גאָט פירנ אזוי, אז פּיניע זאָל זיכ מיט אימ באַגעגענענ אינ איינ שאַפּ. אונ נאָכ וויִאזוי באַגעגענענ! אינ דעמ דאָזיקנ שאַפּ איז דער הײַסינער שנײַדער א גאַנצער מאַכער. ער איז ניט קיינ אָפּרייטער באַ דער מאַשינ, נאָר א „קאַטער“. דאָס הייסט, ער איז א צושנײַדער. ער שנײַדט צו, אונ די אָפּרייטערס נייענ. איז אימ נאָכ ווינציק. ער זאָגט, אז ער וועט לאַנג ניט זײַנ אינ די ביזנעס. ער האָפט גאָר איינגיכנ ווערנ א „דעזײַנער“. דאָס איז שוינ גאָר א גרויס שטרײַמל. א דעזײַנער הייסט אזעלכער, וואָס מאַכט פאַסאָנענ. א דעזײַנער פאַרדינט פופציק טאָלער א וואָכ, אונ פינפ אונ זיבעציק טאָלער א וואָכ, אונ הונדערט אויכ! אז עס באַגליקט א מענטשנ, ווייסט ער ניט פונוואַנענ! ווי זאָגט בראָכע: „איינעמ גיט גאָט גאָר, דעמ אנדערנ גאָרניט“...

ה

אז פּיניע איז אַרײַנגעקומענ אינ שאַפּ, קומט אימ דער הײַסינער שנײַדער אַקעגנ. ער שטעלט אוועק אפ אימ די שאַרפּע ברילנ, ציט אויס פּיניענ א יאַד אונ מאַכט צו אימ: „העללאָו, לאַנדסמאַנ! האַו דו יו דו?“... דאָס הייסט: „שאָלעמ-אַלייכעמ, וואָס מאַכט איר, רעב קאָרעוו?“... קוקט אפ אימ אונדזער כאַווער פּיניע מיט זײַנע קורצזיכטיקע אויגנ. ווער איז דער לעצ? ער האָט אימ גאָרניט דערקענט. ערשט, אז יענער האָט אימ אָנגערופנ דעמ נאָמענ פונעמ שיפּ „פּרינצ אלבערט“, האָט זיכ פּיניע דערמאָנט, ווער דאָס איז. אונ ס'איז אימ געוואָרנ, זאָגט ער, דרײַ לעכער אינ האַרצנ! דאַכט זיכ, וואָס האָט אימ דער הײַסינער שנײַדער געטאָנ? ער קאָנ אָבער, זאָגט פּיניע, זײַנ פּאָנעמ ניט אָנקוקנ. ער זאָל וויסנ, זאָגט ער, פאַרדינענ טויזנט טאָלער א שאָ, וועט ער אינ דעמ דאָזיקנ שאַפּ ניט זײַנ קיינ מינוט אפילע! אונ דערצו נאָכ דער עקסידענצ מיטנ צוגעשטעפּטנ אַרבל...

ו

בעקיצער — פּיניע (וועט) שוינ ניט זײַנ קיינ אָפּרייטער. ער גייט אוועק אינ אנ אנדער שאַפּ אונ באַשטעלט זיכ דאָרט פאַר א פּרעסער.

אַן אונטערפּרעסער דערווײַל. אַז ער וועט זיך אויסלערנען די אַרבעט, וועט ער גיין העכער און העכער. ביז וווהין?

— מע קאָן ניט וויסן, — זאָגט פּיניע, — קיינער ווייסט ניט, וועמענס מאָרגן ס'איז. ניט קאַרנעגי, זאָגט ער, ניט וואַנדערבילד, ניט ראָקען־פעלער האָבן געוווּסט, אַז זיי וועלן אַמאָל זײַן דאָס, וואָס זיי זענען...

דערווײַל ווערט נאָך פּיניע גוט פאַרשוואַרצט. און אַלץ איבער זײַן טעווע, וואָס ער האָט ליב אַלצדינג טאָן כאַפּנדיק. און דערצו נאָך זײַן נידעריקע וויִע. ער קומט אַלע טאָג אַהיים אַ צעבריטער.

איינמאָל איז ער געקומען מיט אַ סקאַליעטשעטער נאָז. וואָס איז די מײַסע? ער האָט זיך באַם פּרעסן אָפּגעבריט די נאָז. ווי קומט דאָס פּרעסל צו זײַן נאָז? זאָגט פּיניע, אַז זײַן נאָז האָט ניט געוואַרט, ביז דאָס פּרעסל וועט זיך מאַטריען צו זײַן נאָז. ער קאָן באַשווערן, זאָגט ער, אַז זײַן נאָז זאָל גיין צום פּרעסל. ווי קומט זי, די נאָז, צום פּרעסל? לאָזט זיך אויס, אַז פּיניע האָט גאָר געזוכט אַ שטיקל אַרבעט, און ווײַל ער האָט אַ נידעריקע וויִע, האָט ער זיך דעריבער אָנגע־בויגן האַרט צום טיש און האָט געטראָפן מיטן שפּיץ נאָז גלײַך אויפן אָנגעגליטן פּרעסל.

— אַ שלימאַזל, אַז ער פאַלט אין שניי, טרעפט ער אויך אויף אַ שטיין...

איך מיין, אַז איך וועל אײַך ניט דערציילן, ווער דאָס האָט גע־זאָגט, וועט איר אויך טרעפן, אַז דאָס האָט געזאָגט בראָכע. מײַן שוועגערן קאָן אַרײַנזאָגן...

ז

בראָכע איז ניט צופרידן. מײַן מאַמע אויך ניט. טײַבל אויך ניט. איר האָט אַמאָל געזען, אַז ווײַבער זאָלן זײַן צופרידן? זיי באַווייַנען אונדז, מאַנצבלען, וואָס מיר דאַרפן אַזוי האָרעווען אין אַמעריקע, בײַכדיי צו מאַכן אַ לעבן. אַ קלייניקייט — אַרבעטן אין שאַפּ! אַז האַלב נאָך זיבן אינדערפרי מוז מען שוין זײַן אויף דער אַרבעט. אַ שאָ נעמט צו דאָס פאָרן אַהין. עפּעס איבערכאַפּן דאַרף מען. דאַווענען דאַרף מען דאָך אַוודאי. היינט רעכנט אויס, ווען מיר דאַרפן אויפ־שטיין? און פאַרשפּעטיקן טאָר מען ניט קיין מינוט אַפילו. וואָרעם טאָמער פאַרשפּעטיקט איר, רעכנט מען אײַך אַראָפּ פאַר יעדע פינף

מינוט א האלבן טאָג ארבעט. וויאַזוי ווייסט מען דאָס, צי איר האָט פארשפּעטיקט אָדער ניין? דערופ איז דאָס אמעריקע. אין אמעריקע האָט יעדער שאפ אזא מין זייגער. אז איר קומט אין שאפ, גייט איר צו צום אלעם ערשטן און טוט א קוועטש דעם זייגער. ווערט דאָס אָנגערופן אפ זייער לאָשן: „פּאָנטשען די קלאַק". „קלאַק" איז א זייגער און נעמט זיך, זאָגט מיין ברודער עליע, פון גלאָק. א גלאָק קלינגט, און א זייגער, זאָגט ער, קלינגט אויך. אָבער נאָר א וואנט-זייגער. א סימען האָט איר: א קעשענע-זייגערל קלינגט ניט, הייסט עס „וואטש". פרעג איך בא עליען: „פארוואָס עפּעס וואטש?" זאָגט ער: „ווי דען זאָל עס הייסן?" זאָג איך: „וואטשל". פרעגט מיך עליע: „פארוואָס עפּעס „וואטשל"?" זאָג איך: „אז א זייגער איז א זייגערל, דארפ זיין וואטש א וואטשל. עלעהיי, זאָג איך, א „באָי" איז א יונג, איז א יינגל „באָיטשיק", און א קליין יינגעלע — א „באָיטשיקל"... ווערט עליע אין כּאַעס און זאָגט מיר, אז איך האָב זיך אויסגעלערנט פון אונדזער כאווער פּיניע זאָגן אלצדינג פארקערט. א גליק, וואָס פּיניע איז ניטאָ דערביי. פּיניע זאָל זיין, וואָלטן זיי זיך שוין צע-אמפּערט איבערן וואָרט „וואטש", אזוי ווי זיי האָבן זיך געאמפּערט און שיר ניט צעשלאָגן זיך איבערן וואָרט „ברעקפיש" — אָנבייסן. דערפאר, זאָגט עליע, איז אן אָנבייסן ברעקפיש, וויל צום אָנבייסן עסט מען פיש אָדער הערינג. זאָגט פּיניע: „וויבאלד אז הערינג, פארוואָס זשע זאָגט מען ניט: „ברעקהערינג"?" זאָגט אים עליע: „בעהיימע וואָס דו ביסט! און וואָס איז א הערינג — ניט קיין פיש?" פילט זיך פּיניע, אז ער איז געשלאָגן, זאָגט ער: „ווייסטו וואָס? לאָמיר פרעגן בא אן אמעריקאנער יידן!" און מע פילט זיך ניט און מע שטעלט אָפּ א געגאָלטן יידן אינמיטן גאס (שאבעס איז דאָס געוועזן) און מע טוט אים א פרעג אפ א טשיקאוועסט: „פעטער! איר זענט שוין לאנג אין אמעריקע?" זאָגט ער: „דרייסיק יאָר. וואָס איז דען?"... זאָגן זיי: „מיר ווילן אייך עפּעס פרעגן. גיט אונדז צו פארשטיין, פארוואָס זאָגט מען בא אייך אפ אן אָנבייסן ברעקפיש?" קוקט זיי אָן דער ייד און זאָגט צו זיי: „ווער האָט דאָס אייך געזאָגט, אז אפ אן אָנבייסן זאָגט מען בא אונדז ברעקפיש?" „וויאַזוי זשע דען זאָגט מען?"

— ברעקפעסט! ברעקפעסט! ברעקפעסט! — שרייט זיי אויס דריי מאָל דער ייד גלייך אין פּאָנעם אריין און איז זיי מעכאבעד מיטן נאָמען „גרינע כייעס"...

ח

איכ האָב מוירע, אז מיר וועלנ זיכ מיטנ שאפ ניט עלטערנ. מײַנ ברודער עליע זאָגט, אז די ארבעטער האָבנ צאָרעס פונעם „פאָרמאנ“. יעדער שאפ האָט א פאָרמאנ — אנ עלטסטנ, אנ אופזועער. אונ ניט נאָר איינ פאָרמאנ, יעדער שטאָק האָט זיכ זײַנ פאָרמאנ. אפ דעם שטאָק, ווו עליע ארבעט, איז דער פאָרמאנ א האָמאָנ, א ראָשע-מערושע [1]. ער איז אליינ אמאָל געוועני אנ אָפּרייטער. נאָר ער האָט זיכ ארופ-געארבעט אונ איז געוואָרנ א פאָרמאנ. די ארבעטער זאָגנ, אז ער איז ערגער פונעם „באָס“. „באָס“ איז א לאָשנ-קוידעש וואָרט אונ שטאמט פונעם וואָרט „באלעבאָס“. אזוי זאָגט עליע, אונ פיניע מוז אָפּשווײַגנ. וואָרעמ אפ לאָשנ-קוידעש איז עליע באלמעצרע [2]. פאָרט א כאזנס א זונ... נאָר מיר קערנ זיכ אומ צומ פאָרמאנ. מע האָט ארויסגעלאָזט א קלאנג אינ שאפ, אז דער פאָרמאנ רוקט דעמ זייגער. אזוי, אז ווענ איר זאָלט ניט קומענ, וועט איר פארשפעטיקנ — וואָס זאָגט איר אפ אזא מאמזער?.. אונ אונדזער כאווער פיניע דערציילט פונ זײַנ שאפ נאָכ שענערע מײַסעס. זייער פאָרמאנ, זאָגט ער, לאָזט ניט דעמ ארבעטער א קוק טאָנ אינ א פייפער ארײַנ. לייענענ א צײַטונג בא דער ארבעט — כײַעס ניט זיכער! רייכערנ שמועסט מענ ניט. א וואָרט טאָר מענ ניט אויסרעדנ צווישנ זיכ. ס׳איז אזוי שטיל, זאָגט ער, אז מע קאָנ הערנ א פליג! אויסער דעמ טראסק מיטנ גראגערנ פונ די מא-שינענ. נאָכ א מײַלע האָט זײַנ שאפ. דאָרט ווערנ די פרעסלעכ אָנ-געווארעמט מיט גאז. דאָ זאָגט מענ ניט גאז, נאָר „געז“. דאָס הייסט, שטינקענ שטינקט עס אזוי ווי בא אונדז גאז. נאָר מע טאָר ניט זאָגנ גאז. מע דארפ זאָגנ געז. אקוראט פארקערט. סע זאָל בא אונדז אינ דער היימ הייסנ געז, וואָלט מענ דאָ מיסטאמע געזאָגט גאז.

ט

האקיצער, די געז פונ די פרעסלעכ פארהאקט אזוי דעמ קאָפ, אז די ארבעטער אינ שאפ פאלנ כאלאָשעס אונ מוזנ סטאפענ די ארבעט. רעכנט מענ זיי אָפ פונ דער „פיידע“. דאָס הייסט, אז עס קומט צומ

---

1 זייער א שלעכטער מענטש.
2 דאָ געמיינט: געניטער.

ניין. מע קאָן שוין מער ניט אריבערטראָגן.
מע וועט מוזן ארויס אין א סטרײַק.

אָפּנעמען פֿאר דער וואָך, וואָס מע האָט פֿאַרדינט, ווערט א לאָך. דאָ האָט איר פֿאַרשפּעטיקט פֿינף מינוט — אראָפּ א האַלבער טאָג. דאָ זענט איר צו פֿרי אוועקגעגאנגען — אראָפּ א האַלבן טאָג. דאָ זענט איר געפֿאַלן כאַלאָשעס — פֿאַרפֿאַלן א טאָג.

ניין. מע קאָן שוין מער ניט איבערטראָגן. מע וועט מוזן אַרויס אין א סטרײַק.

X

מיר סטרײַקן!

א

מיר דאַכט, אז ס׳איז גאָר ניטאָ קיין בעסערע זאַך אף דער וועלט, ווי אז מע סטרײַקט. דאָס האָט אַזאַ פּאָנעם, ווי אז איר לערנט בא א רעבן, וואָס שלאָגט זיך צו שטאַרק, נעמט מען אָפּ בא אים די קינדער און מע זוכט אַן אַנדער מעלאַמעד. דערווײַל הערט איר אויף צו גיין אין כיידער. מײַן ברודער עליע און אונדזער כאַווער פּיניע האָבן אויפֿגעהערט צו גיין אין שאַפּ. אונדזער שטוב האָט שוין גאָר אַן אַנדער פּאָנעם, זינט זיי זענען אין דער היים. אַזוי האָבן מיר זיי אָנגעקוקט איין מאָל אין וואָכן — זונטיק. וואָרעם, ווי איך האָב אײַך שוין דערציילט, אז מע אַרבעט אין שאַפּ, מוז מען אויפֿשטיין קאַיאָר, ביכדיי מע זאָל כאָלילע ניט פֿאַרשפּעטיקן. און אז זיי זענען געקומען אַהיים, פֿלעגן איך שוין שלאָפֿן. פֿאַרוואָס? דערפֿאַר, וואָס זיי האָבן געאַרבעט „אָווערטיים“. דאָס הייסט, אז אַלע אַנדערע אַרבעטער זענען געגאַנגען אַהיים, זענען אונדזערע לײַט נאָך געזעסן אין שאַפּ בא דער אַרבעט. ניט דערפֿאַר, וואָס מע האָט זיי געבעט פֿון קאָהאָל. זיי האָבן געאַרבעט אָווערטיים, ביכדיי זיי זאָלן מער פֿאַרדינען. אײַ, אז ס׳איז געקומען צום צאָלן, האָט מען בא זיי אָפּגעריסן טעג — וואָס זענען זיי שולדיק? „עליהיי, גאַזלאָנים זענען אונדז באַפֿאַלן“... אַזוי האָט געזאָגט מײַן ברודער עליע.

— עליהיי, דו ביסט א לעקיש! — זאָגט צו אים מײַן שוועגערן בראָכע. ווען זי, זאָגט זי, זאָל אַרבעטן אין א שאַפּ, וואָלט זי זיך ניט געלאָזט שפּײַען אין דער קאַשע. זי זאָגט, אז אַלע פֿאָרלײַט מיט אַלע באָסעס וואָלטן בא איר געקײַט די ערד, און איר מעגט איר גלייבן. בראָכע קאָן!

אז ס'איז געקומען צום צאָלן, האָט מען בא זיי אָפּגעריסן טעג...

ב

דערפאַר האָט זי זיכ געקילט דאָס האוצ, אז אלע שעפער האָבנ דערקלערט א סטרײַק. דאָס הייסט, אלע שנײַדערס, וויפל ס'איז פאַראנ אינ ניו-יאָרק, האָבנ אוועקגעלייגט שער-אונ-אײַזנ אונ — גוד-בײַ. ווײַ-ווײַ, וואָס סע האָט זיכ אָפּגעטאָנ! אינ דער היים, אונ אפ דער סטריט, אונ אינ די האָלס! א „האָל" — איז א זאל, אָדער א טעאטער. מע קלײַבט זיכ צונויפ אהינצוצו אלע שנײַדערס פונ גאנצ ניו-יאָרק אפ א מיטינג, אונ מע רעדט אונ מע רעדט. איר הערט זיכ דאָרט אָנ אזעלכע ווערטער, וואָס איר האָט זיי קיינמאָל ניט גע-הערט: „דזשענעראל-סטרײַק"... „יוניאָנ"... „אָרגאניזירט"... „אכט אונ פערציק שטונדענ"... „העכערע ווײדזשעס"... „בעסערע באהאנדלונג"... „סקעבס"... סטרײַק-ברעכערס"... „פיקעטס"... אונ נאָכ אוכדוימע אזעלכע ווערטער, וואָס איר פארשטייט זיי ניט. מײַנ כאווער מענדל זאָגט, אז ער פארשטייט זיי יאָ. נאָר געבנ מיר צו פארשטיינ קאָנ ער ניט. „וועסט עלטער ווערנ, זאָגט ער מיר, וועסטו אליינ פאר-שטיינ". עס קאָנ זײַנ. דערווײַל קוק איכ זיכ צו, ווי דער אוילעם היצט זיכ, אונ עס בײַסנ זיכ מיר די הענט. עס גלוסט זיכ מיר זיי אלע אראָפּכאפּנ אפנ פאפיר. אויסמאָלנ איטלעכנ באזונדער, ווי ער זעט אויס, וואָס ער טוט, וויאזוי ער שטייט אונ וויאזוי ער רעדט.

ג

לעמאָשל, נעמט מײַנ ברודער עליע. ער אליינ רעדט ניט קיינ וואָרט. ער גייט נאָר צו צו איטלעכס רעדל אונ שטעקט אַרײַנ די נאָז. אָדער ער לייגט צו אנ אויער. בייס-מײַסע בײַסט ער די נעגל אונ איז שטארק אופגערעגט. א פארגעניגנ צו זענ מײַנ ברודער, ווי ער שאָקלט צו מיטנ קאָפּ יעדנ איינציקנ, וואָס ער רעדט. ער איז מיט אלעמענ מערוצע [1], וואָס יענער זאָל ניט זאָגנ. אָט איז צוגעקומענ צו אימ א שנײַדער מיט א גולקע אפ איינ זײַט קאָפּ — פונ דער לינקער זײַט. דער שנײַדער האָט אימ אָנגענומענ בא א לאצ אונ טרייסלט אימ אונ רעדט אינ אימ ארײַנ, אז ס'איז ארויסגעוואָרפנ

---

1 מאסקימ; אײַנשטימיק.



...אוועקגעלייגט שער־און־אײַזן און—גוד־בײַ.

דער גאַנצער טאַרעראַם. די שנײַדערס װעלן מיט זייער סטרײַק גאָר־נישט אויספירן. מאַכמעס די „אַסאָסיִיישאָן” פון די „מאַנופעקטשורערס” איז צו שטאַרק פאַר אונדז! שאָקלט אים מײַן ברודער צו מיטן קאָפּ. און איך האָב זייער מוירע, אַז מײַן ברודער עליע װייסט אַזוי, װאָס באַדײַט „אַסאָסיִיישאָן” און „מאַנופעקטשורערס”, װי איך... װאָרעם אָט איז צוגעגאַנגען צו עליען אַן אַנדער שנײַדער מיט אַ פּאָנעם פון אַ קאַטשקע. אַז ער רעדט, פּאַטשט ער מיט די ליפּן. דער שנײַדער האָט אָנגענומען מײַן ברודער פאַר אַ קנעפּל און האָט לאַנג איבער אים גערעדט, געפּאַטשט מיט די ליפּן. ער האָט אַלע מינוט אויסגע־רופן: „ניין! מיר מוזן קעמפן, אויסקעמפן ביזן סאָף!”... האָט אים מײַן ברודער אויך אויסגעהערט און אויך צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. אַן אַװירע, װאָס מײַן שװעגערן איז דאָ ניטאָ. זי װאָלט אים שוין עפּעס אַרײַנגעזאָגט...

ד

גאַנץ אַנדערש האָט אויסגעזען אונדזער כאַװער פּיניע. װער עס האָט אים ניט געזען, און װער עס האָט אים ניט געהערט רעדן אויף אַ מיטינג, — דער האָט גאָר קיין שיינס ניט געזען אויף זײַן לעבן. אונדזער פּיניעס פיגור דאַרף איך זײַן באַקאַנט נאָך פון מײַנע פֿריִע־ריקע מײַסעס. זײַנע קורצזיכטיקע אויגן מיט זײַן לאַנגער שפּיצעכיקער נאָז, װאָס קוקט אַראָפּ אין מויל אַרײַן, געדענקט איר מיסטאָמע. זײַנע לאַנגע שמאָלע הויזן, איין הויז אַראָפּ, איין הויז אַרויף, און זײַן שניפּס אויף דער צעשפּיליעטער מאַנישקע — האָט איר אַװאַדע אויך ניט פאַרגעסן. הײַנט זײַן רעדן, זײַן פינען מיט דער נעשאָמע און זײַן שיטן פונעם אַרבל מיט הויכע שיינע װערטער און מיט קלינגענדיקע נעמען פון גרויסע לײַט? אַצינד שטעלט אײַך פאָר, אַז פּיניע צעהיצט זיך און רעדט פאַר אַן עולעם פון טויזנטער מענטשן, װאָס װילן אים דאַפקע ניט הערן. אָנגעהויבן האָט ער אוש פון קאָלומבוסן, װיאַזוי ער האָט אַנטדעקט אַמעריקע, און איז באַלד אַרויף אויף די פאַראייניקטע שטאַטן, און האָט זיך פאַרמאָסטן צו רעדן און צו רעדן. האָט מען אים ניט געלאָזט.

— װער איז דער ספּיקער? — פרעגט איין שנײַדער באַם אַנדערן.

— אַ גרינהאָרן! — ענטפערט אים יענער.

— װאָס װיל ער?



...פיניע צעהיצט זיכ אונ רעדט פאר אנ אוילעמ פונ טויזנטער מענטשנ...

— וואָס באַדאַרף ער?
— וואָס האַקט ער אַ טשײַניק?
— שאַראַפּ! — שרײַט אויס איינער, און אַ סאַך אַנדערע כאַפּן אים אונטער:
— שאַראַפּ!..

ה

„שאַראַפּ" איז אַפּילע אַ מיעס וואָרט. די טײַטש פֿונעם וואָרט איז „אַראָפּ פֿונעם מאַרק!" נאָר אונדזער כאַווער פּיניע שרעקט זיך ניט פֿאַר קיין ווערטער. פּיניע, אַז ער צערעדט זיך, איז ווי אַ פֿאַס וואַסער, וואָס מע האָט אָפּגעשטעקט און פֿאַרוואָרפֿן דעם צאַפּן. איר קאָנט צוהאַלטן מיט דער האַנט, פֿאַרשטאָפּן מיט אַ שמאַטע — עס וועט אײַך קיין זאַך ניט העלפֿן. ביז דאָס וואַסער וועט ניט אַרויסגיין ביזן לעצטן טראָפּן, איז אַן אוווירע אײַער טירכע. פּיניע מוז אָפּריידן זײַנס. סײַדן מע זאָל אים אַראָפּשלעפּן פֿון דער בינע. דאָ הייסט עס ניט בינע. דאָ הייסט עס „סטיידזש". איצטיקס מאָל האָט מען אים טאַקע געמוזט אַזוי טאָן. צוויי שנײַדער־יונגען, פּרעסערס, האָבן אים גענומען פֿאַר ביידע הענט און מע האָט אים מיט קאָוועד אַראָפּגעפֿירט פֿונעם סטיידזש. דאָס האָט אים אָבער גאָרניט געשטערט אויסצופֿירן דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט אויספֿירן. ער האָט דאָס איבעריקע דערעדט, שוין גייענדיק מיט אונדז אַהיים. און אַז מיר זענען געקומען אַהיים, האָט ער נאָך לאַנג גערעדט פֿאַר מײַן מאַמען און פֿאַר מײַן שוועגערן בראָכע און פֿאַר זײַן ווײַב טײַבל. איך און מײַן כאַווער מענדל זענען אויך געווען צווישן די צוהערער. און מיר דאַכט, אַז ווען דליק פּיניע האָט געטײַנעט, איז ער גערעכט. נאָר גייט רעדט מיט ווײַבער. אַז פּיניע האָט זיך גוט אָנגערעדט, רופֿט זיך אָן מײַן שוועגערן בראָכע מיט אַ מאָשל, ווי איר שטייגער איז:

— וואָס איז דעם אינדיק פֿאַר אַ כילעק, צי מע קוילעט אים פּורים צו דער סודע צי פּייסעכ צום סיידער?..

טאָמער ווייסט איר, וואָס מיינט דערמיט בראָכע?..

ו

דערווײַלע גייט אַוועק אַ טאָג און אַ טאָג. דער סטרײַק איז אַ סטרײַק. די אַרבעטער זענען שטאָל און אײַזן. מיטינגען מאַכט מען

אלע טאָג. און אלעמאָל אפ א נײַעם פּלאַץ. די מאַנופעקטשורערס, הער איך זאָגן, האלטן זיך אויך שטאַרק. זיי ווילן ניט נאָכגעבן. זיי וועלן אָבער מוזן נאָכגעבן. אזוי זאָגן אלע. ניטאָ א זאך, וואָס די אַרבעטער זאָלן ניט אויספירן. ס'איז אמעריקע! עס האלט שוין בײַם לעצטן מיטל. אז דאָס וועט ניט העלפן, איז עק וועלט! אזוי זאָגן אונדזערע לײַט. וואָס איז דאָס פאר א מיטל? מיר וועלן זיך צונויפזאמלען אלע סטרײַקער פון גאנץ ניו-יאָרק, און מיר וועלן דורכגיין איבער די סטריטן מיט א מאַרטש. דאָס הייסט, טויזנטער און טויזנטער שנײַדערס וועלן זיך דורכשפּאַצירן מיט די פאָנעס איבער דער שטאָט. מיר און מײַן כאַווער מענדל איז דאָס דאפקע געפעלן. מיר וועלן זײַן די ערשטע. רעדט זשע אָבער מיט אזא יִדענע, ווי מײַן שוועגערן בראָכע, זאָגט זי, אז בא איר זעט דאָס אויס, ווי קינדער שפּילן זיך אין סאָלדאַטלעך... זי זאָגט: „אָנ אווײרע אײַערע שיך!..“ האָט איר באַדאַרפט אָנקוקן אונדזער פיניען און הערן, וואָס ער האָט איר געזאָגט דערויף!

ז

מיר האָבן שוין געהאלטן מיטן סטרײַק גאנץ ווײַט. איך און מײַן כאַווער מענדל האָבן זיך שוין צוגעגרייט, ווי מע גרייט זיך צו צו דעם פערטן דזשולײַ [1]. דעמלט איז א יאָמטעוו אין אמעריקע. מע שיסט אפ דער סטריט מיט די פײַער-קרעקערס און עס טרעפט זיך, זאָגט מען, אז מע דערהאַרגעט א מענטשן. א קלייניקײַט — דער פערטער דזשולײַ? דאָס איז דאָך דער טאָג, וואָס די פאַריייניקטע שטאַטן האָבן זיך באפרײַט פון די סאָנים...

איך און מענדל זענען שוין געווען יאָמטעוודיק. איז אונדז פארשטערט געוואָרן די סימכע. אפ קאַנעל-סטריט האָט מען געהאַרגעט א מענטשן. די יעדיִע האָט אונדז געבראַכט פיניע. ער איז געווען אפן אָרט און האָט געזען דעם געהאַרגעטן. ער זאָגט, אז דער מענטש האָט פאַרדינט דעם טויט. ער איז געווען, זאָגט ער, א גענגסטער. פרעגט אים די מאַמע: „וואָס הייסט א גענגסטער? א גאַנעוו?“ זאָגט פיניע: „ערגער פון א גאַנעוו!“ פרעגט אים די מאַמע: „א גאַזלען?“ זאָגט פיניע: „ערגער פון א גאַזלען!“ פרעגט די מאַמע: „וואָס קאָן

[1] יול.

זײַנ ערגער פונ א גאזלענ?" זאָגט פּיניע: „א גענגסטער איז ערגער פונ א גאזלענ. וואָרעמ א גאזלענ איז א גאזלענ, אונ א גענגסטער איז א געדונגענער גאזלענ. דעמ מענטשנ האָט מענ געדונגענ, ער זאָל שלאָגנ די סטרײַקערס. איז ער באַפאלנ א מײדל א סטרײַקערנ אונ האָט זיכ פארמאָסטנ זי צו שלאָגנ. האָט זי געמאכט א גוואלד, זענענ זיכ צונויפגעלאָפנ מענטשנ, אונ ס'איז ארויס א געשלעג..." מער האָט מענ פונ פּיניענ ניט געקאָנט ארויסבאקומענ גאָרניט. ער האָט ארומגעשפאנט מיט זײַנע לאנגע פיס הינ אונ צוריק. ער האָט געפּינעט מיט דער נעשאָמע. ער האָט געשפּריצט מיט פײַער. ער האָט זיכ געריסנ באַ די האָר אונ געשאָטנ מיט ווערטער אונ מיט נעמענ:

— איי-איי, קאָלומבוס! איי-איי, וואשינגטאָנ! איי-איי, לינקאָלנ!

דער סאָפ איז געווענ — פּיניע האָט זיכ אופגעהויבנ אונ איז אנטלאָפנ!

ח

ביז עפּעס וואָס, דערווײַל האָט דאָס אונדז געטראָפנ. מיכ אונ מײַנ כאווער מענדל. די מאמע האָט זיכ געשוואָרנ באַ איר געזונט אונ באַ איר לעבנ, אז זי וועט אונדז ניט ארויסלאָזנ אפ דער סטריט פאר קײנ געלט אינ דער וועלט! ניט מיכ, ניט מענדלען, ניט עליען, ניט בראָכען אונ ניט טײַבלען. וואָרעמ וויבאלד אז עס האלט שוינ, זאָגט זי, אזוי ווײַט, אז מע הארגעט מענטשנ אינ סטריט — איז שוינ עק וועלט! זי האָט אָנגעוואָרפנ אפ אונדז אלעמענ אזא פּאכעד, אז טײַבל האָט זיכ צעוויינט, ווי א קלײנ קינד. גאָט ווײסט, ווו איר פּיניע איז אצינד!.. האָט די מאמע שוינ פארגעסנ אָנ אונדז אונ האָט גענומענ ארויסרעדנ דאָס הארצ נעבעכ טײַבלען: אז מיר האָבנ א שטארקנ גאָט. אונ אז עס וועט איר פּיניענ גאָרניט געשענ. אונ אז ער וועט מיט גאָטס הילפ קומענ בעשאָלעמ אהײמ. אונ אז ער וועט זײַנ א מאנ צו זײַנ ווײַב אונ א טאטע צו זײַנע קינדערלעכ, וואָס וועלנ, אימ-ײִרצע-האשעמ, אמאָל זײַנ. וואָרעמ דערווײַל האָט נאָכ טײַבל קײנ קינד אונ קײנ רינד. זי דאָקטערט זיכ אונ האָפט, אז זי וועט נאָכ אמאָל האָבנ קינדער.

— אונ א סאכ קינדער! — זאָגט די מאמע.

— אָמיינ האלעווײַ! — זאָג איכ אונ כאפּ א פּאטש פונ מײַנ ברודער עליע, איכ זאָל ניט זײַנ קיינ שייגעצ אונ זאָל ניט שטופּנ די צונג אהינ, ווו מע דארפ ניט...

ט

געלויבט איז גאָט — געקומענ פּיניע. אונ געקומענ איז ער מיט א סימכע, א גדולע: דער מענטש, דער גענגסטער, וואָס מע האָט אים געהארגעט, לעבט אונ וועט לעבנ. נאָר א קאליקע וועט ער שוינ בלײַבנ אפ אייביק. מע האָט אים ניט דערהארגעט אפ טויט. מע האָט אים נאָר אזוי גוט אָנגעהארגעט. מע האָט אים אויסגעזעצט אנ אויג אונ איבערגעבראָכנ א האנט. „א מיצווע — לאָז ער ניט זײַנ קיינ גענגסטער!" האָט אָבער די מאמע אפ אים ראכמאָנעס: „לאָז ער זיכ זײַנ, זאָגט זי, וואָס ער איז. פאראנ א גאָט אינ הימל, לאָז ער זיכ, זאָגט זי, מיט אים רעכענענ. פארוואָס, זאָגט זי, קומט אים, מע זאָל אים איבערברעכנ א האנט אונ אויסזעצנ אנ אויג? וואָס זענענ שולדיק זײַנ ווײַב אונ קינדער נעבעכ, זיי זאָלנ האָבנ א טאטנ א קאליקע?"...

י

דער סטרײַק האָט זיכ פארצויגנ, אונ מיר גייענ ארומ אָנ א שטאָכ ארבעט. מײַנ ברודער עליע איז אויס מענטש. די מאמע רעדט אימ אויס דאָס הארצ. זי זאָגט, אז דער גאָט, וואָס האָט אונדז געבראכט קיינ אמעריקע, וועט אונדז מיסטאמע ניט פארלאָזנ. אונדזער מעכוטנ יוינע דער בעקער אונ אונדזערע גוטע פרײַנט פּעסיע די גראָבע אונ איר מאנ מוישע דער אײַנבינדער אונ די איבעריקע פרײַנט אונ גוטע-פרײַנט קומענ אלע טאָג אונ טרייסטנ אונדז מיט גוטע ווערטער. זיי זאָגנ, אז דער הימל איז צו דער ערד ניט געפאלנ. ווו שטייט דאָס געשריבנ, אז מע מוז לעבנ אינ אמעריקע נאָר פונ שנײַדערײַ? מע קאָנ מאכנ א לעבנ אָנ שנײַדערײַ אויכ. ווערהאָרײַע? אָט וועל איכ אײַכ דערציילנ, וויאזוי מיר מאכנ א לעבנ אינ אמעריקע.

XI

קאסרילעווקע אין ניו־יאָרק

א

איידער איך גיי אייַך דערציילן, וויאַזוי מיר מאכן א לעבן אין דעם נייַעם לאנד, מוז איך אייַך פריִער אויסרעכענען בא די נעמען, ווער איז דאָ אין אמעריקע פון אונדזערע פרייַנט און באקאנטע, ווייַל נאָר זיי צו דאנקען האָבן מיר זיך ביסלעכווייַז ארופגעארבעט און אָנגעהויבן צו מאכן א לעבן. לאָזט זיך אויס, אז מיר האָבן דאָ פרייַנט און באקאנטע — קיין אייַנהאָרע, קיין בייז אויג! גאנץ קאסרילעווקע האָט זיך אריבערגעפּעקלט אהער, קיין אמעריקע. נאָך אונדזער אוועקפאָרן פון דער היים איז געוואָרן, זאָגן זיי, דאָרטן א בעהאָלע, א מעהומע, א לויפעניש. עס האָט אויסגעבראָכן, זאָגן זיי, א מוירעדיקער פאָגראָם, א שכיטע און א סרייפע — גאנץ שטאָט איז אוועק מיטן פייַער! ווער האָט אונדז געבראכט די נייַס — די מאמע. ווי ערגעץ א צאָרע, ווערט פריִער פון אלע געוווירע די מאמע. פונוואנען? פון בעסמעדרעש. פון דער קאסרילעווקער שול. ס'איז פאראן אזא שול אין ניו־יאָרק.

ב

די ערשטע וואָך, אז מיר זענען געקומען אין שטאָט ארייַן, האָט די מאמע קוידעמקאָל זיך צעפרעגט אף א שול, וווהין צו גיין שאבעס דאווענען. זענען אין ניו־יאָרק, באָרעך-האשעם, פאראן שולן קימאט אף יעדער סטריט. האָט אונדז אונדזער שכיינע פעסיע אָפּגעפירט דעם ערשטן שאבעס אין שול ארייַן. די שול איז טאקע אונדזער שול. דאָס הייסט, די ייִדן, וואָס דאווענען דאָרטן, זענען אלע פון אונדזער שטעטל. זי הייסט מיטן נאָמען „כל ישראל אנשי כתרילעווקע[1]". אָדער „די קאסרילעווקער שול". האָבן מיר זיך דאָרט דער-

1 קאָל יִסראָעל אנשיי קאסרילעווקע — אלע קאסרילעווקער ייִדן.

זענ מיט א סאכ באקאנטע פונ אונדזער שטאָט. טרעפט, וועמענ האָבנ מיר געזענ? אז איר וועט זײַנ מיט אכצנ קעפּ, וועט איר אויכ ניט טרעפנ. ערשטנס — דעמ כאזנ. אונדזער הערש-בער דעמ כאזנ מיט דער גרויסער באָרד. אָט דער, וואָס איכ בינ בא אימ געווענ אמאָל א זינגערל, אויב איר געדענקט, אונ האָב זיכ ארומגעטראָגנ מיט זײַנ דאָבציענ. א קינד א קאליקע. דאָס קינד איז געשטאָרבנ נאָכ דאָרטנ, אינ דער היימ, בעשאס פּאָגראָמ. אונ הערש-בער דער כאזנ מיט דער כאזנטע מיט די עלטערע קינדער זענענ אלע דאָ אינ אמעריקע אונ מאכנ א לעבנ. הערש-בער איז דאָ א כאזנ אונ א מויעל אונ א מעלאמעד אויכ: דאָ הייסט דאָס ניט מעלאמעד. דאָ הייסט דאָס „טיטשער". פאַרוואָס טיטשער? ווײַל ער טיטשט די קינדער. דאָס הייסט, ער קנײַפּט זיי שטילערהייט, קיינער זאָל ניט זענ. מאכמעס שלאָגנ א קינד טאָר מענ דאָ ניט, ווי איכ האָב אײַכ שוינ געזאָגט. הערש-בער האָט, זאָגט מענ, דאָ גאנצ פּײַנ פּארנאָסע. נאָר ער האָט זיכ שטארק איבערגעאנדערשט. דאָס הייסט, איזנ איז ער דער אייגענער, וואָס געווענ, נאָר ער גייט אנדערש אָנגעטאָנ. אינ דער היימ, ווענ ער טוט אָנ אזא קאפּעליוש ווי דאָ, וואָלט מענ אימ נאָכגעלאָפנ. די קאפּאָטע איז בא אימ אויכ פארקירצט, אונ די פּייעס אונטערגעהאקט. נאָר די באָרד טשעפּעט ער ניט. טשעפּענ אימ אָבער אנדערע די באָרד. דאָ, אינ אמעריקע, האָט מענ פּײַנט א באָרד. ערגער ווי אנ ערלעכער ייִד האָט פּײַנט כאזער. אנומלטנ האָבנ אימ דערטאפּט אינמיטנ סטריט שקאָצימלעכ — „לויפערס" הייסנ זיי דאָ — אונ האָבנ אימ נאָר געוואָלט אָפּשערנ די באָרד. א גליק, וואָס ייִדנ זענענ אָנגעקומענ אונ האָבנ אימ ארויסגעראטעוועט פונ די „לויפערס" הענט. פונ דעמלט אָנ, אז ער גייט אינ סטריט, באהאלט ער די באָרד אינעמ אויבעראָק.

ג

בערע דער שוסטער איז אויכ דאָ. דאָס איז דער בערע, וואָס מײַנ ברודער עליע האָט זיכ געהאט אונטערגענומענ אמאָל ארויסצוטרײַבנ בא אימ די מײַז. אויב איר געדענקט, האָט בערע דער שוסטער ליב צו דערציילנ גוזמאָעס. אויסטראכטנ זאכנ, וואָס ניט געשטויגנ, ניט געפלויגנ. דאָס הייסט, ער איז א ייִד א ליגנער. דאָ ווערט עס אָנגערופנ א „בלאָפער". ער איז דאָ אויכ דער זעלבער שוסטער, וואָס

אינ דער היימ. ער דערציילט פונ זיינ שוסטעריי אזעלכע גליקנ, אז ווענ ס'זאָל זיינ כאָטש א דריטל עמעס, וואָלט אויכ געווענ גוט. ער זאָגט, אז ער איז דאָ דער גרעסטער שוסטער אינ אמעריקע. מיט זיינע שטיוול, זאָגט ער, טראָגט מענ זיכ ארומ איבערנ גאנצנ לאנד. ער שווערט מיט אזעלכע שבועס, וואָס מע מעג גלייבנ א מעשומעד, אז דער פרעזידענט אליינ האָט זיכ באשטעלט בא אימ א פאָר שטיוול. זאָגט מיינ ברודער עליע, אז די מייסע מיטנ פרעזידענטס שטיוול איז פונקט אזוי עמעס, ווי די מייסע, וואָס בערע דער שוסטער האָט אונדז אמאָל געהאט דערציילט, וויאזוי די מייז האָבנ בא אימ אופגעגעסנ א קאצ... דאָ, אז עמעצער דערציילט אזעלכע מייסעס, זאָגט מענ אפ אימ, אז ער „האקט א טשייניק", אָדער אז ער „בלאָפט". מיר געפעלט בעסער די ווערטער „ער האקט א טשייניק". עס איז מיר אזוי שטארק געפעלנ, אז איכ האָב עס ארופגעכאפט אפ פאפיר. דאָס הייסט, איכ האָב אויסגעמאָלט בערע דעמ שוסטער, ווי ער האלט א האמער. אפנ טיש שטייט א גרויכער טשייניק, אונ ער האקט אימ... אלע די, וואָס האָבנ געזענ דאָס בילד, האָבנ זיכ געקאטשעט פאר געלעכטער. אפילע מיינ ברודער עליע האָט אויכ געשענקט א האלבנ שמייכל. ער שלאָגט מיכ שוינ מער ניט דערפאר, וואָס איכ מאכ מענטשעלעכ. ער בורטשעט נאָר אונ זאָגט: „אז ס'איז ניטאָ וואָס צו טאָנ, איז דאָס אויכ אנ אייסעק"...

ד

וואָס דארפט איר מער? רעב יאָסיע דער נאָגיד, וואָס אלע האָבנ זיכ געווונטשנ בא אונדז, כוץ זיינ שאָדנ, כאָטש א דריטכיילעק, — איז ער אויכ דאָ, אינ אמעריקע. ער איז שוינ אָבער אויס נאָגיד. וואָס איז די מייסע? אימ האָט אוועקגעהארגעט דער פאָגראָמ. דאָס הייסט, פונעמ פאָגראָמ גופע האָט ער אלייג ניט אזוי שטארק געליטנ. דאָס הייסט, געראבירט האָט מענ אימ. דאָס מעבל צעבראָכנ. דאָס בעטגעוואנט צעריסנ. די סכוירע פונ קלייט צענומענ. נאָר געשלאָגנ האָט מענ זיי ניט. מאכמעס זיי זענענ געלעגנ אלע אינ א קעלער דריי טעג מיט דריי נעכט. שיר ניט אויסגעגאנגענ פונ הונגער. דאָס אלצדינג וואָלט געווענ א האלבע צאָרע. דאָס אומגליק איז געווענ דאָס, וואָס אלע זיינע באלכויוועס האָבנ אימ אָנגעזעצט. האָט ער אויכ

געמוזט אָנזעצנ. ווער וואָלט זיכ געריכט, אז אזא איש בטוח[1], ווי רעב יאָסיע, זאָל דארפנ אָנזעצנ אונ אנטלויפנ פונ קאסרילעווקע? אינמיטנ באנאכט איז ער אנטלאָפנ. וווהינ — קיינ אמעריקע. זײַנ זונדל הענעכ מיטנ אייגל, געדענקט איר, וויִאזוי ער האָט געלאכט פונ מיר, וואָס איכ פאָר קיינ אמעריקע? איצט שלעפט ער זיכ ארומ דאָ איבער די סטריטנ. אז ער דערזעט מיכ, אנטלויפט ער. עס שטייט אימ נאָכ הײַנט אויכ ניט אָנ צו רעדנ מיט מיר. האָמאָנס גאדלעס! מײַנ כאווער מענדל זאָגט, אז ער מוז אימ מאכנ בלוי דאָס אנדערע אייגל. מענדל האָט פײַנט, אז מע נעמט זיכ איבער, אָדער אז מע בלאָזט פונ זיכ.

ה

שענער פונ אלצ איז, וואָס מענאשע דער רויפע אונ מענאשיכע די רויפעטע זענענ אויכ דאָ. איר געדענקט דאָכ מינאסטאמ זייער גאָרטנ מיט זייערע פערשקעס, מיט זייערע ווײַנשל, מיט זייערע עפל אונ מיט זייערע בארנ? איז דאָס אלצדינג אוועק מיטנ רויכ אונ מיטנ פײַער. מע האָט זיי פארברענט זייער שטוב מיט זייער גאָרטנ, געמאכט פונ אלצדינג אש. איר זאָלט זיי אָנקוקנ, וואָלט איר זיי ניט דערקענט. ביידע זענענ זיי געוואָרנ גרוי אונ אלט. ער שטופט א פושקארט מיט עפל אונ מיט אָראנדזשעס, אונ זי פעדלט מיט וויסאָצקיס טיי. „אז אָכ אונ וויי, — זאָגט די מאמע מײַנע מיט טרערנ אפ די אויגנ, — אפ וואָס זיי זענענ איבערגעקומענ”...

— א שיינע ריינע קאפאָרע! — זאָגט מײַנ ברודער עליע, אונ איכ האלט מיט אימ. א מיצווע אפ מענאשיכע די רויפעטע. זי איז געווענ א ראָשעטע. געזשאלעוועט אנ אָרעמאנ א פארפוילטנ עפל, וואָס איז אראָפגעפאלנ פונעמ בוימ. זי מיינט, אז איכ האָב שוינ פארגעסנ די מײַסע, וויִאזוי מע האָט מיכ אמאָל געפאקט בא איר אינ גאָרטנ... איכ וועל עס געדענקענ, ווײַל איכ וועל לעבנ!

ו

אינ דער צײַט, וואָס מיר האָבנ זיכ ארומגעשלעפט איבער אויסלאנד, האָט מענ דאָרט אינ דער היימ געפאָגראָמעוועט אונדזערע קאסרי-

1 איש באָטואכ — א זיכערער מענטש.

לעווקער יידן, געראַבירט די קליידער און געבערענט די הײַזער. א סוואָרע, אז אונדזער האלבע שטוב, וואָס מיר האָבן פארקויפט צו זיליע דעם שניידער, איז אויך אָפגעברענט געוואָרן, און זיליע דער שניידער איז איצטערט הי. ער איז א שניידער ווי געווען. דער כילעק איז, וואָס דאָרט, אין דער היים, איז ער געווען א באלעבאָס פאר זיך, און דאָ, אין אמעריקע, ארבעט ער בא יענעם. אמאָל איז ער אן „אונטער-פרעסער" בא הויזן, און אמאָל איז ער אן „אָפרייטער" בא דער מא-שין. ער פארדינט, זאָגט ער, זיבן-אכט טאָלער א וואָך. עס וואָלט אים געווען, זאָגט ער, ווינציקלעך אפ צו מאכן א לעבן, ברענגען אים אריין זײַנע קינדער — דרײַ קינדער האָט ער, און אלע מיידלעך — דרײַ מאָל אזוי פיל. זיי ארבעטן בא „שוירטס". העמדער הייסן דאָ „שוירטס". פרעג איך בא מײַן ברודער עליע, פארוואָס הייסן העמדער „שוירטס"? זאָגט מײַן ברודער עליע, אז ער ווייסט ניט, פון וואָסער א שוירעש עס נעמט זיך דאָס וואָרט „שוירטס". זאָגט צו אים אונדזער כאַווער פיניע, לעמײַ ער ווייסט ניט דעם שוירעש פון נאָך א סאך אנדערע ווערטער? זאָגט עליע, אז פון אנדערע ווער-טער ווייסט ער יאָ דעם שוירעש. פרעגט אים פיניע: „פונוואנען זשע נעמט זיך דאָס וואָרט „בוטשער" און פארוואָס איז בוטשער א קא-צעוו?" זאָגט אים עליע: „דערפאר, וואָס א קאצעוו צעבוטשערט דאָס פלייש אפ שטיקלעך"... פרעגט אים פיניע: „פונוואנען זשע נעמט זיך עס, וואָס א שניידער הייסט דאָ „אָפרייטער"?" זאָגט עליע: „דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס... וואָס... וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפעט צו מיר? וואָס בין איך מעכוייעוו דיר צו פארטײַטשן אלע ווערטער, וואָס מע זאָגט דאָ אין אמעריקע?"

— ששא! שרײַ ניט! מע ווערט פון דיר ניט גליקלעך! — זאָגט פיניע און דרייט זיך אויס צו מיר מיטן פאָנעם. — קום נאָר אהער, קאָטוינטי. אז דו ווילסט וויסן עפעס א זאך, זאָלסטו קיינמאָל ניט פרעגן בא דײַן ברודער עליע, וואָרעם ער ווייסט ניט.

— איר ווייסט ביידע מער פון א טויטן! — מישט זיך אריין מײַן שוועגערן בראָכע און שעלט זיך איין פאר איר מאן.

ז.

דערווײַל האָב איך מיך פארעדט פון זײַטיקע זאכן און האָב פאר-געסן, אז איך האָב גענומען אויסרעכענען, ווער פון אונדזערע בא-

קאַנטע זענען דאָ, אין אמעריקע. אכוץ אונדזער כאַווער פּיניעס מישפּאָכע, איז גאַנצ קאַסרילעווקע אַצינד אין אמעריקע. און ס'איז א סוואָרע, אז פּיניעס מישפּאָכע קלײַבט זיך אויך אָפּ אהערצוצו. פּיניעס פֿאָטער, הערש-לייב מעכאַניק, און זײַנ פֿעטער שנייער דער זייגערמאַכער שרײַבנ צו פּיניענ, אז זיי וואָלטנ שוינ לאַנג ארויסגעפֿאָרנ, האָבנ זיי ניט מיט וואָס. בעטנ זיי, מע זאָל זיי ארויסשיקנ שיפֿסקאַרטנ. קלײַבנ מיר איצטער א פֿעני צו א פֿעני. אז מיר וועלנ צונויפֿקלײַבנ די ערשטע עטלעכע טאָלער אָפּ אײַנצוצאָלנ אנ אופֿגאָב, וועלנ מיר זיי ארויסשיקנ שיפֿסקאַרטנ אָפּ אויסצוצאָלנ. און זיי וועלנ מיט גאָטס הילפֿ געוויס אויסצאָלנ. וואָרעמ זיי קומענ אהער ניט מיט ליידיקע הענט. הערש-לייב דער מעכאַניק שרײַבט, אז ער האָט צוגעטראַכט א נײַעמ אויוונ. אזא מינ אויוונ, וואָס מע דאַרפֿ צו אימ האָבנ זייער ווינציק האָלצ. קימאַט גאָלע גאָרניט. וויאַזוי? דאָס איז זײַנ סאָד... און שנייער דער זייגערמאַכער האָט אויסגעקלערט א זייגער, וואָס גאַנצ אמעריקע וועט לויפֿנ קוקנ אָפּ כידושימ. וואָס זשע איז דאָס פֿאַר א מינ זייגער? וועט איר הערנ, וואָס מע שרײַבט צו פּיניענ פֿונ דער היימ.

ח

דער זייגער אַליינ איז א געוויינלעכער וואַנט-זייגער מיט א געוויינלעכנ ציפֿערבלאַט. נאָר וואָס דענ? אז איר קוקט זיך גוט צו צומ ציפֿערבלאַט, דערזעט איר אויסגעמאָלט די זונ מיט דער לעוואָנע מיט אַלע צוועלפֿ שטערנ. באַטאָג זעט מענ מער ארויס די זונ. און באַנאַכט — די לעוואָנע מיט די שטערנ. זענט איר פֿאַרטיק? האָט צײַט! אַלעמאָל, ווענ דער זייגער שלאָגט אויס צוועלפֿ, עפֿנט זיך אופֿ פֿאַר אײַערע אויגנ א קליינ טירעלע און עס קומט ארויס פֿריִער אנ אָפֿיצער מיט א שפּאַגע. דערנאָך צוועלפֿ סאָלדאַטנ מוזיקאַנטנ. דער אָפֿיצער טוט א מאַך מיט דער שפּאַגע, און די צוועלפֿ סאָלדאַטנ שפּילנ אָפּ א מאַרש און גייענ אוועק. מאַכט זיך צו דאָס טירעלע — און שוינ! ווי מיינט איר, קאָנ מענ מיט אזא זייגער פֿאַרדינענ געלט אינ אמעריקע? אָפּ דעמ זייגער האָט פּיניעס פֿעטער פֿאַרבראַכט היפּשע עטלעכע יאָר. ער איז שוינ געווענ בא אימ קימאַט אינגאַנצנ פֿאַרטיק. האָט מענ אימ בייס פֿאָגראָמ צעריבנ אָפּ שטיקלעך. נאָר עס מאַכט

ניט אויס. אבי דער סייכל פונעם זייגער איז געבליבנ בא אים. לאָז ער נאָר קומענ קיינ אמעריקע, וועט שוינ זײַנ, ווי מע זאָגט דאָ, אָלרײַט.

ט

און וויאזוי מיר מאכנ א לעבנ — האָב איכ אײַכ נאָכ אלצ ניט געזאָגט: נאָר דאָס לאָז שוינ זײַנ אפ מאָרגנ.

XII

מיר מאכנ א לעבנ

א

דער ערשטער האָט זיכ ארופגעשלאָגנ אפ א וועג און גענומענ מאכנ א לעבנ מײַנ ברודער עליע. און וועמענ האָט ער צו פארדאנקענ? דער מאמענ. זי גייט אלע שאבעס דאווענ אינ קאסרילעווקער בעסמעדרעש, באגעגנט זי זיכ מיט מענטשנ. האָט זי זיכ באקענט מיט דער פרעזידענטיכע, דאָס מיינט מיט דער גאבעטע פונ שול. וואָרעמ א גאבע אינ א שול הייסט דאָ „פרעזידענט". די פרעזידענטיכע איז א ווילע ייִדענע און האלט פונ מײַנ מאמע. דערפאר וואָס מײַנ מאמע ווייסט אלעמאָל, ווו דער כאזנ האלט און וואָס דער כאזנ זאָגט. און די היגע ווײַבער ווייסנ ניט, ווער עס האָט זיי געשלייערט. אזוי זאָגט מײַנ ברודער עליעס ווײַב בראָכע. מײַנ שווערגערנ בראָכע זאָגט, אז די היגע ווײַבער גייענ אינ שול ארײַנ נאָר צו באווײַזנ זייערע בארליאנטנ. דאָ הייסט דאָס „דײַמאָנטס". און אז זיי זענענ מעכילע גרויסע בעהיימעס. אזוי זאָגט בראָכע. און אז זיי ווייסנ ניט קיינ ציילעמ פאר קיינ אלעפ. און אז זיי קאָנענ נאָר גוט פרעסנ און רעדנ לאָשנ-האָרע... האקט איר איבער די מאמע און זאָגט, אז „אָט דאָס אלייִנ, טאָכטער לעבנ, איז דאָכ אויכ לאָשנ-האָרע"... פארענטפערט זיכ בראָכע, אז זי מעג, וואָרעמ זי זאָגט דאָס פאר אייגענע, ניט פאר פרעמדע... נאָר מיר קערנ זיכ אומ צוריק צו דער פרעזידענטיכע און צו איר מאנ, דעמ פרעזידענט פונ דער קאסרילעווקער שול.

ב

האָט איר וועג געהערט פונ דער „היברו נײשאָנאַל ווורשט-קאָמפּאַניע"[1]? דאָרט פאַרקויפט מענ יִדישע קאָשערע קאָלבאַסעס. דאָרע קישקע, געבראָטענע צונגענ און געריכערטע פלײשנ. אינ אַלע עקנ שטאָט האָבנ זײ „סטאָרס", ווו איר קומט אַרײַנ קויפנ קאָשער ווורשט. אויב איר זענט הונגעריק און האָט צײַט, הײסט איר אײַך דערלאַנגענ הײסע קישקעלעכ, נאָרוואָס פונ דער זאָד, און איר עסט דאָס מיט כריינ אָדער מיט זענעפט. וויאַזוי איר ווילט. אויב איר זענט ניט קורצ אינ געלט, קאָנט איר זיכ הײסנ דערלאַנגענ נאָכ א פּאָרציע. איכ און מײַנ כאַווער מענדל האָבנ אַמאָל אַרײַנגעשטעלט דרײַ פּאָרציעס און האָבנ געפילט, אַז מיר וואָלטנ בײַגעקומענ נאָכ צווי פּאָרציעס — איז בא אונדז אָבער אויסגעגאַנגענ פּאָדעמ... נאָר ניט דאָס האָב איכ אײַכ געוואָלט דערצײלנ.

ג

וואָס איכ האָב אײַכ געוואָלט דערצײלנ איז אָט וואָס. דער פּרעזידענט פונ אונדזער שול איז אײנער פונ די באַלעבאַטימ אינ דער „היברו נײשאָנאַל ווורשט-קאָמפּאַניע". האָט די מאַמע דורכ דער פּרעזידענטיכע געפּויעלט באַמ פּרעזידענט, אַז מע זאָל אַרײַנעמענ מײַנ ברודער עליע אינ דער „היברו נײשאָנאַל ווורשט-קאָמפּאַניע" פאַר א מענטשנ. דאָ הײסט עס א סײלעסמאַנ, א פאַרקויפער. און ניט נאָר א פאַרקויפער אַלײנ, נאָר טאַקע א „ווײטער" אויכ. דאָס הײסט, אַז אײנער קומט אַרײַנ און הײסט זיכ דערלאַנגענ הײסע קישקעלעכ — דאַרפ מענ זיכ ניט שעמענ און דערלאַנגענ. האָט זיכ אַפילע מײַנ ברודער די ערשטע צײַט געבּרעקלט: „סטײַטש, א יונגערמאַנ מיט א בערדל, פּייסי דעמ כאַזנס א זונ און יוינע דעמ בעקערס אַנ אײדעמ, זאָל זײַנ א מעשאָרעס!"... האָט אימ אונדזער כאַווער פּיניע אוועקגעגעבנ א גאָב. „וואָס מײנסטו? — האָט אימ פּיניע געריבנ די בײנער. — דו מײנסט, אַז דו ביסט אינעמ פאַרשאָלטענעמ קאַסרילעווקע? דו ביסט אינ אַמעריקע ביסטו! אינ אַמעריקע האָבנ אַזעלכע פּײַנע מענטשנ

---

1 „יִדישע נאַציאָנאַלע ווורשט-קאָמפּאַניע".

ווי דו, לעמאַשל, א קארנעגי, א ראָקענפעלער, א וואנדערבילד, געפעדלט מיט גאזעטן, ארומגעטראָגן שוועבעלעך (דאָ הייסט עס „מעטשעס") און געפוצט שטיוול אפ דער סטריט! לייענ די געשיכטע פונ א דזשאָרדזש וואשינגטאָן, פונ אן אייבראם לינקאָלן, אָדער פונ אנדערע גרויסע לײַט, וועסטו זען, אז פייסי דעם כאזנס זונ מעג אָנשטיינ פארקויפנ קישקעלעך"...

ד

דאָ האָט אָבער אונדזער כאזער פיניע געכאפט א מיעסנ פסאק פונ מײַנ מאמע. וואָרעם קאָלזמאנ פיניע האָט געשאָטנ מיט נעמענ: קארנעגי, ראָקענפעלער, וואנדערבילד, — האָט איר ניט געארט. נאָר אז ער האָט דערמאנט דזשאָרדזש וואשינגטאָנ און אייבראם לינקאָלנ אינאיינעמ מיט מײַנ טאטנ פייסי דעם כאזנ — האָט דאָס איר פארדראָסנ. זי האָט געזאָגט, אז זי קענ ניט וואשינגטאָנענ און ווייסט ניט, ווער אווראָמ לינקאָלנ איז געווענ. עס קאָנ זייער זײַנ, אז דאָס זענענ געווענ גאנצ לײַטישע מענטשנ און גאנצ שיינע יידנ. נאָר זי וויל ניט, מע זאָל איר מאנס נאָמענ באציִענ אהער קיינ אמעריקע. לאָז ער זיכ זײַנ, זאָגט זי, דאָרטנ אינ גאנ־עדנ א גוטער מײליץ[1] פאר איר און פאר אײַכ און פאר קאָל־ייִסראָעל.

— אָמיינ! — זאָג איכ און כאפ א כאטש פונ מײַנ ברודער עליע — איכ זאָל ניט זײַנ קיינ אזעס־פאָנעמ.

ה

בעקיצער — מײַנ ברודער עליע האָט א דזשאב און מאכט א לעבנ. ער פארקויפט קישקעלעכ און דערלאנגט צומ טיש און באקומט דערפאר, ערשטנס, פינפ טאָלער א וואָכ, און אכוצ־לאָזע, צוויי מאָל אינ טאָג עסנ — איז אויכ עפעס ווערט. הײַנט וואָס איז ווערט דאָס, וואָס עס קומענ ארײַנ אינ „סטאָר" קויפנ פלייש א וועלט מיט מענטשנ? אלע טאָג מאכט ער נײַע באקאנטשאפטנ מיט די פײַנסטע לײַט פונ ניו־יאָרק. עס איז דאָ א האָפענונג, אז מײַנ ברודער זאָל גיינ העכער

---

1 א פארטיידיקער; א גוטער בעטער.

און העכער. מאכמעס ער איז באליבט פונ די באלעבאטימ און זייער בע־קאָוועדיק בא די קאָסטאָמערס. א קאָסטאָמער האָט האנאָע, אז אימ באדינט א טאטנס א קינד, ניט קיינ געבוירענער מעשאָרעס... איינ שטיקעלע כיסאָרנ האָט מײַנ ברודער — דאָס, וואָס עס וואקסט אימ, ניט פאר אײַכ געדאכט, א באָרד. ער זאָל ניט האָבנ קיינ באָרד, וואָלט ער געווענ גאָר־גאָר אָלרײַט. איז אָבער, ווי אפ צולאָכעס, האָט זיכ זײַנ באָרד אינ אמעריקע בא אימ צעוואקסנ אינ דער ברייט און אינ דער לענג. דאָס הייסט, מער אינ דער ברייט, ווי אינ דער לענג. זאָגט אימ פּיניע, אז ער וואָלט געמעגט דאָס בערדל, אפ אמערי־קאנער לאָשנ גערעדט, א ביסל „צופּיקסענ". אזוי ווי ער, פּיניע, האָט געטאָנ. ער האָט זיכ ארײַנגעכאפּט צו א שערער (דאָ הייסט עס א „בארבער־שאפּ") און האָט זיכ אוועקגעזעצט, זאָגט ער, אפנ „טשער" (אזא שטול) און פארוואָרפנ דעמ קאָפּ און ניט געזאָגט קיינ וואָרט. מאכמעס ער האָט נאָכ דעמלט ניט געקאָנט רעדנ קיינ ענגליש. איז צוגעגאנגענ דער שערער, דער „בארבער" הייסט עס, און האָט אימ, זאָגט ער, אָנגענומענ בא דער נאָז — אזוי זאָגט פּיניע — און האָט נישט געטאָנ גאָרניט. ער האָט אימ, זאָגט ער, נאָר אָנגעזייפט גוט דאָס גאנצע פּאָנעמ און איז זיכ דורכגעגאנגענ מיט א גאָל־מעסער מער ניט אז צוויי מאָל, און האָט אימ געהייסנ אופשטיינ. און אז ער איז אופגעשטאנענ, אזוי דערציילט פּיניע, און האָט געגעבנ א קוק אינ שפּיגל, האָט ער זיכ אליינ ניט דערקענט. אפ זײַנ פּאָנעמ איז ניט געבליבנ, איר זאָלט זאָגנ, א סימענ פונ א באָרד אָדער פונ וואָנצעס. גלאט, ווי א לאָקשנברעט. עס האָט זיכ אימ, זאָגט ער, אויסגעוויזנ, אז ער שמייכלט... וויי־וויי, וואָס ער האָט געהאט פונ זײַנ ווײַב טײַבל! זי האָט נעבעכ געכאלעשט צוויי מאָל און איז אזש קראנק גע־וואָרנ פונ צאָרעס און פאר ביזאָיענ. דאָס איז אָבער נאָר געווענ די ערשטע צײַט. איצט האָט זי זיכ שוינ צוגעוווינט. איר פּיניע גאָלט זיכ אלע וואָכ דאָס גאנצע פּאָנעמ און זעט אויס, ווי אנ עכטער אמערי־קאנער. ער רעדט שוינ גאָר ענגליש און קײַט שוינ קעסיידער „טשוינגאָמ". ער שלינגט דאָס שוינ אָבער מער ניט אראָפּ... דערצו, ווענ ער זאָל נאָכ ווענ אכטונג געבנ, די מאנישקע זאָל זיכ בא אימ ניט צעשפּיליענ, דאָס האלדזטיכל זאָל זײַנ אפ אנ אָרט, אוןביידע הויזנ זאָלנ זײַנ גלײַכ, ניט איינער אראָפּ, דער אנדערער ארופ, — וואָלט ער שוינ געווענ א גאנצער דזשענטלמענ, א ספּאָרט.

ו

פיניע זאָל ניט האָבן אפ זיך קיין דרייקאָפּ (ער שטאמט דאָך פון א מישפּאָכע פון „קעפּמענטשן”), און דער קאָפּ זײַנער זאָל אים ניט טראָגן אין די גרויסע געשעפטן, וואָס דאָ הייסט עס „ביזנעס”, וואָלט ער געקאָנט מאכן א לעבן. ער מאכט אזוי אויך א לעבן. נאָר דער כיסאָרן איז, וואָס ער ווארפט זיך אלעמאָל אפ אן אנדער דזשאָב. דערפאר האָט ער א מײַלע, וואָס ער שעמט זיך ניט מיט קיין ארבעט אין דער וועלט. ער וועט אײַך טאָן, וואָס איר וועט אים הייסן, אבי מאכן א טאָלער. קערן די סטריט — איז קערן די סטריט. שארן קוילן — איז שארן קוילן. פּעדלען מיט גאזעטן — איז אוואדע גוט. אמעריקע, זאָגט ער, איז א פרײַע מעדינע און א ביזאָיען איז, זאָגט ער, נאָר גאַנווענען. דערפאר, זאָגט ער, ארבעטן דאָ אלע און קיינער גאַנוועט ניט. גאנווענען, זאָגט ער, גאנווענען דאָ נאָר די איטאליענער. א געבאָרענער אן אמעריקאנער, זאָגט ער, וועט ניט גאנ-ווענען, עס מעג ליגן גאָלד. אן אמעריקאנער וועט אײַך קיינמאָל ניט אָפּנארן, און קיין ליגן וועט אײַך קיינמאָל אן אמעריקאנער ניט זאָגן. אזוי דרינגט פּיניע. ער האָט שוין אפילע געמאכט א ליד אפ אמע-ריקע. דאָס גאנצע ליד געדענק איך ניט. עטלעכע שורעס פון דעם קאָן איך אײַך זאָגן אפ אויסווייניק. אָט אזוי הייבט זיך עס אָן בא אים:

„קאָלומבוסעס מעדינע
איז א לאנד פאר גרינע.
דאָס אײנציקע געבליבן,
וואָס א ייִד מאכט דאָ א לעבן...
דאָס לאנד איז גרויס
גאָר אָן א סאָף.
דאָ האקט מען ניט קיין טשײַניק,
דאָ ווייסט מען ניט פון בלאָף...”

דערנאָך זינגט זיך בא אים ווײַטער און ווײַטער, און לאָזן לאָזט ער אויס מיט אזא מין גראם:

„אמעריקע איז דאָס לאנד פון יוישער,
האָט א פּרעזידענט און ניט קיין קייסער”...

לאכט פונ אימ מײַנ ברודער עליע. ער זאָגט, אז „יושער" גראמט זיכ עפּעס ניט אזוי גוט מיט „קײסער". ענטפערט אימ פיניע מיט א מאָשל: „אז דער מאנ הײסט מענדל, מעג מענ עסנ פונ זײַנ פענדל. אונ אז דער מאנ הײסט לײזער, איז א רועכ אימ אינ טאטנ... פרעגט די װעלט א קאשע: װו איז דאָ דער גראמ? איז דער טערעצ: א רועכ אימ אינ טאטנ אָנ א גראמ"...

ז

איר מײנט, אז אונדזערע װײַבער מאכנ ניט קײנ לעבנ? איכ מײנ דאָס מײַנ ברודער עליעס װײַב בראָכע אונ אונדזער כאװער פיניעס װײַבל טײַבל. זײ ארבעטנ בא „נעק-טײס" (מענערשע שניפּסנ). אונ װעמענ האָבנ זײ צו פארדאנקענ? װידעראמאָל מײַנ מאמענ, אונ װידעראמאָל צוליב דעמ, װאָס זי גײט אלע שאבעס אינ שול ארײַנ. דאָרט האָט זי זיכ באקענט מיט אנ אָלרײַטניטשקע, א נעגידעס הײסט עס (א נאָגיד הײסט דאָ אנ „אָלרײַטניק"). די דאָזיקע אָלרײַטניטשקע איז אמאָל געװענ, ניט אויסגערעדט זאָל זײַנ, א דינסטמײדל בא אונדז אינ קאסרילעװקע, טאקע בא רעב יאָסיע דעמ נאָגיד. איר נאָמענ איז קרײנדל. מיט דער קרײנדלענ איז א גאנצע געשיכטע, װאָס קאָנ דער-צײלט װערנ אינקורצנ.

ח

בא אונדז, אינ קאסרילעװקע, איז אמאָל געװענ א קאצעװ מיטנ נאָמענ מײלעכ. מײלעכ דער קאצעװ. האָט דער מײלעכ געהאט א יונג מיטנ נאָמענ נעכעמיע. האָט ער זיכ פארליבט, אָט דער נעכעמיע הײסט עס, אינ דער מויד, אינ קרײנדלענ, אונ געװאָלט מיט איר כאסענע האָבנ. האָט ער ניט געהאט מיט װאָס. האָט ער זיכ מעיאשעװ געװענ אײנמאָל, — מײלעכ דער קאצעװ האָט אימ געגעבנ געלט, ער זאָל פאָרנ אפנ יאריד קויפנ א בעהײמע, — האָט ער גענומענ דאָס געלט, נעכעמיע הײסט עס, אונ איז אװעק מיט דער מויד, מיט קרײנדלענ הײסט עס, קײנ אמעריקע. האָט דאָס אימ באגליקט, אונ ער איז געװאָרנ אנ אָלרײַטניק, אונ קרײנדל איז געװאָרנ אנ אָל-רײַטניטשקע. איצט האָבנ זײ א פאבריק, דאָ הײסט עס א פעקטאָרי, פונ נעק-טײס, דאָס הײסט פונ האלדזטיכלעכ. האָט זיכ געטראָפנ א

מײַסע, די אָלרײַטניטשקע, קרײנדל הײסט דאָס, האָט געהאט יאָרצײַט נאָך איר מאמע. איז זי געקומען אין שול און האָט זיך צערעדט מיט דער מאמע און זיך געלאָזט דערקענען. דערהערט פון דער מאמע, אז מײַן טאטע איז געווען פּײסי דער כאזן, האָט זי זיך נאָך מער צוגעלאָזט צו מײַן מאמע און צוגעזאָגט אונדז באהילפיק זײַן מיט וואָס נאָר מעגלעך. האָט איר די מאמע געזאָגט, אז קײן הילף וויל זי ניט. זי פארלאנגט נאָר ארבעט פאר אירע קינדער. א וואָרט און א וואָרט — די אָלרײַטניטשקע האָט אויסגעפּויעלט בא איר מאן דעם אָלרײַטניק, ער זאָל געבן אן אָרט בא זיך אין דער פעקטאָרי פאר מײַנע שוועגערן בּראָכע און פאר אונדזער פּיניעס ווײַבל טײַבל. זענען זיי א פּאָר וואָכן געגאנגען אף בּראָדווײ ארבעטן אין דער פעקטאָרי. און דערנאָך האָט די מאמע געפּויעלט, מע זאָל זיי געבן ארבעט אהײם, ניט זיצן א גאנצן טאָג אין שאפּ.

ט

עס האָט אָבער לאנג נישט אָנגעהאלטן: קאָלזמאנג דער „סיזענ" האָט זיך געהאלטן, איז מען געווען „בּיזי", דאָס הײסט, מע האָט געהאט ארבעט. שפּעטער, אז ס'איז געוואָרן „סלעקטײם", דאָס הײסט, ס'איז קײן ארבעט ניט געווען, זענען אונדזערע ווײַבער געבליבן אָן ארבעט. מיר האָבן זיך אָבער שטארק ניט גענומען צום הארצן. וואָרעם „גאָט איז א פאָטער — מיט אײן האנט שטראָפט ער, מיט דער אנדערער הײלט ער". אזוי זאָגט די מאמע. איך פארשטײ דאָס ניט מיטן סײכל: צו וואָס דארף גאָט שטראָפן און דערנאָך הײלן? אמער, לאָז ער ניט שטראָפן, וועט ער פארשפּאָרן הײלן... און ווידער זאָגט די מאמע, אז „גאָט שיקט צו די רעפוּע פאר דער מאקע"...

י

אקעגן וואָס זאָגט זי דאָס? — וועט איר באלד הערן. נאָר לאָמיר זיך א בּיסל אָפּרוען, קעדײ איך זאָל קוּיעך האָבן דערצײלן ווײַטער.

XIII

די רעפּוע פאַר דער מאַקע

א

איך האָב אײַך צוגעזאָגט דערציילן, וואָס מײַן מאַמע האָט געמיינט מיט דעם, וואָס זי זאָגט, אַז „גאָט שיקט צו די רעפּוע פאַר דער מאַקע"? אַזוי איז געווען די מײַסע:

מײַן ברודער עליען איז נימעס געוואָרן צו דינען אין דער „יידישער נײַשאָנאַל וואָרשט־קאָמפּאַניע". ס'איז ניט פאַר אים קיין דזשאָב. פאַרגעסט ניט, אַז מײַן ברודער עליע איז פּייסי דעם כאַזנס אַ זון. ער איז אַ יונגערמאַן אַן איידעלער. ער האָט אַ קאָל־נעגינע. קאָן גאַנץ פֿײַן דאַווענען פאַרן אָמעד. ווי פּאַסט דאָס פאַר אַזאַ יונגנמאַן צו דערלאַנגען קישקעלעך צום טיש? דאָס דערלאַנגען אַליין וואָלט נאָך עפּשער ניט אויסגעמאַכט, זענען אָבער פאַראַן אַלערליי מענטשן. פאַראַן מענטשן איידעלע. אַן איידלמאַן, אַ טאַטנס אַ קינד, קומט אַרײַן און הייסט זיך דערלאַנגען אַ פּאָרציע וואָרשטלעך און זעצט זיך אַוועק, עסט אויף די וואָרשטלעך, באַצאָלט און גוד בײַ.

ב

פאַראַן אָבער אַזעלכער, וואָס איז ניט קיין איידלמאַן. עס מאַכט זיך אַמאָל אַ גראָבער נעפעש. קאָכט ער אויס דאָס וואַסער. דאָס זענען אים די קישקעלעך ניט גענוג הייס. דאָס פעלט אים זענעפט. און אַז ער רעדט, זאָגט ער ניט, ווי אַ מענטש: „זײַט זשע מויכל, גיט מיר נאָך אַ פּאָרציע." נאָר ער טוט אַ פּײַף, אָדער אַ קנאַק מיט די פינגער און אַ הוק: „סעי, ווייטער! גיוו מי נאָך אַ פּאָרציע!" און מײַן ברודער עליע איז ניט געוווינט געוואָרן, מע זאָל צו אים אַזוי רעדן. ווערט ער אָנגעצונדן. ער ענטפערט ניט אַזאַ גראָביאַן. ווערט דער גראָביאַן אין קאַעס און שרײַט נאָך העכער: „סעי, פּראָפעסאָר! קאַם היִער!" ענטפערט אים דעמלט עליע: „וואָס פאַר אַ פּראָפעסאָר בין איך אײַך?"... ווערט יענער נאָך מער אין קאַעס און צעשרײַט זיך. דערהערט דער באַלעבאָס. קומט ער צו צו מײַן ברודער

וואָס פאר א פראָפעסאָר בין איך אייבז..

און פרעגט אים: „וואט איז די מערדער וויט יו?" דאָס הייסט: וואָס טוט זיך עס מיט דיר?.. ענטפערט אים ניט עליע. פרעגט אים דער באַלעבאָס: „פאַרוואָס ענטפערסטו ניט, אַז מע פרעגט דיך?" זאָגט אים עליע: „פרעגט מיך ווי אַ מענטש, וועל איך אײַך ענטפערן." פרעגט אים דער באַלעבאָס: „וועלכס הייסט ווי אַ מענטש?" ענטפערט אים עליע: „אַ מענטש רעדט אויף יידיש"... פרעגט אים ווידער דער באָס: „און אַז איך רעד אויף ענגליש, בין איך אַ פּיפּערנאָטער?"... ענטפערט אים עליע: „עס קאָן זײַן"...

— אויב אַזוי, — זאָגט צו אים דער באָס, — קריגסטו די סעק. דאָס הייסט, דו קאָנסט מאָרגן זיצן אין דער היים...

ג

„דעם דריטן טאָג אַ שטיקל ברויט, אַבי ניט פּאַרקויפן קיין קישקעלעך." אַזוי זאָגט מײַן ברודער עליע. אונדזער כאַווער פּיניע שטימט מיט אים ניט אײַן. פּיניע גייט מיט דעם גאַנג, אַז אַמעריקע איז אַ פרײַע מעדינע. אַז אין אַמעריקע באַדאַרף אַלצדינג אָנשטיין. און טאָמער ווילט איר אים איבערשפּאַרן, הייבט ער באַלד אָן מיט זײַנע מיליאָנערן: „קאַרנעגי... וואַנדערבילד... ראָקענפעלער"... פרעגט אים עליע:

— פונוואַנען קענסטו זיך מיט די דאָזיקע לײַט?

ענטפערט אים פּיניע אָפּ:

— לעמײַ פונוואַנען ווייס איך, וואָס אין דעם רוסישן „הויף" טוט זיך?

פרעגט אים ווידער עליע:

— נו יאָ, פונוואַנען ווייסטו דאָס?

ענטפערט אים פּיניע אָפּ:

— זאָלסט לייענען אַזויפיל ראָמאַנען, ווי איך, וואָלסטו עפּשער אויך געוווּסט...

ד

דאָס מיינט פּיניע די ביכער, וואָס ער לייענט בײַ אונדזער מוישע דעם אײַנבינדער. זיי זענען געדרוקט אויף פּראָסט יידיש. און גראָב זענען זיי. און שווער. שווערער פון דער מאַמעס טײַטש-כומעש.

מוישע דער אײַנבינדער גיט זיי אפ איבערלייענען. ער מאכט דערפון א לעבן. וואָרעם איין בוך לייענען עפּשער הונדערט מענטשן. צום מיינסטן, ווײַבער. ווײַבער האָבן ליב ראָמאַנען. מײַנע שוועגערן בוראָכע לייענט זיי אלע שאַבעס באַטאָג, ווי א וואַסער. מײַן מאמע און פּיניעס ווײַב טײַבל האָבן ליב צו הערן, ווי בראָכע לייענט. די מאמע ווערט באַלד אנשלאָפן. נאָר טײַבל הערט און זיפצט. אמאָל וויינט זי. זי האָט א ווייך האַרץ. ס'זאָל ניט זײַן שאַבעס און מע זאָל מעגן, וואָלט איך אויסגעמאָלט מיט א פּענדזל אפ פּאַפּיר, וויאַזוי בראָכע לייענט, און וויאַזוי די מאמע שלאָפט, און וויאַזוי טײַבל וויינט...

נאָר מיר האָבן זיך א ביסל פאַרעדט, און מיר ווייסן נאָך אלץ ניט, וויאַזוי גאָט שיקט צו די רעפּוע פאַר דער מאַקע.

ה

פריִער — וועגן דער מאַקע. געוויס איז דאָס א מאַקע, אַז א יונגערמאַן, ווי מײַן ברודער עליע, גייט אַרום אָן א שטאָך אַרבעט. ער קאָן ניט טאָן דאָס, וואָס אונדזער כאַווער פּיניע טוט. פּיניען, לעמאָשל, שטייט אָן נעמען א לאָפּעטע ווינטער און רייניקן דעם שניי פון דער סטריט. עליע זאָגט, אַז ער וואָלט אויך געגאַנגען רייניקן דעם שניי, נאָר ניט אין סטריט. זאָגט צו אים פּיניע: „וואָס דען האָסטו געוואָלט? מע זאָל דיר אַרײַנטראָגן דײַן פּאַרציע שניי אין שטוב אַרײַן?" ברענט דאָס עליען, וואָס פּיניע איז אופּגעלייגט.

— אַפּאָנעם, ס'איז דיר גוט, וואָס דו זאָגסט ווערטלעך? — טוט אים עליע א זאָג און באַקומט פון אים אַן ענטפער:

— שור איז מיר גוט, אַז איך דערמאָן זיך, אַז איך בין אין אמעריקע...

— א גדולע אַפּ דײַן באָבען! — זאָגט עליע, און פאַר האַרצווייטעק גייט ער אַוועק גאָר אין שול אַרײַן, אין קאַסרילעווקער בעסמעדרעש. און דאָ, אין קאַסרילעווקער בעסמעדרעש, קומט די רעפּוע צו דער מאַקע. וויאַזוי? וועט איר הערן א שיינס.

ו

מיר דאַכט, איך האָב אײַך שוין אמאָל דערציילט, אַז אין דעם זומער, וואָס מיר האָבן זיך אַרומגעשלעפּט איבערן לאָנדאָנער ווײַטשעפּעל,

פיניען, לעמאָשל, שטייט אָן נעמען א לאָפּעטע ווינטער און ריייניקן דעם שניי...

איז דערווײַל אינ דער אלטער היימ, אינ אונדזער ליבנ קאסרילעווקע, אויסגעבראָכנ א קאָפּל-שמוינעדיקער פּאָגראָמ מיט א סרייפע א צוגאָב. וואָס מע האָט געקאָנט ראַבעווענ, האָט מענ גערױבעוועט. וואָס מע האָט געקאָנט צעברעכנ, האָט מענ צעבראָכנ. דאָס איבעריקע האָט מענ אונטערגעצונדנ אונ פאַרברענט. מײלע, פונ אָרעמעלײַט שמועסט מענ ניט. אכוץ די עטלעכע קישעלעכ האָבנ זיי ניט געהאט וואָס צו פאַרלירנ. זיי האָבנ געדאַנקט גאָט, וואָס זיי זענענ כאָטש ארויס מיטנ לעבנ. וואָרעמ עס זענענ געווענ אזעלכע, וואָס האָבנ געכאַפּט קלעפּ, אונ אזעלכע, וואָס זענענ פונ די קלעפּ געשטאָרבנ. אָרעמע אײפּעלעכ נעבעכ זענענ א טייל צעריסנ געוואָרנ פונ די כוליגאַנעס, אונ א טייל זענענ אויסגעגאַנגענ פונ הונגער. נאָר פונ די רעדט מענ ניט. רעדנ רעדט מענ פונ יענע, וואָס ערשט נעכטנ זענענ זיי געווענ נעגידימ, גווירימ, אדירימ, אונ הײַנט זענענ זיי געבליבנ קאַפּצאָנימ, דאַלפּאָנימ, אנײִימ וועעווױנימ [1], אָנ א העמד אפנ לײַב אונ אָנ א שטיקל ברויט. אָט פונ די דאָזיקע געפאַלענע אז מע טוט א טראַכט, — אזוי זאָגנ אונדזערע לײַט, — גייט איבער א פראָסט איבערנ לײַב! פאַרוואָס גייט ניט איבער קיינ פראָסט איבערנ לײַב, אז מע טוט א טראַכט וועגנ די אָרעמעלײַט אונ וועגנ זייערע אָרעמע אײפּעלעכ, וואָס זענענ צעריסנ געוואָרנ פונ די כוליגאַנעס אונ וואָס זענענ אויסגעגאַנגענ פאַר הונגער? — דאָס קאָנ איכ ניט פאַרשטיינ. מײַנ כאַווער מענדל אויכ ניט. ער זאָגט, אז די קאסרילעווקער ייִדנ האָבנ שוינ אזא טעווע: אנ אָרעמאַנ, אז ער גייט אויס פונ הונגער, איז בא זיי גאָרניט. אונ א נאָגיד, אז ער ווערט א קאַפּצנ — כאַפּט זיי אוועק דער רועכ!..

ז

בעקיצער — צווישנ אונדזערע קאסרילעווקער נעגידימ, גווירימ, אדירימ איז געווענ אײנער מיטנ נאָמענ מוישע-נויעכ. אכוץ וואָס ער האָט געהאַט אנ אײגענע שטוב מיט א הויפ, מיט א גאָרטנ, איז ער גלאַט געווענ א גוויר. א סימענ: זומער פלעגט ער ארומגיינ אינ די גאַטקעס. דאָס הייסט, אינ די אונטערהויזנ. אונ אפ די אונטערהויזנ — א כאַלאַט. א ייִד אנ אָרעמאַנ וועט ניט וואַגנ באַווײַזנ זיכ אינ די

---

1 אָרעמעלײַט.

אונטערהויזן. מיסטאמע, דאַרף מען רעכענען, איז ער טאַקע, א ייִד א גוויר — וועמען הערט ער?.. הײַנט ווייסט די גאַנצע וועלט, אַז פֿון זײַן מאַמע איז אים געבליבן בירושה דרײַ קליטן אינמיטן מאַרק. און א בהמה האָט ער געהאַט אַלעמאָל א מעלקעדיקע. די דרײַ קליטן האָבן אים געגעבן אַרײַנגעטראָגן צום לעבן. נאָך איבערגעגעבן. פֿונדעסטוועגן האָט זײַן ווײַב נעכאַמע-מירל (מע האָט זי גערופֿן „דעכאַבע-בירל״, דערפֿאַר וואָס זי האָט א פֿאַרלייגטע נאָז) געשלעפּט פֿון דער מעלקעדיקער בהמה קימאַט די גאַנצע הוצאָה פֿון דער שטוב. און בכדי מע זאָל איר ניט געבן קיין עין-הרע, האָט „דעכאַבע-בירל״ ליב געהאַט זיך קלאָגן, אַז איר „בהייבע״ האָט זיך אויפֿגעהערט צו „בעלקן״ און זי גיט ניט קיין „בילך״... נאָר קאַסרילעווקע נאַרט מען ניט אָפּ. אַלע האָבן געוווּסט, אַז ס׳א ליגן — די בהמה האָט זיך ניט אויפֿגעהערט צו מעלקן און זי גיט מילך... הײַנט שטעלט אײַך פֿאָר, אַז אַזאַ ייִד, ווי מוישע-נויעך, אַנטלויפֿט קיין אַמעריקע, א נאַקעטער, א באָרוועסער, ווי די מאַמע האָט אים געהאַט, — זאָל מען אָפּ אים ניט האָבן קיין רחמנות? נאָר וואָס קאָן טאָן מוישע-נויעך אין אַמעריקע? ער וועט דאָך ניט גיין אַרבעטן אין א שאַפּ. זײַנע קינדער אויך ניט. האָבן זיך די חבֿורה „אנשי כתרילעווקע״ אָפּ אים אַרומגעקוקט און האָבן אים געמאַכט פֿאַר א שמשׂ אין עם קאַסרילעווקער בית-המדרש.

ח

אין אַמעריקע א שמשׂ זאָלט איר ניט אויעקמאַכן מיט דער האַנט. אין אַמעריקע א שמשׂ לעבט שענער ווי אין קאַסרילעווקע א בעל-הבית. פֿון יאָרצײַטן אַליין קאָן מען דאָ ניסאַשער ווערן. מע האַלט דאָ זייער שטאַרק פֿון יאָרצײַטן. א גאַנץ יאָר דאַוונט מען דאָ ניט. מע האָט קיין צײַט ניט. „טײַם איז מאָני״ — צײַט איז געלט. אַזוי גייט דאָ דאָס לשון. נאָר אַז איינער האָט יאָרצײַט — וואַרפֿט ער אַוועק אַלע ביזנעס און לויפֿט אין שול אַרײַן. און פֿון שול לויפֿט ער אַוועק אין א ייִדישן רעסטאָראַנט און הייסט זיך געבן א קאָשערן אָנבײַסן, וואָרעם ער האָט יאָרצײַט. און ווי באַלד ער האָט יאָרצײַט, לעקט אָפּ דער שמשׂ א ביינדל. און ווער שמועסט א באַרמיצווע — דעמלט פֿאַלט שוין אַרײַן דעם שמשׂ גאָר א גראָבס. בײַ אונדז,

אין דער אַלטער היים, אַז אַ ייִנגל ווערט בּאַרמיצווע, טוט מען אים אָן טפילין און ער מוז שוין גיין אַלע טאָג דאַווענען. דאָ, אין אַמע־ריקע, אַ בּאַרמיצווע — איז אַ יאָמטעוו. מע טוט אָן דעם בּאָכער׳ל אַ טאַלעסל. מע רופט אים אויף, ווי אַ כאָסן, צו דער טוירע. ער קווי־טשעט אויס, ווי אַ יונג האָנעכל, די האַפטוירע. דערנאָך הייבּט ער אויף די הענטלעך און בּעלעבּעטשעט עפּעס אַ דראָשע, אויסגעכאַזערט אויף אויסווייניק, און דאַפקע אויף ענגליש. כאַס־ווע־כאָלילע ניט אויף ייִדיש. דערנאָך גייט צו דער ראַבּינער (דאָ הייסט ער „ראַבּיי”, און גייט געגאָלט דאָס גאַנצע פּאָנעם, און זעט אויס ווי בּאַ אונדז אַ פּוילישער קסיאָנדז). ער לייגט אַרויף די בּרייטע אַרבּל אויפן בּאַרמיצווע און בּענטשט אים „יבֿרכך” [1]...

ט

קורץ, מוישע־נויעך האָט אַ גוטן דזשאָבּ. איין זאַך נאָר, וואָס ער מוז נעבּעך אַליין גיין צו די בּאַלעבּאַטים קאָלעקטן. דאָס הייסט, איינמאָנען די „בּעבור־שנדרס”[2] מיט די דיוס. דאָס הייסט, דאָס כוידעש־געלט פון די בּאַלעבּאַטים. נו, פּאַסט דאָס פאַר אַ ייִדן, וואָס איז ערשט ניט לאַנג געווען אַ נאָגיד, — זאָל גיין קאָלעקטן? זיין ווייבּ „דעכאַבּע־בּירל” האָט אויש געוויינט פאַר מיין מאַמען, אויסגעגאָסן איר גאַנץ בּיטער האַרץ פאַר איר. זי האָט געזאָגט: „איר בּעגט מיר גלייבּן בּעדעבּאָדעס, אַז איטלעכס בּאָל, וואָס בּייַד באַד דאַרף גייד בּאָדעד בּאַאַוור־שעדאָדאַרס זעט ער זיך בּיט׳ד בּאַלעכ־האַבּאָוועס...” איך האָבּ מוירע, אַז קיינער פון אייַך וועט ניט פאַרשטיין אַזאַ לאָשן. עפּעס קומט דאָס אויס טאַרגום. מוז מען אייַך איבּערזעצן: „איר מעגט מיר גלייבּן בּענעמאָנעס, אַז איטלעכס מאָל, וואָס מיין מאַן גייט מאָנען בּאַאַוור־שענאָדאַרס, זעט ער זיך מיטן מאַלעכ־האַמאָוועס”... אויס־געהערט פון נעכאַמע־מירלען איר בּיטער האַרץ, גיט איר מיין מאַמע אַ גלייַכע אייצע, אַז איר מוישע־נויעך זאָל נעמען מיין בּרודער עליע פאַר אַ קאָלעקטאָר. אים וועט דאָס זיין אַ הילף, און מיין בּרודער וועט מאַכן אַ לעבּן... פאַרשטייט זיך, אַז מוישע־נויעך האָט זיך אָנ־

[1] „יעוואָרעכעכאָ” — ער (גאָט) זאָל דיך בּענטשן.
[2] „בּאַאַוור־שענאָדאַרס”.

געכאפט אינ דעמ פלאנ מיט בײדע הענט. מײַנ ברודער עליע האָט זיכ אפילע צומ אָנהײב א ביסל געקווענקלט. ס'איז אימ נאָכ געווענ א ביסל פריקרע. איז אונדזער כאווער פיניע אימ געקומענ צו הילפ. ער האָט זיכ צעלאָזט מיט זײַנ לאָשנ, ווי ער קאָנ. ער האָט אוועקגעגעבנ עליענ א רעכטע פאָרציע:

— איכ פארשטײ ניט, וואָס איז מיט דיר די גרויסקײַט? מיט וואָס ביסטו מער מעיוכעס פונ קארנעגי, ראָקענפעלער, וואנדערבילד?.. אונ — פאשאָל!

פיניע, אז ער וויל, קאָנ ער!

י

ווער וואָלט זיכ עס, אשטײגער, גערעכט, אז פונ אזא קלײנעמ דזשאב, ווי זײַנ א קאָלעקטאָר בא א שאמעס פונ א שול, זאָל זיכ אויספיקנ מיט דער צײַט א סאכ א גרעסערער דזשאב? אונ ניט אײנ דזשאב, נאָר צווײ דזשאבנ. אײנ דזשאב אלס קאָלעקטאָר פונ א פוירניטשור-ביזנעס פאר מײַנ ברודער עליע. אונ דער אנדערער דזשאב אלס קאָלעקטאָר פונ א אינשורענס-קאָמפאניע — פאר אונדזער כאווער פיניע. נאָר איכ זע, נאָכ אײַערע פענעמער, אז איר הײבט ניט אָנ צו פארשטײנ, וואָס איז אזעלכעס „פוירניטשור" אונ וואָס איז „אינשורענס". וואַרט מיר צו א ווײַלע — איכ וועל אײַכ אלצדינג דערקלערנ.

XIV

מיר קאָלעקטנ

א

דערפאר איז גוט אינ אמעריקע, וואָס אלצדינג טראָגט מענ ארײַנ אינ שטוב ארײַנ. אונ אלצדינג גיט מענ אײַכ דאָ אפ אויסצאָלנ. פאר אײנ טאָלער א וואָכ קאָנט איר אײַכ אויסמעבלירנ אײַער שטוב, ווי א גראפ. דאָ זאָגט מענ ניט „אויסמעבלירנ". דאָ זאָגט מענ: „אויס-פוירנישנ". וואָרעמ מעבל הײסט דאָ „פוירניטשור". פונוואנענ שטאמט דאָס וואָרט „פוירניטשור" — ווײס איכ ניט. מײַנ ברודער עליע דענקט

אז דאָס דארף וואקסנ פונ צוויי ווערטער: „פאָרניט״ — פונ פאָרנט, אונ „טשער״ — א בענקל, א שטול. זאָגט אָבער אונדזער כאָווער פיניע, אז עס הייבט זיכ גאָר ניט אָנ. ערשטנס, וואָס עפּעס פונ פאָרנט, פארוואָס ניט פונ הינטנ? אונ פארוואָס עפּעס גראָד א שטול, פארוואָס ניט קיינ שפּיגל? אונ צווייטנס, זאָגט מענ דענ פאָרניטשער? מע זאָגט דאָכ גאָר „פוירניטשער״. אונ דריטנס, מע זאָגט ניט „פוירניטשער״, נאָר „פוירניטשיר״ — מיט א כיריק [1]. זאָגט אימ עליע, אז נאָר א מעשוגענער וועט זאָגנ „פוירניטשיר״ מיט א כיריק. א קלאָרער מענטש וועט אלעמאָל זאָגנ מיט א סעגל [2] — „פוירניטשער״. אזוי לאנג האָבנ זיי זיכ געשפּארט אונ געאמפּערט, עס האָט שוינ קימאט געהאלטנ בא פּעטש. א גליק, וואָס בראָכע איז דערביי געווענ, האָט זי ניט דערלאָזט. ביז ס׳איז געבליבנ, מע זאָל א פרעג טאָנ בא אנ עמעסנ אמעריקאנער. דאָס הייסט, טאקע בא א יידנ, נאָר בא אזא יידנ, וואָס איז ניט קיינ גרינער. דאָס הייסט, אזעלכער, וואָס איז שוינ דאָ אינ לאנד כאָטש א יאָר עטלעכע אונ צוואנציק. לאָזט זיכ אויס, אז דאָס וואָרט פוירניטשער לייגט זיכ ניט אויס ניט מיט א כיריק אונ ניט מיט א סעגל, נאָר מיט א מעלופּמ [3]. דאָס הייסט, מע דארפ גאָר זאָגנ „פוירניטשור״. הייַנט גייט זייַט א כאָכעמ!

ב

קיינער קויפט דאָ ניט א זאכ פאר מעזומענ געלט. סייַדנ אזא ייד, ווי דזשייקאָב שיפ. ער איז דער רייַכסטער מענטש, זאָגט מענ, אינ אמעריקע. רייַכער פונ אימ איז שוינ ניטאָ. אזוי זאָגט מייַנ ברודער עליע. אונ אונדזער כאָווער פיניע דרינגט, אז נייִנ. ער זאָגט, אז קארנעגי איז א סאכ רייַכער. וואנדערביילד — אוואדע. אונ ראָקענפעלער — אוואדע אונ אוואדע! זאָגט אָבער עליע: לוי מיט א ספּאָדעק! יענע זענענ עפּשער רייַכער אינ ערד, אינ אימעניעס. אָבער אינ מעזומענ געלט — בלאָטע! — איז שיפ רייַכער פונ זיי אלע. הייבט שוינ פיניע אָנ ארויס פונ די קיילימ אונ צעשרייַט זיכ אפ מייַנ ברודער עליענ, אז ער ווייסט ניט, וואָס ער רעדט. וואָס ראָקענפעלער צעשענקט

---

1 „רִ״

2 „עֶ״.

3 „וּ״.

א יאָר נעדאָוועס נאָר, פאַרמאָגט דאָס עפּשער ניט שיף אף זײַן מאַיאָנטעק. ווערט שוין מײַן ברודער עליע אין קאַעס און זאָגט אף פּיניען, אז ער איז א סוינע־ייִסראָעל, אן אנטיסעמיט, וואָרעם אפילע ס׳זאָל זײַן עמעס, אז ראָקענפעלער זאָל זײַן רײַכער פון שיפן, דאַרף ער אויך זאָגן, אז שיף איז רײַכער. וואָרעם ראָקענפעלער איז א גוי, און שיף איז א ייִד. צעלאָזט זיך פּיניע און זאָגט:

— און אז שיף זאָל זײַן דרײַ מאָל א ייִד, דעריבער זאָל איך זאָגן א ליגן? דו פאַרגעסט זיך, עליע, צו אָפט, אז מיר זענען אין אמעריקע, און אז אמעריקע האָט פײַנט בלאָף!

—אזויפיל מאַקעס זאָל זיך זעצן אונדזערע סאָנים אף אזא אן אָרט, ווי איך ווייס, און אזויפיל גוטע יאָר זאָלן מיר אלע האָבן, וויפל ליגונים עס ווערט אויסגערעדט א טאָג נאָר אין ניו־יאָרק אליין, אַחוץ ברוקלין און אַחוץ בראָנזוויל און אַחוץ די בראָנקס!

אזוי זאָגט מײַן שוועגערן בראָכע, און זייער שפּאַרן זיך נעמט א סאָף.

ג

וויבאלד, אז מע גיט פּוירניטשור (געדענקט זשע, אז מע דאַרף זאָגן „פּוירניטשור״) אף אויסצאָלן צו טאָלער א וואָך, דאַרף מען דאָך האָבן מענטשן, וואָס זאָלן ארומגיין פון שטוב צו שטוב אײַנמאָנען די טאָלערס. איז דערוף געשטעלט געוואָרן קאָלעקטאָרס, וואָס גייען ארום קאָלעקטן די טאָלערס. קאָלעקטאָרס זענען דאָ א סאך. יעדער קאָלעקטאָר האָט זיך זײַן „ראוט״, זײַנע הײַזער, ווי ער גייט ארום קאָלעקטן. זײַן ארבעט איז אָנקלאַפּן אין דער טיר. דערנאָך קומט ער ארײַן און זאָגט: „גוד מאָרנינג!״ — דאָס הייסט: א גוט־מאָרגן. דערנאָך זאָגט ער: „ווערי נײס דעי״ — דאָס הייסט: זייער א שיינער טאָג!.. דערנאָך גיט ער אײַך ארויס א קוויטאנציע, נעמט אָפּ דעם טאָלער און זאָגט: „גוד בײַ״. מער דאַרף ער ניט רעדן. און דאָס היטל אראָפּנעמען איז אויך ניט נייטיק. דאָ איז עס ניט קיין מאָדע. איר קאָנט ארײַנגיין אינעם רײַכסטן הויז אין א היטל, און מיט די קאלאָשן אף די שטיוול, און איר קאָנט אײַך בייס־מײַסע פּיפּקען א סיגארעט, אָדער פײַפן א ניגן, אָדער קײַען אײַער טשוינגאָם. קיינער וועט אײַך ניט זאָגן קיין קרום וואָרט. ס׳איז אמעריקע.

ד

מײַן ברודער עליע איז גאַנץ צופֿרידן פֿונעם דזשאָב. אַ סך שענער, ווי שטיין אין דער „קאָלבאַסנע” און פֿאַרקויפֿן קישקעלעך. און פֿאַרדינען פֿאַרדינט ער אויך אַ סך מער. ווי וואַסער אַ וואָך. אַמאָל מאַכט ער אַכט טאָלער אַ וואָך. אַמאָל צען. און אַמאָל צוועלף. עס ווענדט זיך אין דער „פּאַגאָדע”, אינעם וועטער הייסט דאָס. בײַ אַ גוטן וועטער קאָן מען גיין צופֿוס. בײַ אַ שלעכטן וועטער — מוז מען אונטערפֿאָרן מיט דער קאַר. קאָסט דאָס אַ ניקל. נאָר אַזעלכע ניקלס גייען ניט אַוועק בײַ מײַן ברודער קיין סך. וואָרעם בעטעווע איז עליע אַ מענטש אַן אײַנגעהאַלטענער. גאָר ניט דאָס, וואָס פּיניע. אונדזער פּיניע האָט שוין אַ סך אַ ברייטערע האַנט. זעלטן ווען ער גייט צופֿוס. ער מוז, זאָגט ער, פֿאָרן, וואָרעם ער האָט אַ נידעריקע ריִע. אים קאָן מען גרינג איבערפֿאָרן. ניט אַזוי נאָך צוליב זײַן קורצזיכטיקייט, ווי צוליב דעם, וואָס ער איז אַ פֿאַרטראַכטע בריִע. דער קאָפּ טראָגט אים. און דערצו קאָן ער ניט באַגיין זיך אַ מינוט אָן דעם, ער זאָל ניט אַרײַנקוקן אין אַ בוך, אָדער אין אַ „פּייפּער”. און אַמאָל מאַכט זיך, אַז ער האַלט סאַמע אינמיטן שרײַבן. דאָס הייסט, ער גייט אַרום און טראַכט — ער הערט גאָרניט, וואָס מע רעדט צו אים. דערנאָך כאַפּט ער אַ פּענדזל אָדער אַ טינט-און-פּען און הייבט אָן שרײַבן, קאָן ער אײַך באַשרײַבן עפּשער צען בויגן פּאַפּיר פֿון אַלע זײַטן. וואָס ער האָט דאָרטן אָנגעשריבן, און וואָס טוט ער מיטן אָנגעשריבענעם — דאָס ווייסט קיינער ניט. אַפֿילע זײַן ווײַב טײַבל אויך ניט. אַז מײַן ברודער עליע פֿרעגט אים, וואָס ער האָט אָנגעשריבן, ענטפֿערט ער אים:

— מירן עלטער ווערן, וועלן מיר וויסן...

מיר זענען שוין אַ היפּש ביסל עלטער געוואָרן, און מיר ווייסן נאָך אַלץ גאָרנישט.

ה

פֿונדעסטוועגן שאַט דאָס ניט אונדזער כאַווער פּיניען, ער זאָל מאַכן אַ לעבן. און נאָך ווי מאַכן אַ לעבן! אונדזער פּיניע איז אויך אַ קאָלעקטאָר. נישט בײַ פֿוירניטשור, נאָר בײַ „אינשורענס”. בײַ אונדז ווערט דאָס אָנגערופֿן „סעקוראַנץ”, אָדער „פֿאַרזיכערן זיך פֿונעם

טויט". דאָ פאַרזיכערנ זיכ אַלע. יונג אונ אַלט, ווײַבער אונ קינדער, טאַטעס אונ מאַמעס, שוועסטער אונ ברידער, זיידעס אונ באַבעס. אונ אויכ נישט פאַר מעזומענ, נאָר אַפּ אויסצאָלנ. פונ אַ ניקל ביז אַ טאָלער אַ וואָכ. וואָס די סומע פונ די אינשורענס איז גרעסער, דאַרפט איר אַלצ מער צאָלנ. פאַראַנ הײַזער אַזעלכע, וווּ אַלע מענטשנ, פונעמ עלטערזיידנ ביזנ אוריינִיקל, זענענ אַלע פאַרזיכערט פונעמ טויט. אונ טאָמער זענענ נאָכ ניט אַלע פאַרזיכערט, דאַרפ דער קאָלעקטאָר זענ דעמ ניט-פאַרזיכערטנ צו פאַרזיכערנ. וואָס הייסט דאָס „פאַרזיכערנ" אונ וויִאַזוי פאַרזיכערט מענ אַ מענטשנ פונעמ טויט — ווייס איכ ניט אַקוראַט. איכ ווייס נאָר, אַז מײַנ ברודער עליע האָט זיכ אָפּגעזאָגט פונ דעמ דזשאַב. ער האָט בעסער אויסגעקליבנ דעמ דזשאַב פונ פוירניטשור. פאַרוואָס? ווײַל בײַ פוירניטשור קאָלעקטנ דאַרפ מענ נאָר באַנוצנ, ווי איכ האָב אײַכ שוינ געזאָגט, די ווערטער: „גוד מאָרנינג" אונ „גוד בײַ". אונ בײַ אינשורענס דאַרפ מענ רעדנ, צורעדנ, פאַרעדנ אונ איבערעדנ. דערופּ איז מעסוגל נאָר אונדזער כאַווער פּיניע. ער קאָנ איבערעדנ אַ וואַנט. ער קאָנ מאַכנ רעדנדיק אַ טויטנ.

ו

בײַ אונדזער כאַווער פּיניע מאַכט ניט אויס, ווער איר זענט אונ וואָס איר זענט. פונ וואָס איר זאָלט ניט רעדנ — ער מוז אַרופּ אַפּ זײַנעמ. זענט איר אַ פאַרזיכערטער — מעגט איר דאָכ רעדנ פונ פאַרזיכערונג. זענט איר נאָכ ניט פאַרזיכערט — דאַרפט איר דאָכ אַוואַדע רעדנ פונ פאַרזיכערונג. אונ קוימ לאָזט איר זיכ רעדנ, וועט איר זיכ שוינ פונ פּיניעס הענט ניט אַרויסדרייענ. ער וועט אײַכ שוינ פאַרזיכערנ. אונ אויב ניט אײַכ — איז אײַער ווײַב. אײַער קינד. אײַער זיידנ. אײַער שוויגער. אײַער קוזינ. אײַער שאָכנ (דאָ זאָגט מענ ניט „שאָכנ". דאָ זאָגט מענ „נעקסטדאָריגער"). דאָס הייסט, איר פאַרזיכערט זיכ, אַז טאָמער שטאַרבט אײַער נעקסטדאָריגער פריִער פונ אײַכ, באַקומט איר פונ דער קאָמפּאַניע אַ שיינע פּאָר הונדערט טאָלער. אונ דער נעקסטדאָריגער פונ זײַנ זײַט פאַרזיכערט זיכ אויכ. דאָס הייסט, בעימ כאָלילע איר שטאַרבט אַוועק פריִער פונ אימ, באַקומט ער פונ דער קאָמפּאַניע אַ פּאָר הונדערט טאָלער. צאָלנ צאָלט

איר ביידע דער קאָמפּאַניע צו קוואָדער[1] א וואָך. איר זענט ניט מע־כויעוו צו גיין אין דער קאָמפּאַניע. די קאָמפּאַניע טרעפט שוין צו אײַך. ניט אליין — דורך איר קאָלעקטאָר. פיניע קומט צו אײַך און קאָלעקטעט אײַן אײַערע קוואָדערס. ער קריגט דערפון פופצן פּראָ־צענט קאָמישאָן[2].

ז

דאָס איז פאַרן קאָלעקטן. און אויב ער פאַרזיכערט אײַך איבערא־נײַס, דאָס הייסט, אויב ער „שרײַבט אײַך א נײַע פּאָליסי" (אזוי גייט דאָ די שפּראַך), באַקומט פיניע דער אײדזשענט[3] פופצן מאָל אזוי־פיל. דאָס וועט הייסן, אז טאָמער צאָלט איר א קוואָדער פּרעמיע, באַ־קומט דער אײדזשענט פון דער קאָמפּאַניע אין איין קלאַפּ פופצן קוואָדערס! אנו, רעכנט אויס, זײַט מויכל, וויפל דאָס מאַכט?! הײַנט שטעלט אײַך פאָר, אז טאָמער געראָט דאָס אונדזער כאַווער פיניען צו שרײַבן צוויי, אָדער דרײַ, אָדער מער פּאָליסעס א טאָג, און אלע צו קוואָדערס! דאָס איז דאָך א גאַנצער מאַיאָנטעק!..

— ווײ איז מיר! איר וועט דאָך אָנשיטן אָט די שטוב מיט גאָלד! — אזוי זאָגט צו אים מײַן שווער בראָכע, און טײַבל ווערט אזש רויט, קוקנדיק אָפּ איר פיניען, ווי ער שלעפּט די קוואָדערס מיט די ניקלס פון אלע קעשענעס.

— וואָס דען מיינט איר? — ענטפערט איר פיניע און לייגט צו־נויפּ די קוואָדערס באַזונדער און די ניקלס באַזונדער. — איר מיינט, אז קאַרנעגי, וואַנדערבילד און ראָקענפעלער זענען געבוירן געוואָרן מיט זייערע מיליאָנען?..

ח

ווו נעמ איך איצט א ווײַסן בויגן פּאַפּיר? איך וואָלט מיט א שוואַרצער קויל אָנגעוואָרפן אזא מין בילד: א טיש. אויבנאָן זיצט די מאַמע, צונויפגעלייגט די הענט. נעבן איר, פון איין זײַט, שטייט בראָכע. א הויכע, א לאַנגע, מיט גרויסע פיס. פון דער אנדערער זײַט — טײַבל. א קליינינטשקע, א דאַרינקע, א פערטל אָפּ. ביידע אַר־

1 א פערטל דאָלער.
2 קאָמיסיע.
3 אַגענט.

בעסנ זיי. איינע גייט, די אנדערע שטרײַפט. בא איינ עק טיש שטייט מײַנ ברודער עליע, א באוואקסענער מיט א באָרד. האלט א באָנטש קארטלעכ אינ איינ האנט אונ א פעקל פאפירענע טאָלערס אינ דער צווייטער האנט. דאָס האָט ער אָנגעקאָלעקטעט דורכנ טאָג. אונ באם אנדערנ עק טיש שטייט אײַנגעבויגנ אונדזער כאווער פיניע, א געגאָלטער, אנ עכטער אמעריקאנער. ער שלעפט פונביידע קעשענעס די קוואָדערס מיט די ניקלס. אונ מאכמעס ער האָט א נידעריקע ריִע, טראָגט ער צו יעדנ קוואָדער מיט יעדנ ניקל גלײַכ צו דער נאָז. אפנ טיש שטייענ שוינ צוויי הויכע קופקעלעכ. איינ קופקעלע איז פונ סאמע קוואָדערס, דאָס אנדערע קופקעלע איז פונ לויטער ניקלס. אונ פיניע איז נאָכ ניט פארטיק. ער האָט נאָכ אונ נאָכ. דאָס קאָנ מענ ארויסזענ דורכ די הויזנ-קעשענעס, וואָס זענענ פול. זענענ געשוואָלנ. זיי ווערנ אזש צעשפארט...

ט

נישטאָ קיינ אייביקע זאכ אפ דער וועלט, אונ א מענטש איז קיינמאָל ניט צופרידנ מיט דעמ, וואָס ער האָט. עס איז אונדז נימעס געוואָרנ דאָס ארומגייענ קאָלעקטנ די פרעמדע טאָלערס מיט די פרעמדע קוואָדערס אונ ניקלס. בעסער קליינע בולקעלעכ אייגענע, איידער גרויסע קוילעטשנ פרעמדע. אזוי זאָגט מײַנ שוועגערנ בראָכע. פריִער האָט געוואָרפנ אנ אומכיינ אפנ קאָלעקטנ מײַנ ברודער עליע. עס האָבנ זיכ אימ צוגעגעסנ די ביזנעס. אונ ניט אזוי די ביזנעס, ווי די קאָסטאָמערס. אנדערע קאָסטאָמערס האָבנ אופגעהערט צאָלנ. זיי האָבנ געזאָגט: „נעמט אײַכ צו אײַער פוירניטשור, מיר דארפנ עס אפ קאפאָרעס"... אנדערע האָבנ געהאט א טײַנע, לעמײַ די בעט סקריפעט? לעמײַ דער שפיגל באווײַזט צוויי פענעמער? לעמײַ די קאמאָדע וויל זיכ ניט עפענענ אונ ניט פארמאכנ? אונ לעמײַ יעדעס בענקל וועגט דרײַ פונט? אונ אז מע זעצט זיכ אוועק, איז ווי אפ צוויעכעס!.. אונ אנדערע ווידער זענענ זיכ מעיאשעוו אונ מופנ גאָר ארויס. דאָס הייסט, זיי קלויבנ זיכ איבער אפ אנ אנדער סטריט — אונ גיי זוכ זיי! נאָר ערגער פונ אלצ איז אָט וואָס: פאראנ אזעלכע, וואָס האָבנ זיכ אונטערגענומענ צאָלנ וואָכ-געלט. אז זיי האָבנ געקאָנט צאָלנ, האָבנ זיי געצאָלט. איצט קאָנענ זיי שוינ מער ניט צאָלנ. איבער

וואָס? דער ברויט-געבער איז קראַנק געוואָרן. אָדער עס איז קיין אַרבעט נישטאָ. אָדער עס האָט אויסגעבראָכן אַ סטרייק. עס ווילט זיך ניט אָנווערן אַ קאָסטאָמער. וואָס טוט מען? לייגט אויס עליע דערווייל פון זיין פּאַקעט. וואָס זאָלט איר קלערן? ס'איז צאָרעס מיט צאָרעס מיט צאָרעס!..

י

מיינט איר, אַז אונדזער כּאַוועך פיניע איז צופרידן מיט זיין דזשאָב? אויך ניט. ביז מע קעטשט אַ קאָסטאָמער, זאָגט ער, קומט אָן קעקריַאַס-יאַם-סוף. מע רעדט איבער אים, זאָגט ער, דריי טעג מיט דריי נעכט. מע גיט אים צו פאַרשטיין, אַזאַ כאַמולע, דעם סייכל פון אינשורענס, קוים געפּוּיעלט בא אים אַן „אַפּליקיישאָן". לאָזט זיך אויס, אַז ער האָט אַפּן צווייטן טאָג כאַראָטע געקראָגן, אָדער דער דאָקטער האָט אים „רעדזשעקטעט", דאָס הייסט, ער האָט אָנגעשריבן אַף אים האַמאָנס מעסירעס. דער קאָסטאָמער איז אים ניט געפעלן אין שלייער נאַקעטערהייט... נאָר דאָס גרעסטע פון אַלע אומגליקן און די ערגסטע פון אַלע צאָרעס בא אינשורענס-איידזשענטס איז די „לעפּס". „לעפּס" הייסט, אַז אַ קאָסטאָמער הערט אויף צו צאָלן. דעמלט רעכנט מען אָף דעם איידזשענט פופצן מאָל אַזויפיל, וויפל דעם קאָסטאָמערס פּרעמיע האָט באַטראָפן. פיניע זאָגט, אַז ווען ניט די „לעפּסעס", וואָלט ער אָנגעשיט אָט די שטוב מיט גאָלד! און אַף זיין שלימאַזל האָבן עטלעכע קאָסטאָמערס מיטאַמאָל, גלייך ווי מע האָט זיך אָפּגערעדט, אויפגעהערט צו צאָלן.

— לאָזן זיי ברענען אַפן פייער, טאַקע די קאָסטאָמערס מיט די אינשורענס, מיט די אַגענטן, מיט די „לעפּסעט" און מיט די קאָמפּאַניעס! — אַזוי זאָגט פיניע. ער וועט שוין בעסער גיין, זאָגט ער, מיט מיין ברודער עליע אין אייגענע ביזנעס. אַ פּאָר טאָלער האָבן זיי ביידע מיט גאָטס הילף אָפּגעשפּאָרט. זיי קאָנען שוין טאָן ביזנעס.

און ס'איז געבליבן, אַז מיר גייען אין ביזנעס.

XV

מיר גייען אינ ביזנעס

א

וואָס אײַער הארצ גלוסט — דאָס געפינט איר דאָ אינ די פּייפּערס, אינ די גאזעטנ הייסט דאָס. פונ פויגלמילכ. זוכט איר ארבעט — געפינט איר דאָס אינ פּייפּער. זוכט איר „הענט”, דאָס הייסט ארבעטער, — געפינט איר זיי אינ פּייפּער. זוכט איר א כאָסנ אָדער א קאלע — געפינט איר עס אינ פּייפּער. זוכט איר א ביזנעס — געפינט איר עס אינ פּייפּער. מיר האָבנ געזוכט ביזנעס, דעריבער האָבנ מיר גענומענ ארײַנקוקנ אינ פּייפּער ארײַנ טאָג אפּ טאָג, אונ מיר האָבנ זיכ אָפּגעשטעלט אפּ אזא מינ אדווערטייזמענט: „סיגארס-סטיישיאָנערי-קענדי-סאָדע-וואסער-סטענד צו פארקויפנ. אקעגנ איבער א סקול. אורזאכע פאמיליענ טראָבל. גאראנטירט גוטע ביזנעס. קומט שנעל!”...

אויב איר זענט נאָכ א גרינער, דאָס הייסט, איר זענט ניט לאנג אינ לאנד, באדארפ מענ אײַכ פארטײַטשנ, וואָס דאָס מיינט: דאָס איז א טישל, וואָס מע פארקויפט דערופ סיגארעטלעכ, שרײַבגעצײַג אונ צוקערקעס אונ סאָדע-וואסער, אונ א בלאט-צײַטונג אויכ. דאָס טישל איז אקעגנ א שקאָלע. אונ פארקויפנ פארקויפט זיכ עס איבער דעם, וואָס א מאנ דארפ זיכ געטנ מיט א ווײַב אָדער איבער אנ אנדער סיבע אינ דער פאמיליע...

ב

האָט זיכ אפילע מײַנ ברודער עליעס ווײַב בראָכע אוועקגעשטעלט אקעגנ מיט אירע טײַנעס: ערשטנס, פונוואנענ ווייסט מענ, אז דאָס איז עמעס? אונ צווייטנס, צו וואָס זאָלנ מיר קריכנ מיט א געזונטנ קאָפּ אינ א קראנקנ בעט ארײַנ? אז מאנ אונ ווײַב ווילנ זיכ געטנ — וואָס דארפנ מיר זײַנ אינמיטנ?.. מיינט איר, אז נאָר דאָ האָט אונדזער בראָכע געפונענ א טײַנע? בא הונדערט אנדערע ביזנעס האָט זי אויסגעזוכט אומעטום אנ אנדער כיסאָרנ. מײַנ ברודער עליע האָט שוינ לאנג א מאכ געגעבנ אפּ איר מיט דער האנט. האָט ער אָבער ניט גוט אָפּגעשגיטנ פונ איר. זי האָט אימ געגעבנ צו וויסנ, אז ער

זאָל גאָר ניט זײַנ באַ זיכ אזוי גאָדלדיק. אז ער זאָל ניט מיינענ, אז דאָס, וואָס ער האָט אראָפּגעכאפּט דרײַ כאלאָקימ פונ זײַנ באָרד, גיט אימ דאָס רעכט צו בלאָזנ פונ זיכ... דערופ האָט איר עליע געענטפערט, לעמײַ איר טאטע יוינע דער בעקער האָט אראָפּגענומענ די גאנצע באָרד?.. מישט זיכ ארײַנ אונדזער כאווער פיניע אונ זאָגט: „ווייסט איר וואָס? איכ גיי מיט אײַכ אינ געוועט צוויי קעגנ איינס, אז אויב איר וועט געפינענ צווישנ די הונדערט מיליאָנ אמעריקאנער א האלב טוצ מענטשנ מיט בערד, זאָלט איר מיכ אָנרופנ בלאָפער!“ — „ס'א מאָשל! — רופט זיכ אָנ די מאמע. — דערימאכ גייענ קאטשקעס באָרוועס... רעדט שוינ בעסער פונ אנדערע זאכנ“...

מײַנ מאמע האָט פײַנט, אז מע רעדט פונ בערד. ס'איז גענוג פאר איר, זאָגט זי, אז זי האָט דערלעבט צו זענ, אז פייסי דעמ כאזנס זונ האָט געמאכט א מכאק[1] פונ זײַנ באָרד, אז אָכ אונ וויי איז צו אירע סאָנימ!..

ג

די ביזנעס, וואָס מיר זענענ אינ זיי געגאנגענ, האָבנ געהאט א סאכ מײַלעס. די ערשטע מײַלע איז געווענ, וואָס מײַנ ברודער עליע איז, אויב איר געדענקט, נאָכ פונ דער היימ א מײַסטער אפ צו מאכנ (דאָ הייסט עס מאנופעקטשורנ) אלערליי געטראנקענ. דעריבער האָט זיכ אונדז געלוינט צו מאנופעקטשורנ סאָדעוואסער אונ פארקויפנ א גרויסע גלאָז פאר א סענט. מיט סיראָפ — צוויי סענט. דעמ סיראָפ האָבנ מיר אויכ אליינ געמאכט. נאָכ א מײַלע — וואָס מיר האָבנ גע-האט די ביליקסטע קענדיס (קאָנפעקטנ). א פולע זשמעניע האָבנ מיר געגעבנ פאר איינ סענט. אונ אליינ האָבנ מיר אויכ געקאָנט סמאָצ-קענ קענדיס. אז איכ זאָג „מיר“, מיינ איכ דאָס מיכ אונ מײַנ כאווער מענדל אונ פיניענ. מיר אלע דרײַ האָבנ געהאָלפנ שטיינ באַ אונדזער סטענד אונ געגעבנ א נאש, אז קיינער זאָל ניט זענ. טײַדנ אז בראָכע איז געווענ דערבײַ, האָט מענ ניט געקאָנט נאשנ. אונ ווי אפ צולאָכעס, איז בראָכע געווענ קימאט גאנצע טעג באַמ סטענד, געהאָלפנ טאָנ ביזנעס. אלע האָבנ מיר געהאָלפנ טאָנ ביזנעס. אפילע טײַבל, אונ אפילע די מאמע. א קוינע, אז ער איז צוגעגאנגענ צו

---

1 געמיינט: גאָרנישט.

אונדזוער סטענד, האָט ער זיכ אזש דערשראָקנ, דערזועענדיק אזא מישפּאָכע מיט אזויפיל ביזנעסלייַט. דאָס איז אָבער דאפקע געווענ זייער גוט. א קוינע האָט ליב קריכנ אהינ, ווו ס׳איז ענג.

ד

די בעסטע צייַט פאר אונדזוערע ביזנעס איז זומער, אינ די הייסע טעג. זומער איז אינ ניו-יאָרק אנ עמעסער גענעמ. דער אוילעמ קוויקט זיכ דעמ גאנצנ טאָג מיט מאראָזשענע. „אייַז-קרימ״ הייסט עס דאָ. אפנ סענדוויטש פארקויפט זיכ עס. דאָס הייסט, צוויי ביסקוויטלעכ אונ אינמיטנ א ביסל אייַז-קרימ. אונ דאָס קאָסט א פּעני. פארדינענ מיר דערבייַ האלב אפ האלב. נאָר ניט דאָ שטעקט אונדזוער פארדינסט. דער גאנצער מאזל-בראָכע ליגט גאָר ערגעצ אנדערש. אינ אזא מינ קאלטנ געטראנק, וואָס מע רופט דאָס „סיידער״. דאָס איז א מינ זויער-זיסלעכער, אָדער זיסלעכ-זויערער קוואס מיט א שוימ אונ סע שטשיפּעט בא דער צונג. די, וואָס האָבנ אמאָל פארזוכט שאמפּאניער-ווייַנ, זאָגנ, אז ס׳האָט א טאמ פונ עמעכנ שאמפּאניער. אונ כאָטש „סיידער״ איז אנ אמעריקאנער געטראנק, פונדעסטוועגנ ווער מאנופעקטשורט אימ? — מייַנ ברודער עליע. וואָס קאָנ דענ עליע ניט? קוקט ניט דערופ, וואָס פּיניע מאכט אימ אויסצודרייענ. אונדזוער כאווער פּיניע האָט שוינ עטלעכע מאָל פירגעהאלטנ מייַנ ברודער עליע, אז זייַנ שאמפּאניער האָט נאָר איינ מייַלע — ער איז קאלט. ווייַטער טויג ער אפ קאפּאָרעס. קיינ קאפּ זיסקייַט! ענטפערט אימ מייַנ ברודער אָפּ מיט א ווידעראנאנד: וויבאלד אז דער שאמפּאניער טויג ניט, הייַנט וואָס זשליאָקעט ער אימ גאנצע טעג? זאָגט אימ פּיניע: „וואָס ארט דיכ, אז איכ זשליאָקע? אונ וויפל קאָנ א מענטש אָנזשליאָקענ? איכ זאָל זשליאָקענ פונ גאנצ פרי ביז אפ דער נאכט, ווייס איכ ניט, אויב איכ וועל אָנזשליאָקענ אפ א ניקל״... מישט זיכ, ארייַנ בראָכע אונ זאָגט, אז א ניקל גייט אויכ ניט צופּוס. שטעלט זיכ אייַנ טייַבל פאר איר מאנ אונ זאָגט, אז איר פּיניע איז א גלייַכער שותּעפ צו די ביזנעס, ווי עליע, אונ א שותּעפ מעג זיכ, דאכט זיכ, פארגינענ אויסצוגעבנ אמאָל א ניקל? א גליק, וואָס די מאמע איז דערבייַ. זאָגט זי, מע זאָל זי גילטנ, וואָלט זי פאר אירע זינד ניט געוואָלט זיכ צורירנ צו אָט דער אמעריקאנער מאשקע, וואָס האָט א

פאָנעמ פונ סאָראָוועצ אונ א טאמ פונ כאלאָשעס!.. ווערט א געלעכטער, אונ דערווײַל הערט מענ אופ צו זאָגנ זיכ שטעכווערטלעכ.

ה

שפעטער, העט-העט, אינ ווײַטנ זומער, אז עס קומענ אופ די קאווענעס (דאָ הייסט עס „וואָטער-מעלאָנ״), מאכנ מיר נאָכ מער ביזנעס. מיר צעשנײַדנ דעמ קאווונ אפ א סאכ שטיקלעכ אונ פארקויפנ צו סענט א שטיקל. אז גאָט העלפט א געראָטענעמ קאווונ, מאכט מענ פונ אימ גאָלד. אונ עס בלײַבט נאָכ איבער א פאָר שטיקלעכ אפנ סטענד. האָבנ מיר א גוטע וועטשערע. וואָרעמ אָנגעשניטענע קאווענע טאָר מענ ניט לאָזנ אפ מאָרגנ. ט'וועט פונ דעמ ווערנ דריליעס. בעטנ מיר גאָט, דאָס הייסט, איכ אונ מײַנ כאווער מענדל אונ פיניע, ס'זאָל בלײַבנ וואָס מער שטיקלעכ פונעמ טאָג...

ו

דאָס איז אָבער אלצ אזעלכע זאכנ, וואָס האָבנ אפ זיכ א צײַט, א סיזענ. גייט אוועק דער זומער — איז אויס שאמפאניער, אויס וואָטער-מעלאָנ! דערפאר איז סיגארעטלעכ א סכוירע, וואָס ווייסט ניט פונ קיינ סיזענ. סיגארעטלעכ גייענ א גאנצ קײַלעכיקנ יאָר. אונ מיר מאכנ מיט דעמ גאנצ גוטע ביזנעס. פאראנ אלערליי סיגארעטנ. פאראנ צו סענט א שטיק. אונ פאראנ צוויי שטיק פאר א סענט. סיגארעטנ איז אויכ אזא ארטיקל, וואָס מע קאָנ אמאָל א נאש טאָנ, פאררייכערנ א סיגארעטל בעסאָד, קיינער זאָל ניט זענ. דאָ זאָגט מענ ניט רייכערנ. דאָ זאָגט מענ „סמוקנ״. באדארפ זיכ טרעפנ א מײַסע — איכ האָב איינמאָל אוועקגעשלעפט א סיגארעטל, אונ מיר האָבנ דאָס פארייכערט. איכ אונ מײַנ כאווער מענדל. איכ א צי, ער א צי. אונ עס וואָלט אָפגעלאָפנ גלאט, איז דאָכ אָבער דאָ א בראָכע אפ דער וועלט. האָט זי באדארפט דערשמעקנ, אז מיר סמוקנ א סיגארעטל. גייט זי אונ דערציילט דאָס עליענ. האָט מיר מײַנ ברודער געגעבנ א סיגארעטל — אז איכ וועל דאָס געדענקענ! אימ האָט שוינ ניט אזוי געארט דאָס סיגארעטל, ווי דאָס, וואָס ס'איז געווענ שאבעס. פײַסי דעמ כאזנס יינגל זאָל רייכערנ אומ שאבעס — באדארפ מענ אימ

בעטן מיר גאָט, איך און מײַן כאַווער מענדל און פּיניע,
ס'זאָל בלײַבן וואָס מער שטיקלעך...

הארגענען! פאר אזא זאך האָט שוין אפילע די מאמע צוגעגעבן, אז דער הונט איז ווערט דעם שטעקן... פון דעמלט אָן סמוקן מיר שוין ניט קיין סיגארעטן. איך קאָן שוין גאָר אפילע דעם רייעך ניט פארטראָגן...

ז

אויסער סיגארעטן האָבן מיר אף אונדזער סטענד פייפערס צו פארקויפן. יידישע גאזעטן און זשורנאלן. קיין גרויסע ביזנעס מאכן מיר ניט מיט זיי. דערפאר האָט אָבער אונדזער כאווער פיניע וואָס צו לייענען. ער לאָזט ניט דורך איין פייפער. שטעקט ער אריין די נאָז, איז אים שווער אָפּצורייסן. עס ציט אים, זאָגט ער, צו די פייפערס, ווי א מאגנעט. ער האָט שטארק כיישעק אליין עפּעס אריינשרייבן אין די פייפערס. ער איז שוין געווען אף איסט-בראָדוויי, דאָרט, ווו די פייפערס דרוקן זיך, עטלעכע מאָל. וואָס ער האָט דאָרטן געטאָן — זאָגט ער ניט. איך האָב מוירע, אז ער האָט געבראכט צו טראָגן אהינצוצו א פּאָר פון זיינע לידלעך. מאכמעס, אז מע ברענגט דעם באָנטש מיט פייפערס, כאפּט זיך צו דעם פריער פון אלעמען אונדזער כאווער פיניע. ער זוכט און נישטערט אין אלע ווינקעלעך. די הענט ציטערן אים אזש. דערנאָך כאפּט ער זיך אוף און לאָזט זיך לויפן אף איסט-בראָדוויי. פרעגט אים מיין ברודער עליע: וואָס האָט ער צו טאָן אף איסט-בראָדוויי? זאָגט אים פיניע, אז ער זוכט א ביזנעס. פרעגט אים עליע: מיר טוען דען ניט קיין ביזנעס? ענטפערט אים פיניע: אָט דאָס הייסט אויך א ביזנעס? א גאנצע מישפּאָכע פון זיבן עסערס אף איין שטיקל סטענד — אויך מיר א ביזנעס!.. פרעגט אים עליע: וואָסערע זיבן עסערס? רעכנט אים פיניע אויס אף די פינגער: ער און זיין טייבל איז ניט צוויי. עליע און זיין בראָכע איז ניט פיר. די מאמע איז ניט פינף. אוןביידע קאָטוינטיס — איז ניט זיבן. די „קאָטוינטיס" — דאָס מיינט ער מיך און מיין כאווער מענדל.

ח

פארדריסט עס מיין מאמען. זי שטעלט זיך איין פאר מיר און פאר מיין כאווער מענדל. זי זאָגט, אז מיר פארדינען אונדזער שטיקל ברויט גאנץ קאָשער. וואָרעם פארטאָג, איידער דער סטענד ווערט געעפנט, צעטראָגן מיר שוין דעם מאָרגן-פייפער צו אונדזערע קאָ-

א גאנצע מישפּאָכע פון זיבן עסערס אף איין שטיקל סטענד...

סטאָמערס. דערנאָך גייען מיר אין סקול (יאָ, מיר גייען שוין אין סקול). און אז מיר קומען פון סקול, העלפן מיר אטענדען די ביזנעס. אזוי, טאקע מיט דעם לאָשן, זאָגט די מאמע. זי רעדט שוין אויך העכער האלב אפן היגן לאָשן. א „קיכ" און א „הונ" זאָגט זי שוין ניט. זי זאָגט שוין א „טשיקענ" און א „קיטשענ". נאָר וואָס דען? בא איר קומט נאָך אויס פארקערט: א „קיכ" איז בא איר א „טשיקענ". און א „הונ" איז בא איר א „קיטשענ". „איך גיי, זאָגט זי, אין טשיקען אויסזאלצן די קיטשענ"... לאכט מען פון איר. לאכט זי אויך. „א דייגע, — זאָגט זי, — יאקריידעלע טאָ ריידעלע, אבי דאָברע מיינעלע"... אנו, זייט א בעריע און זעצט דאָס איבער אפ ענגליש!..

XVI

העללאָו, לאנדסמאנ!

א

לויפן מיר איינמאָל פארטאָג, איך און מיין כאווער מענדל, מיט די פרישינקע פייפערס צו אונדזערע קאָסטאָמערס. פלוצעם דערפיל איך א זעץ פון הינטן אין פלייצע, און איך הער עמעצער רופט אויס:

— העללאָו, לאנדכמאנ!

דריי איך מיך אום און טו א קוק — ס'איז מאָטל! „מאָטל דער גרויסער". דאָס איז דער מאָטל, וואָס האָט זיך ארומגעשלעפט מיט אונדז אמאָל איבער דער וועלט. אין קראָקע מיט לעמבערג, אין וויג און אין אנטווערפן. אויב איר געדענקט, האָט ער מיך אויסגעלערנט שטעלן א גובערנאטאָר אין זייט אריין און איז געווען א בויכרעדער. ער איז אוועק מיט דער כאליאסטרע א סאך פריער פון אונדז. אז מיר האָבן זיך נאָך ארומגעבלאָנקעט איבערן לאָנדאָנער וויטשעפל, איז ער שוין געווען דאָ אין אמעריקע אַלרייט. דאָס הייסט, ער האָט שוין געהאט א דזשאב אין א קלינינג-סטאָר, און ער האלט נאָך איצט אויך אָן דעם דזשאב. פרעג איך אים: „וואָס איז דאָס פאר א דזשאב?" דערקלערט ער מיר, גייענדיק, אז דאָס איז א מין קלינינג-פעקטאָרי, ווו מע רייניקט מאלבושים. דעהיינע, וויאזוי? מע נעמט אריין, זאָגט ער, א פאָר צעקנייטשטע טאכטוינים אין אזא מאשין צווישן צוויי פרעס-

פליגלען. דורך א באזונדער איוועלע ווערן די פרעספליגלען גוט אָנגעווארעמט. א מענטש טוט א דריי — אויסגעפרעסט א פּאָר הויזן!

ב

— און וואָס איז אײַער דזשאבּ? — פרעגט מאָטל דער גרויסער בּא מיר און מײַן כאווער מענדל.

— מיר דעליווערן, זאָג איך, ניוס-פּייפּערס. מיר צעטראָגן, זאָג איך, צײַטונגען צו אונדזערע קאָסטאָמערס, איידער מיר גייען אין סקול. און אז מיר קומען, זאָג איך, פון סקול, העלפן מיר אטענדען די בּיזנעס. מיר האלטן, זאָג איך, א סטענד אפן קאָרנער, און מיר מאכן א לעבּן...

— אהאָ! — זאָגט מאָטל דער גרויסער. — דו רעדסט שוין ניש-קאָשעדיק ענגליש. וויפל מאכט איר, זאָגט ער, א וואָך, אזעלכע צוויי בּיזנעס-לײַט, ווי איר?

— אין דורכשניט, ארום און ארום, — זאָג איך, — קאָנען מיר אויס-שלאָגן א טאָלער א וואָך. און אמאָל א טאָלער און א קוואָדער...

— און דאס אָלל? — רופט זיך אָן מאָטל דער גרויסער מיט גאדלעס. — איך פארדין אליין דרײַ טאָלער א וואָך... וואָס איז די ניים פון דעם דאָזיקן דזשענטלמען? — מאכט מאָטל און ווײַזט אפ מײַן כאווער. זאָג איך, אז ער הייסט מענדל. צעלאכט זיך מאָטל און זאָגט, אז מענדל איז פע! וואָס פאר א נאָמען מענדל? „וויִאזוי זשע דען, פרעג איך אים, זאָל ער הייסן?"... פארטראכט זיך מאָטל אפ א ווײַלע און זאָגט, אז ער וואָלט באדארפט בּעסער הייסן מייק, ניט מענדל. מייק איז שענער. זאָג איך: „וויִאזוי זשע רופט מען דיך?" זאָגט ער: „מעקס". זאָג איך: „ווײַבאלד אזוי, דארף איך דאָך אויך הייסן מעקס. איך הייס דאָך אויך מאָטל". זאָגט ער: „שור הייסטו מעקס". און ער געזעגנט זיך אָפּ מיט אונדז:

— גוד בּײַ, מעקס! גוד בּײַ, מייק!

און מיר רעדן אָפּ, אז נעכסטן זונטיק זעען מיר זיך אין מווינג-פּיקטשורס. מיר גיבּן זיך איינס דאָס אנדערע די אדרייסים און מיר צעגייען זיך איטלעכער אין זײַן וועג ארײַן.

ג

זונטיק נאָכ דינער גייענ מיר, איכ אונ מײַנ כאוועד מייק, וואָס האָט ניט לאנג געהייסנ מענדל, אינ מוווינג-פּיקטשורס זענ דעמ גרויסנ מוווינג-סטאר טשארלי טשאפּלינ. מײַנ ברודער עליע אונ אונדזער כאַ-ווער פּיניע גייענ אויכ מיט אונדז. דעמ גאנצנ וועג רעדנ זיי וועגנ טשארלי טשאפּלינ. וואָס פאר א גרויסער מענטש ער איז, וויפל ער קריגט באצאָלט, אונ אז ער איז א ייִד. נאָר אזוי ווי די צוויי קאָנענ זיכ קיינמאָל ניט אויסגלײַכנ מיט די מיינונגענ, וואָס איינער זאָגט, דרינגט דער אנדערער קאפּויר, פרעגט מײַנ ברודער עליע: מיט וואָס איז טשארלי טשאפּלינ אזוי גרויס? ענטפערט אימ פּיניע, אז טויזנט טאָלער א וואָכ צאָלט מענ ניט גלאט אזוי אבי וועמענ... פרעגט אימ עליע: פונוואנענ ווייסט ער? ער האָט געציילט זײַנ געלט? זאָגט אימ פּיניע, אז ער האָט געלייענט אינ די פּייפּערס. אונ פונוואנענ ווייכט מענ, אז טשארלי טשאפּלינ איז א ייִד? זאָגט אימ פּיניע, אז סע שטייט אזוי אינ די פּייפּערס. פרעגט אימ ווידער עליע: פונוואנענ ווי[illegible] דאָס די פּייפּערס? זיי זענענ געווענ אפ זײַנ בריס? זאָגט אימ פּיניע: די פּיי-פּערס ווייסנ אלצ. לעמײַ פונוואנענ ווייכט מענ, אז טשארלי טשאפּלינ איז א שטומער פונ געבוירנ? אונ אז ער קאָנ ניט שרײַבנ, ניט לייענענ? אונ אז זײַנ טאטע איז געווענ א שיקער? אונ אז אליינ איז ער געווענ א קלאָונ אינ א צירק? הערט אימ אויס עליע אונ זאָגט מיט א קאלטנ לונג-אונ-לעבער: „אונ עפּשער איז די גאנצע מײַסע א ליגנ?"... ווערט פּיניע אָנגעצונדנ אונ זאָגט אפ מײַנ ברודער, אז ער איז א ייִד א נודניק... אונ איכ האלט מיט פּיניענ. כאָטש עליע קער מיר אָנ א לײַבלעכער ברודער, נאָר א נודניק איז ער. וואָס עמעס איז עמעס...

ד

מיר זענענ נאָרוואָס צוגעגאנגענ צו דער קאסע קויפנ טיקעטס, דערהערנ מיר א קאָל:

— האו דו יו דו, מעקס? האו אר יו, מייק?

דאָס איז געווענ מאָטל דער גרויסער, וואָס זײַנ נאָמענ איז שוינ ניט מאָטל, נאָר מעקס.

— קויפט ניט קיינ טיקעטס, — זאָגט אונדזו מעקס, — איכ טריט אײַכ

הײַנט מיט טיקעטס... — דאָס הייסט, ער נעמט אונדז אפּ זײַנע הויצאָעס. און ער ציט ארויס פון קעשענע א האלבן טאָלער און טוט אים א וואָרפ דעם מיידל, וואָס זיצט באם פענצטערל, און הייסט זיך געבן דרײַ טיקעטס אפּסטערז, דאָס הייסט, פון אויבן, אפּ דער גאלעריי.

— ווער איז דער שלימאזל? — פרעגט עליע בא אונדז. דערציילן מיר אים, ווער דאָס איז. באטראכט אים עליע פון אויבן ביז אראָפּ און פרעגט אים, פארוואָס גיט ער אים ניט אָפּ קיין שאָלעם-אלייכעם?

— צי דו ביסט שוין געוואָרן אזוי גרויס אין אמעריקע, אז עס שטייט דיר שוין ניט אָן צו רעדן א ייִדיש וואָרט?..

ענטפערט אים ניט מאָטל דער גרויסער, דאָס הייסט מעקס, קיין וואָרט אפילע. נאָר עס דערהערט זיך א קוויטש פון דער דרויסן-טיר, ווי עמעצער וואָלט ארײַנגערעדט פון דער סטריט:

— אידיִאָט!

מיר אלע דרייען אויס די פּענעמער צו דער טיר, און מיר זעען קיינעם ניט. מיר באטראכטן זיך איינס דאָס אנדערע פארוווּנדערט. טוט זיך א וואָרפ צו דער טיר פריִער עליע און נאָך אים פּיניע — ניטאָ קיינער בא דער טיר. זיי קוקן אפּ דער סטעליע, זיי באַזוכן אלע ווינקעלעך — ניטאָ קיין נעפעש. ווער קאָן דאָס זײַן? דער כעוורעמאַן מאָטל, וואָס הייסט שוין מעקס, נעמט אונדז, מיך און מײַן כאווער מענדל אָדער מייק, פאר די הענט, און אלע דרײַ קלעטערן מיר ארופּ אפּסטערז. דאָרטן זאָגט ער אונדז אויס דעם סאָד, אז דאָס האָט ער, מעקס, דורכן בויך ארויסגערעדט דאָס וואָרט „אידיִאָט". און ער כא-זערט דאָס איבער, גייענדיק, נאָכאמאָל. און עס פאלט אָן אפּ אונדז ביידן אזא געלעכטער, אז קוים וואָס מיר קאָנען דערנאָך אײַנזיצן און זען די קונצן פון טשארלי טשאפּלין.

ה

זינט איר לעבט, האָט איר נאָך אזא פארשלעפטע קרענק ניט געזען, ווי מאָטל דער גרויסער, אָדער מעקס. דאכט זיך, מע באדארפ ניט האָבן קיין גרעסערן קונצנמאכער, ווי טשארלי טשאפּלין. מאכט אים נאָך מעקס מיט אלע פּישטשעווקעס. ארויסגייענדיק פון טעאטער, איז זיך מעיאשעוו מעקס און קלעפּט זיך אָן א פּאָר קורצע שווארצע וואָנצעלעך, ווי בא טשארלי טשאפּלין. דאָס קאפּעליושל האָט ער אָנ-

גערוקט, ווי טשארלי טשאפלינ. די פיס אויסגעדרייט, ווי טשארלי טשאפלינ. אונ דאָס גענגעלע מיטנ דרייענ פונעם הינטנ, מיטנ מאכנ פונעם שטעקעלע — צוויי טראָפנ וואסער טשארלי טשאפלינ! מייַנ כאווער מענדל, אָדער מייק, האָט זיכ ניט געקאָנט אייַנהאלטנ. ער האָט זימ ארומגעכאפט קושנ. אונ אלע מענטשנ, וואָס זענענ געשטאנענ באַמ טעאטער אינ דרויסנ, האָבנ אונדז נאָכגעטייַט מיט די פינגער: „אָנ גייט דער צווייטער טשארלי טשאפלינ"... איר קאָנט זיכ פאָרשטעלנ, אז אפילע אזא ערנסטער מאנ, ווי מייַנ ברודער עליע, האָט זיכ געהאלטנ בא די זייַטנ לאכנדיק. מייַנ ברודער עליע האָט אָבער ניט לאנג גע-לאכט. אינ איינ מינוט איז אימ פארשטערט געוואָרנ דאָס געלעכטער. וואָס איז די מייַסע? די מייַסע איז, וואָס פלוצעמ האָט זיכ דערהערט א קאָל, ווי פונ אונטער דער ערד ארויס, עפעס ווי פונ א קעלער:

— אי-די-אָט!

ו

אונ אלע האָבנ זיכ אָנגעבויגנ, אריַינגעקוקט אינ קעלער אריַינ, וועלכנ מיר זענענ פארבייַגעגאנגענ. אלע האָבנ מיר זיכ אייַנגעהערט. מעקס האָט זיכ אויכ אייַנגעהערט גלייַכ מיט אלעמענ, גלייַכ ווי ער ווייסט ניט פונ וואָס צו זאָגנ... אונ פלוצעמ האָט זיכ דערהערט א קאָל, שוינ ניט פונ הינטנ, נאָר פונ אויבנ, עפעס ווי פונעמ דאכ אראָפ:

— אי-די-אָט ! !..

פריִער עליע אונ דערנאָכ אלע האָבנ פאריסנ די קעפ ארופ, אפנ דאכ. מעקס האָט אויכ געקוקט ארופ. אונ דאָס האָט געהאט דעמ זיבעטנ כיינ. איכ אונ מייַנ כאווער מייק, וואָס האָבנ געוווּסט, פונ-וואנענ די קולעס גייענ, האָבנ זיכ ניט געקאָנט אייַנהאלטנ אונ האָבנ מיטאמאָל אויסגעשאָסנ א געלעכטער.

ז

דאָס האָט שוינ מייַנ ברודער עליע פאורדראָסנ. ווענ דאָס זאָל ניט זייַנ אינ ניו-יאָרק אפ דער סטריט, וואָלט מיר שוינ אריַינגעפלויגנ א פייַנע פאָר פעטש אינ ביידע באקנ. מייַנע אויערנ וואָלטנ זיכ אויכ ניט גענארט. נאָר אזוי ווי דאָס איז געווענ אינמיטנ ניו-יאָרק אפ

דער סטריט, האָט זיך עליע באַנוגנט נאָר דערמיט, וואָס ער האָט אונדז ביידן גוט אויסגעשאָלטן, מיך און מײַן כאַווער מייק. און נאָכדעם האָט ער געגומענע אונדז זאָגן מוסער. ער האָט אונדז אָנ-געוויזן אַף מאָטל דעם גרויסן, דאָס הייסט — אַף מעקסן.

— נעמט אײַך אַראָפּ אַ מוסער, — האָט אונדז עליע געזייפּט די פּענעמער, — לערנט זיך פון אײַערס אַ כאַווער... אַ באָכערל גלײַך מיט אײַך, פאַרוואָס לאַכט ער ניט אַזוי, ווי איר?..

— אי-די-אָט! — האָט זיך דערהערט ווידעראַמאָל הינטער עליעס פּלייצעס. עליע האָט זיך אויסגעדרייט צוריק. אַף אים קוקנדיק, האָט זיך אויסגעדרייט אונדזער כאַווער פּיניע. און מיר אַלע נאָך אים. און מעקס האָט זיך אויך געגעבן אַ דריי אויס צוריק. איך און מייק זענען שיר ניט צעזעצט געוואָרן פאַר געלעכטער.

ח

„אין אמעריקע רעדן די שטיינער"... אַזוי האָט זיך אויסגעדריקט אונדזער כאַווער פּיניע. ער וואָלט נאָר אַ באַלן געוועג וויסן, ווער מען רופט דאָס „אידיאָט"? רופט זיך אָן מײַן ברודער עליע:

— ווער עס פרעגט, דער איז עס...

ווי דערשטוינט איז ער אָבער געוואָרן, אַז פון אונטער דער ערד האָט זיך פּלוצעם דערהערט אַ פאַרטומפּט קאָל:

— איר האָט אַ טאָעס, רעב עליע! ביקאָז דאָס זענט איר אַליין טאַקע דער אי-די-יאָט! . . . .

. . . .

. . . .

ט

פון דעמלט אָן גייט שוין מער ניט מײַן ברודער עליע אין די מוווינג-פּיקטשורס און וויל ניט הערן פון טשאַרלי טשאַפּלין.

XVII

מיר גייען פארגרעסערן די ביזנעס

א

אין אמעריקע האָט מען פייַנט שטיין אף איין אָרט. אין אמע-ריקע גייט מען פאָרווערטס. דאָס הייסט, מע וואקסט, מע ווערט וואָס א טאָג גרעסער... די ביזנעס, וואָס מיר האָבן געמאכט אף אונדזער סטענד, האָבן ניט געטראָגן אף אויסצוהאלטן א מישפּאָכע פון, קיין אייַנהאָרע, זיבן פארשוין. האָבן מיר גענומען זוכן א גרעסערע ביזנעס. שוין ניט קיין סטענד, קיין טישל הייסט דאָס. נאָר טאקע א גאנצע סטאָר. א קלייט הייסט דאָס. אין אמעריקע באדארף מען לאנג ניט זוכן. מע דארף נאָר נאָכקוקן, ווי איך האָב אייַך שוין דערציילט, אין די פּייפּערס. דאָרט געפינט איר, וואָס אייַער הארץ גלוסט. טאקע פון פויגלמילך. דער כיסאָרן איז, וואָס פאר אן אייַנגעפירטע ביזנעס הייסט מען זיך גוט באצאָלן. א נאָמען קאָסט געלט. פאר דער פירמע באדארף מען אמאָל מער באצאָלן, ווי פאר דער סכוירע. א סימען האָט איר, אז אפילע אונדזער סטענד, וואָס האָט אונדז אריַינגעבראכט קוים צען טאָלער א וואָך, האָבן מיר אויך פארקויפט פאר גוט געלט — נאָר צוליב דער פירמע. א גרינהאָרן האָט דאָס בא אונדז אָפּגעקויפט. ער האָט זיך אפילע ניט שטארק נאָכגעפרעגט בא אונדז, וויפל מיר מאכן. אים איז געווען גענוג צו זען, אז זיבן נעפאשעס דרייען זיך ארום איין סטענד און מאכן א לעבן. מיסטאמע איז דאָס א „ביזנעס"...

ב

דעם סטענד האָבן מיר פארקויפט מיט דער גאנצער סכוירע, מיט די בעסקעטס, מיט די קיילים און אפילע מיט די שאָו-קייס. נאָר דעם סאָד, וויאזוי מע מאנופעקטשורט סאָדע-וואסער, אלערליי סיראָפּן, און, איבערהויפּט, וויאזוי מע מאכט דעם געטראנק, וואָס מע רופט אים „סיידער" — דאָס האָט מייַן ברודער עליע נישט געוואָלט אויסזאָגן פאר קיין געלט ניט. ער האָט געזאָגט, אז איטלעכער מאנופעקטשורט דאָס, ווי ער פארשטייט. לעמיי ער מאנופעקטשורט וויַין אף פּייסעך? מייַן

ברודער עליעס פײסעכיקער װײַנ האָט א שעמ אינ אמעריקע. קוקט נישט דערופ, װאָס ער מאנופעקטשורט אימ ערשט דאָס ערשטע יאָר. אלע אונדזערע באקאנטע, װאָס דאװנענ מיט אונדז שאבעס אינ אונדזער קאסרילעװקער שול, האָבנ אונדז צוגעזאָגט, אז װײַנ אפ פײסעכ װעלנ זײ ניט נעמענ אינ ערגעצ, נאָר בא אונדז. אונדזער כאװער פיניע האָט ארויסגעלאָזט א קלאנג אונ צעפויקט איבער ניו-יאָרק, אז מײַנ ברודער עליע מאנופעקטשורט פײסעכיקנ װײַנ — מעג אימ טרינקענ דער פרעזידענט. אפ צו פויקנ איז אונדזער פיניע א מאזיק. דאָ װערט דאָס אָנגערופנ: „אדװערטײזנ”. פיניע זאָגט, אז דערופ, דאָס הײסט אפ אדװערטײזמענטס, שטײט אמעריקע. איטלעכער סויכער מעג לויבנ זײַנ סכוירע. יעדער ארבעטער מעג אדװערטײזנ זײַנ מעלאָכע. די גאנצע װעלט מעג װיסנ, אז מײַנ געטראנק איז זויער עסיק. נאָר איכ מעג מיר אדװערטײזנ, אז ס'איז זיסער פונ צוקער. איר מעגט זײַנ איבערצײַגט, אז מײַנ ארבעט איז ניט װערט קײנ פעני. נאָר איכ קאָנ עס מיר שאצנ, אז ס'האָט די װערט א מיליאָנ. עס איז אמעריקע. א פרײַע מעדינע.

ג

שטארק אויסגעפויקט אונ צעאדװערטײזט איבער גאנצ „דאונטאונ” מײַנ ברודער עליעס פײסעכיקנ װײַנ, האָט אונדזער כאװער פיניע אװעקגערופנ מײַנ ברודער אפ א זײַט אונ האָט אימ אזוי געזאָגט:

— הער זשע אויס, עליע, איכ האָב דיר אדװערטײזט דײַנ פײסעכיקנ װײַנ, װאָס מע דארפ ניט בעסער. זע זשע, איכ זאָל ניט האָבנ דורכ דיר קײנ ביזױינעס. װאָרעמ דו קאָנסט אָנמאנופעקטשורנ אזא װײַנ, ער זאָל זײַנ אזוי געשמאק, װי דײַנ געטראנק אינ דער אלטער הײמ... זאָלסטו געדענקענ, אז דאָס איז אמעריקע, אונ דאָ טרינקט מענ װײַנ, ניט קײנ קװאס.

דאָ האָט זיכ מײַנ ברודער עליע געפונענ באלײדיקט אונ האָט נישט געװאָלט ענטפערנ פיניענ קײנ װאָרט אפילע. פאר אימ האָט שוינ אָפגעענטפערט בראָכע. מײַנ שװעגערנ האָט אָפגעצװאָגנ אונדזער כאװער פיניע מיט א הײסנ אָקרעפ. זי האָט זיכ אָנגערופנ אונ האָט אזוי געזאָגט:

— עמעצער, א פרעמדער, זאָל שטיין בא דער זײַט און הערנ אזעלכע ווערטער, וואָלט ער זיכער געקאָנט מיינענ, אז אינ אמעריקע זענענ לויטער מעיוכאָסימ אונ סטעקראַטנ, וואָס טרינקענ ניט קיינ אַנדער מאשקע, אכוצ ווײַנ, אונ באָדנ זיכ אינ האָניק אונ אינ שמאַלצ אונ אינ אלדאָס גוטס... לאָמיכ האָבנ די גליקלעכע יאָר, וויפל קוואָרט סאָראָווע‏צ אונ ראָסל פונ אוגערקעס עס ווערט דאָ אויס-געטרונקענ א טאָג!.. איכ האָב אליינ געזענ מיט מײַנע אויגנ אנ אָלרײַטניטשקע פונ גרענד-סטריט האָט באשטעלט אנ עמער עפלקוואס מיט א מייע זויערע עפּלעכ, קיסליצעס... אונ די בראָכעס זאָל איכ האָבנ, וואָס די קיסליצעס זענענ בעסער אונ געשמאקער פונ די היגע אָראנדזשעס מיט די גרייפ-פרוטס, וואָס מע ווייסט אפילע ניט, וויאזוי מע שנײַדט דאָס אונ גיט וואָס מע עסט דאָס...

איכ גיב ניט איבער ביזנ סאָפ אלצדינג, וואָס בראָכע האָט דאָ ארויסגעזאָגט. וואָרטמ בראָכע, אז זי הייבט אָנ צו רעדנ, וועט זי אזוי גיכ ניט אנשווײַגנ ווערנ. פיניע ווייסט עס גלײַכ מיט מיר. רוקט ער אָנ דאָס היטל אונ נעמט דעמ וועג. דאָס איז די בעסטע אייצע. איכ טו אויכ אזוי.

ד

„קענדי-סיגאר-סטיישאָנערי-סטאָר מיט פינפ רומס. גרויסער בארגיינ. גוטע ביזנעס. בעסטע נאכבארשאפט. אורזאכע סינגעל. שנעל איבער-געבנ". וואָס זאָגט איר אפ דער איוורע? איאָ, ס'איז בא אײַכ טאר-גומ-לאָשנ? מע מוז אײַכ פארטײַטשנ איטלעכס וואָרט באזונדער. אניט, וועט איר ניט פארשטיינ.

דער פשאט [1] איז אזוי: „עס גיט זיכ איבער א קלייט, ווו מע פארקויפט קאָנפעקטנ, סיגארעטנ, שרײַבגעצײַג, גאזעטנ אונ נאָכ אזעלכע זאכנ. א גרויסע מעציע. מאכט גוטע געשעפטנ. די בעסטע שכײנימ. אונ מאכמעס דער באלעבאָס איז ניט קיינ באווײַבטער, דעריבער גיט ער איבער דאָס געשעפט וואָס גיכער"...

דאָס האָבנ מיר ארויסגעלייענט פונעמ פייפער, אונ מיר האָבנ אלע דערפילט, אז דאָס איז פאר אונדז די ריכטיקע ביזנעס. גלײַכ ווי געמאָסטנ. אונ מיר האָבנ אָנגעהויבנ גיינ אָנקוקנ די ביזנעס. פריער

1 די פאָשעטע טײַטש.

זענענ געגאנגענ די מאנצבלענ. דאָס הייסט, מייַנ ברודער עליע, אונדזער כאווער פיניע אונ מיר אינצווייענ, דאָס הייסט, איכ אונ מייַנ כאווער מענדל, וואָס מע רופט אים שוינ מייק. אונדז זענענ די ביזנעס געפעלנ. דערנאָכ זענענ געגאנגענ די ווייַבער: די מאמע, מייַנ שוועגערנ בראָכע אונ פיניעס ווייַב טייַבל. איז זיי ניט געפעלנ. איטלעכע פונ זיי האָט געפונענ אנ אנדער כיסאָרנ. מייַנ מאמע האָט געזאָגט, אז ס'איז איר צו וויַיט פונ דער שול. דאָס הייסט, ס'איז אפ יענער גאס אויכ פאראנ א שול. איז דאָס אָבער א פרעמדע שול. ניט אונדזער קאסרילעווקער שול. פרעגט בא איר עליע, אויב אינ דער שול איז דער אייגענער יִדישער גאָט, וואָס אינ יענער שול? ענטפערט אים די מאמע, אז דער גאָט איז דער אייגענער, נאָר די יִדנ זענענ אנדערע. זי איז צוגעווינט צו די קאסרילעווקער יִדנ. מיט קאסרילעווקער יִדנ, זאָגט זי, דאוונט זיכ גאָר אנדערש. זי קאָנ זיכ ניט פאָרשטעלנ, וויאזוי וועט זי הערנ אנ אנדער באלטפילע, ניט אונדזער הערש-בער דעמ כאזנ?

ה

דאָס איז דער מאמעס טייַנעס. מייַנ שוועגערנ בראָכע האָט אפ די ביזנעס אנ אנדער כיסאָרנ: וואָס וועלנ מיר טאָנ, זאָגט זי, מיט אזויפיל רומס? צו וואָס דארפנ מיר פינפ רומס? האָט אונדז אונדזער שכיינע פעסיע די גראָבע געגעבנ אנ אייצע: מיר זאָלנ די איבעריקע רומס פארדינגענ. אָפּגעבנ צו א פאָר קווארטיראנטנ מיט קעסט. דאָ ווערט דאָס אָנגערופנ: „אריַינעמענ באָרדערס". א „באָרדער" הייסט א שאָכנ, א קווארטיראנט. זאָגט בראָכע: „נאָכ דאָס פעלט אונדז. האָבנ צו טאָנ מיט קעסט-קינדער". אונ טייַבל זאָגט איר נאָכ איטלעכס וואָרט, ווי א פאָפוגייַ: „נאָכ דאָס פעלט אונדז. האָבנ צו טאָנ מיט קעסט-קינדער"... זאָגט פיניע צו זייַנ ווייַבל: „טאָמער וואָלסטו אמאָל געזאָגט דייַנ אייגנ וואָרט, ניט איבערקייַענ בראָכעס ווערטער?"... טרעט ארויס בראָכע אונ קילט אָפּ אונדזער פיניענ: „איטלעכער איז א מייווינ אפ יענעמ, ניט אפ זיכ"... אונ טייַבל כאזערט איבער: „איטלעכער איז א מייווינ אפ יענעמ, ניט אפ זיכ"... רופט זיכ אָנ פיניע צו זייַנ ווייַב: „וואָס וואָלסטו געטאָנ, ווענ דו זאָלסט זייַנ אליינ?" ענטפערט אימ בראָכע: „וואָלט איכ — זאָלט איכ, לעקעכ —

איז מעקעך״... און טײַבל זאָגט איר נאָך: „וואָלט איך — זאָלט איך, לעקעך — איז מעקעך״... טוט פּיניע א שפּײַ אויס „טפו!״ — און גייט אוועק.

ו

מיינט איר, אז נאָר מיר אליין זענען געגאנגען אָנקוקן די ביזנעס? עס האָבן זיך מאטריעך געווען אויך אונדזערע מעכוטאָנים, אונדזערע פרײַנט און באקאנטע. קוידעמקאָל איז געגאנגען אונדזער מעכוטן, יוינע דער בעקער. דערנאָך — זײַן ווײַב, אונדזער מעכוטעטעסטע, ריוועלע די בעקערן. ביידע מיטאמאָל קאָנען זיי ניט איבערלאָזן די קנישעס אפ העפקער. מוזן זיי אלעמאָל גיין אייניציקווײַז. דערנאָך איז געגאנגען מוישע דער אײַנבינדער. און נאָך אים — פּעסיע די גראָבע... נאָר שא! דאָ מוז איך מיך אליין אונטערברעכן און זאָגן אפן הייגן לאָשן: „עקסקיוז מי, איך האָב געמאכט א מיסטייק״. אפ אונדזער מענטשלעך לאָשן וועט עס הייסן: „האָט קיין פאריבל ניט, איך האָב געהאט א טאָעס״. פריער איז געגאנגען אונדזער שכיינע פּעסיע די גראָבע, דערנאָך ערשט איז געגאנגען איר מאן, מוישע דער אײַנבינדער. און נאָך זיי זענען געגאנגען גלאט א פּאָר באקאנטע גוטע-פרײַנט, וואָס דאַוונען מיט אונדז אין איין שול, דאָס הייסט, א פּאָר קאסרילעווקער ייִדן, וואָס פארשטייען אין די ביזנעס. האָט זיי דער ביזנעסמאן ניט שיין אופגענומען. דאָס הייסט, ער האָט זיי פּאָשעט דורכגעטריבן. ער האָט זיי געזאָגט, אז ער האָט זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט אזא גרויסע מישפּאָכע! האָט דאָס מײַן מאמע פארדראָסן. איז זי אוועק צו אים מיט מײַן שוועגערן בראָכע. האָט אים בראָכע אָפגעשפּילט א וויוואט, אז ער וועט זי האָבן צו געדענקען! דער סאָף איז געווען, אז דער ביזנעסמאן האָט געשוואָרן בא גאָט, אז ער גיט אוף די ביזנעס נאָר צוליב דעם, וואָס ער גייט כאסענע האָבן. איצט האָט ער שוין כאראָטע. אז א ייִדענע, זאָגט ער, קאָן האָבן אזא מויל, ווי אונדזער בראָכע, איז ניט קעדײַ צו כאסענע האָבן. שוין גלײַכער, זאָגט ער, בלײַבן ביזן טויט א סינגעלמאן. דאָס הייסט, א באָכער.

ז

דאָס איז אָבער נאָר געזאָגט. דער ביזנעסמאַנ איז אויסגעגאַנגענ פאַרקויפנ די ביזנעס, פּונקט אַזוי ווי מיר האָבנ געכאַלעשט נאָכ די ביזנעס. אובּיפראַט, אַז אונדזער סטענד האָבנ מיר שוינ קימאַט פאַרקויפט. איכ זאָג „קימאַט״, וויַיל דער גרינהאָרנ, וואָס איז געגאַנגענ איבּערנעמענ אונדזער סטענד, האָט אונדז מיט גוואַלד אַרייַנגעשטופּט צענ טאָלער אַנ אופגאָב. דאָ הייסט עס אַ „דעפּאָזיט״. מיר האָבנ שוינ כאַראָטע געהאַט, וואָס מיר האָבנ בּאַ אימ גענומענ דעמ דעפּאָזיט. וואָרעמ דער גרינהאָרנ איז געהאַנגענ איבּער אונדז דעמ גאַנצנ טאָג, ער האָט שוינ גאָר ניט געוואָלט אָפּטרעטנ פונ אונדזער סטענד. אַ ייִד אַ גודניק, אַ סאַכ אַ גרעסערער גודניק פונ מיַינ בּרודער עליע. מיַינ בּרודער איז גאָלד אַקעגנ אימ. ער האָט זיכ אונדז אַזוי אַיַינגעגעסנ אינ די בּיינער, אַז מיר האָבנ אימ געוואָרפנ אינ פּאָנעמ אַרייַנ זיַינ דעפּאָזיט. האָט ער אָבער ניט געוואָלט אימ נעמענ צוריק. ער האָט זיכ פאַרליבּט אינ אונדזער סטענד. ער איז געווענ זיכער, אַז מיר וועלנ גליקלעכ. „אַ גרינהאָרנ בּלייַבּט אַ גרינהאָרנ!״... אַזוי זאָגט אונדזער כאַווער פּיניע.

ח

וואָס הייסט אַ „גרינהאָרנ״? — פרעגט מיכ עפּעס גרינגערס! מיַינ כאַווער מייק ווייסט אויכ ניט, וואָס דאָס איז. מיר הערנ, אַז מע זאָגט „גרינהאָרנ״ — זאָגנ מיר אויכ. איכ בּינ אַ בּאַלנ געווענ אָפּ אַ טשיקאָ-ווער אָפּמאָלנ דעמ ייִדנ, וואָס האָט אָפּגעהאַנדלט בּאַ אונדז דעמ סטענד, מיט אַ וויַיס קרייַדל אָפּ די שטיינער פונעמ טראָטואַר. נאָר אָפּנ שטערנ האָבּ איכ אימ צוגעזעצט אַ לאַנגנ האָרנ מיט גרינע קרייַד. האָט איר בּאַדאַרפט הערנ די געלעכטערנ, וואָס זענענ געווענ. אַלע האָבנ דערקענט אונדזער גרינהאָרנ, אונ אַלע האָבנ געלאַכט. אַכוץ מיַינ בּרודער עליע. ער האָט ניט געלאַכט. דאָס הייסט, שלאָגנ האָט ער מיכ ניט געשלאָגנ. נאָר ער האָט מיכ געצווונגענ, איכ זאָל מיט אַ נאַסער שמאַטע אָפּווישנ דעמ גרינהאָרנ. אַניט, וועלנ מיר דאַרפנ צאָלנ שטראַפּ. פאַר יעדע זאַכ צאָלט מענ דאָ שטראַפּ. פּרוווט אַ שפּיַי טאָנ אינ סטריט — וואַקסט אויס אַ גאָראָדאָוואָי (דאָ הייסט ער „פּאָ-ליסמאַנ״). ער נעמט אייַכ פאַר אַנ אויער אונ פירט אייַכ אָפּ גלייַכ

אינ כאַד-גאַדיע אַרײַנ (דאָ הייסט עס „פּאָליסטיישענ"). אונ דאָרטנ שטראָפירט מענ אײַך אָפּ אינ פינפ טאָלער. זייער שטרענג אינ אמעריקע!

ט

קערט איר אוואַדע מיינענ, אז דאָ איז אַזוי ריינ אונ זויבער, ווי אינ אַנטווערפּענ, אונ קיינער שפּײַט ניט אפּ דער סטריט? האָט איר א טאָעס. מע שפּײַט אונ מע כראַקעט, אפּ וואָס די וועלט שטייט. אמעריקע — א פרײַע מעדינע. סײַדנ עפּשער אפּ דער פינפטער עוועניו. אונ דאָס — ניט אומעטום. נאָר דאָרט, ווו די מיליאָנערנ זיצנ. מיליאָנערנ שפּײַענ ניט. שפּײַענ שפּײַט נאָר דער, וואָס ס'איז אימ ניט גוט. אונ דעמ רײַכנ איז דאָך גוט — וואָס וועט ער שפּײַענ?..

XVIII

מיר מופּנ

א

אינ אמעריקע איז א מינהעג — מע מופט. דאָס הייסט, מע פּעקלט זיך פונ איינ דירע אינ דער אַנדערער. פונ איינ ביזנעס אינ דער אַנדערער. יעדער איינציקער מוז מופנ. מופט ער ניט מיט זײַנ גוטנ ווילנ, מאַכט מענ אימ, ער זאָל מופנ. דאָס הייסט, אז איר צאָלט ניט קיינ דירע-געלט (דאָ הייסט עס „רענט"), גיט מענ אײַנ אפּ אײַך אונ מע וואַרפט אײַך אַרויס. ווערט דאָס אָנגערופנ, אז מע האָט אײַך אַרויסגעמופט. דעריבער טאָרט איר זיך ניט ווונדערנ, אז מע טוט אײַך א פרעג: „ווענ מופט איר?" אונ אז מע פרעגט אײַך, מוזט איר ענטפערנ. פאַר ניט וועלנ ענטפערנ האָט מײַנ ברודער עליע געכאַפּט א פּסאַק פונ אונדזערנ א קאָסטאָמער, וואָס גיט אונדז צו לייזנ פאַר מעטשעס (שוועבעלעך). דאָס הייסט, ער באַקומט פונ אונדזער סטענד אַלע וואָך א באָקסל מעטשעס אָנ געלט. דאָ גיט מענ שוועבעלעך אומזיסט. מע דאַרפ גאָר ניט וואַרטנ, ביז מע וועט געבנ. מע גייט צו אונ מע נעמט אַליינ.

ב

דער קאָסטאָמער, וואָס איך דערצייל אײַך, איז א מאָדנער מענטש. עס איז קעדײַ, איך זאָל אײַך אים אָפּמאָלן. ווער ער איז, און וואָס ער איז — ווייסן מיר ניט. ווו ער וווינט, און וואָס זענען זײַנע ביזנעס — ווייסן מיר אויך ניט. קיין רײַכער מאַן, ווײַזט אויס, איז ער ניט. דאָס זעט מען נאָך זײַן אויסגעריבענעם קאָוט, וואָס ער בײַט אים קיינמאָל ניט איבער. נאָך זײַן אָפּגעבארעט קאַפּעליושל און נאָך זײַנע געלאַטעטע שיך. דערפאַר איז ער אָבער זייער אַן אַקוראַטנע מענטש. ער קומט צו אַלע טאָג אין דער זעלבער שאָ און צו דער זעלבער מינוט. ער נעמט דעם מאָרגן-פּייפּער, טוט אין אים א קוק אַרײַן אַף דער ערשטער און אַף דער לעצטער פּיידזש, כאַפּט א קוק אויך אין דער מיט פונעם פּייפּער און לייגט אים אַוועק צוריק. קויפן האָט ער נאָך קיין איינציק מאָל ניט געקויפט בא אונדז קיין זאַך. אַכוץ, וואָס ער נעמט אַלע וואָך א באַקסעלע מעטשעס אומזיסט. און אַכוץ, וואָס ער לייענט אַלע טאָג דעם מאָרגן-פּייפּער. האָט דאָס מײַן ברודער עליע מיסטאַמע פאַרדראָסן. איין מאָל א כאָכמע, צוויי מאָל א כאָכמע. אָבער ניט אַלע טאָג. איז זיך מעיאַשעוו עליע איינמאָל און טוט אים א זאָג:

— עס קאָסט א פּעני...

דער קאָסטאָמער טוט זיך זײַנס. דאָס הייסט, ער לייענט די ערשטע און די לעצטע פּיידזש פונעם מאָרגן-פּייפּער. מײַן ברודער העכערט דאָס קאָל:

— עס קאָסט א סענט!..

דער קאָסטאָמער טוט א קוק אין מיטן, לייגט צונויף דעם פּייפּער און לייגט אים אַוועק אַפן זעלבן אָרט, ווו ער איז געלעגן.

ג

. . . .

. . . .

[אַף דעם אָרט ווערן איבערגעריסן מאָטל פּייסי דעם כאַזנס מײַסעס פון אַמעריקע. „מיר מופּן“ איז געווען די לעצטע זאַך, די לעצטע שורעס, וואָס שאָלעם-אַליכעם האָט געשריבן עטלעכע טעג פאַר זײַן אַוועקגיין פון אונדז, שווער ליגנדיק אַף זײַן טויטן-בעט. ער האָט נאָך אַוועקגעשטעלט א גרויסן געקסיוועטן אָס „ג“, נאָר נאָכן גימל גייען אין מאַנוסקריפּט ליידיקע ווײַסע בלעטלעך, אַזוי אַז דער אומבאַקאַנטער „קאָסטאָמער“ אָן א נאָמען בלײַבט אומבאַקאַנט, און די אַלע ווײַטערדיקע בילדער און טיפּן פונעם ייִדיש-אַמעריקאַנישן געטאָ-לעבן, וואָס האָבן געדעגט דעם שטענדיק-וואַכנדיקן דימיען פון אונדזער גרויסן שילדערער אין זײַנע לעצטע טעג, בלײַבן פאַרשלאָסן און פאַרזיגלט פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור.

וועגנ דעמ דאָזיקנ לעצטנ קאפיטל פונ שאָלעמ־אלייכעמס שאפנ (אונ עפשער אויכ וועגנ דעמ פריערדיקנ פאָר־לעצטנ קאפיטל פונ „מאָטל פּייסי דעמ כאזנס אינ אמעריקע") איז אונדז, זייַנע הויז־מענטשנ, אויסגעקומענ צו הערנ פונ אימ אליינ. דינסטיק דעמ 9־טנ מייַ, אינ אָוונט, דאָס הייסט, פיר טעג פאר זייַנ טויט, האָט מענ מיכ דורכנ טעלע־פאָנ אוועקגערופנ פינ מייַנ ארבעט אונ איבערגעגעבנ, אז שאָלעמ־אלייכעמ רופט מיכ, איכ זאָל באלד קומענ. פונ די דאָקטוירימ האָב איכ געוווּסט אונ בינ געוועזנ זיכער, אז דעמ קראנקנס לאגע איז ניט ערנסט אונ אז עס דארפ נאָכ נעמענ עטלעכע טעג, ביז ער וועט געזונט ווערנ. אונ דאָכ האָט מיכ דעמ גאנצנ וועג, פונ דער „איסט סייד" ביז בראָנקס, געדריקט א מאָדנער שווערער אנגסט. איכ האָב זיכ בארויִקט ערשט דעמלט, ווענ איכ האָב דערזענ דאָס פענצטער פונ שאָלעמ־אלייכעמס צימער, פונ וועלכנ עס האָט זיכ געגאָסנ א שטילער רויִקער שייַנ.

איכ האָב געטראָפנ שאָלעמ־אלייכעמענ אפנ בעט דאפקע מונטער אונ עטוואָס אויפגע־לעבט. מע האָט אימ געהאט אייַנגעגעבנ נארונג אפ א קינסטלעכנ אופנ, ווייַל די דאָק־טוירימ האָבנ געגלייבט, אז דאָס איז גוט פאר אימ א נערוועזע מאָגנ־קראנקייַט. מיט עטלעכע שאָ צוריק, נאָכ מיטיק, בינ איכ געווענ בא אימ אינ צימער, נאָר איצט האָט ער געזאָגט, אז אימ דאכט זיכ, אז ער האָט מיכ ניט געזענ שוינ עטלעכע טעג. מיט א שוואכנ שמייכל אפנ אויסגעמוטשעטנ געזיכט האָט ער דערציילט, וואָס פאר א ווונדערלעכע ווירקונג די קינסטלעכע נארונג האָט אפ אימ געמאכט — עס האָבנ זיכ אימ מאמעש געעפנט די אויגנ אונ ער זעט פאר זיכ די ליכטיקע וועלט. צווישנ אנדערעס האָט ער מיכ געפרעגט, צי מע ווייסט אינ דער רעדאקציע פונ דער „ווארהייַט" (ווו ער האָט די לעצטע צייַט גע־שריבנ), אז ער איז קראנק, אונ האָט אונדז דערציילט, אז הייַנטיקע נאכט (דאָס הייסט די נאכט פונ מאָנטיק אקעגנ דינסטיק) האָט ער געשריבנ, נישט קוקנדיק אפ די גרויסע יעסורימ, וואָס האָבנ אימ נישט אָפּגעלאָזט א מינוט ניט. „איכ ליג אזוי אונ ליג א גאנצע נאכט, — האָט ער דערציילט, דערבייַ שווער געכאפּט דעמ אָטעמ, — שלאָפנ קאָנ איכ ניט, די געדאנקענ טראָגנ... וואָס זשע איז דער טאכלעס אזוי צו ליגנ? זאָג איכ צו דער מאמע: וואָס וועל איכ דאָ אויסליגנ? ביז טאָג איז נאָכ ווייַט... אמער, גיב אהער די פענ אונ די פּאפּקע מיטנ פּאפּיר, וועל איכ כאָטש שרייַבנ. שרייַבנ איז מיר א סאכ גרינגער, וואָרעמ סייַוויסיי מוטשענ די געדאנקענ, לאָזנ ניט צורו... אונ אָט אזוי פּאוואָלינקע האָב איכ אָנגעשריבנ עטלעכע קאפּיטלעכ פונ מאָטלענ"...

אונ די עטוואָס מידע, הימל־קאָלירטע אויגנ, וואָס האָבנ די לעצטע טעג אָפּגעגעבנ מיט א מאָדנע בלויקייַט, א ריינע, א ווייַטע, ווי די בלויקייַט פונ הימל, האָבנ דערבייַ אופגעשטראלט מיט א קינדיש־קינסטלערישער באגייַסטערונג.

דאָס זענענ געווענ די לעצטע שורעס פונ שאָלעמ־אלייכעמס שאפנ, אונ דאָס זענענ געווענ זייַנע לעצטע ווערטער, וואָס ער האָט גערעדט וועגנ זייַנ שרייַבנ. אפ מאָרגנ איז זייַנ לאגע געוואָרנ ערנסט, די דאָקטוירימ האָבנ זיכ פארלאָרנ, אונ דאָס אומגליק איז אויסגעוואקסנ נאָענט, ווי א כמארע...

דאָס לעצטע מאנוסקריפּט „מיר מופנ", כאָטש ס'איז געשריבנ מיט שאָלעמ־אלייכעמס כאראקטעריסטישער פייַנער אונ קלאָרער האנטשריפט, איז דאָכ צו דערקענענ, אז ס'איז געשריבנ געוואָרנ שוינ ניט מיט א געזונטער לייַכטער האנט. די אויסיעס זענענ עטוואָס גע־צוקט אונ געקרימט, גייענ ניט אומעטומ גלייַכ, נאָר דאָ גרעסער אונ דאָ קלענער, אונ זענענ שוינ ניט אזוי פּערלדיק אונ געטאָקט, ווי דער באריִמטער געטאָקטער פּערל־קסאוו פונ שאָלעמ־אלייכעמ. עס איז אויכ קימאט נישט צו באמערקנ אינ דעמ דאָזיקנ לעצטנ קסאוו־יאד קיינ אויסגעמעקטע אונ פונ אויבנ צוגעשריבענע שורעס, אזוי ווי ס'איז טאָמיד געווענ די געוווינהייַט פונ שאָלעמ־אלייכעמ שטארק צו בּאארבעטנ אונ צו שלייַפנ זייַנע ווערק. די עטלעכע קליינע קאפּיטלעכ זענענ, אדאַנעמ, געשריבנ געוואָרנ פונ דער ערשטער האנט אונ האָבנ עטלעכע טעג געוואַרט אפ זייער מייַסטער, ער זאָל זיי באפוצנ אפ זייַנ שטייגער — אונ האָבנ זיכ ניט דערוואַרט...

אָנמערקונג פונ י. ד. בערקאָוויטש[1].]

---

1 שאָלעמ־אלייכעמס עלטערער איידעמ.

אינהאלט

זייט

מאזלטאָוו, מיר זענען שוין אין אמעריקע! 3
קריַאס־יאם־סוף 12
אין געפענקעניש 20
א יאם פון טרערן 28
מיט ביידע פיס אף דער ערד 35
אין ניו־יאָרק אף דער סטריט 42
די כאליאסטרע אף דער ארבעט 48
מיר זוכן א דזשאָב 55
מיר ארבעטן אין שאפ 62
מיר סטרײַקן! 70
קאסרילעווקע אין ניו־יאָרק 80
מיר מאכן א לעבן 86
די רעפוע פאר דער מאקע 93
מיר קאָלעקטן 101
מיר גייען אין ביזנעס 109
העללאָו, לאנדסמאן! 114
מיר גייען פארגרעסערן די ביזנעס 122
מיר מופן 128

Редактор *А. Фрумкин.* Художник *Г. Ингер.* Техред. *Ф. Фрумкина.*

Подписано к печати 8/I-48 г. Б-00201. Печ. листов 8.25. Учетно-издательских л. 5,94
Формат бумаги $82x110/_{32}$. Тираж 15.000 экз. Заказ № 141. Ц. 3 р. 25 к.

Типография Госиздательства „Дер Эмес“, Москва, Старопанский, 1.